STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05234

DER TRAYER MESHORES, ODER, DI FRUME DINST MEYDIL

Shimon Bekerman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-05234-5

D:\YIDDISH\Titles\9780657052348T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

דֶער

טְרַייֶער מְשָׁרֵת

אָדֶער דיא פְרוּמֶע דִינְסְט מֵיידִיל

א ראמאן אין צוויא טהיילען

פֶערְפַאסְט פון

ש. בֶעקֶערְמַאן

ISIDOR HURWITZ
LIBRARY
OF THE
C. R. S.

הזכות מכור לצמיתות להאחים ר׳ חיים ור׳ פרץ בלעטניצקי
והנני מזהיר לכל יחיד איש להדפיס בלי רשיון האחים הנ״ל
ש. בעקערמאן

װארשא

שנת תרמ״ג לפ״ק

ДЕРЪ ТРАІЕРЪ МЕШУРЕСЪ

Т. Е. ВѢРНЫЙ СЛУЖИТЕЛЬ

РОМАНЪ ВЪ 2-хъ ЧАСТЯХЪ.

Сочиненіе Ш. Бекерманъ.

Варшава. — Въ Типографіи С. Оргельбранда Сыновей,
Беднарская улица N. 20.
1883.

Дозволено Цензурою.

Одесса, 18 Октября 1882 года.

№ 385

פאָרעדע

דאס איז אנדערש ניט נאר עפיס אפאר שאלטענע זאך דיא הקדמה. איך ווייס שוין אליין ניט וואס איך זאל דא טאהן, דער ציילין איז שלעכט. דער צייל ניט איז טראווערדיג. שווייגין איז נאך ערגער, ווארום עס קען דאך לאסנען דיא גאל שווייגענדיג. דיא געשיכטע איז מיט אלע צאצקעס. איין אינטעריסאנטער ראמאן. וויא מאכט מען צוא איהר ניט קיין הקדמה. נוא שוין, איך שרייב שוין, וואס זאל איך שרייבין, וואלטין מיר אזוי קיין שלעכטס ניט וויסין וויא איך ווייס ניט וואס מיא שרייבט. איך ווייס אליין ניט וואס האט דיא הקדמה פאר זינדיגט אז עס קומט צוא איהר זאל ניט זיין וואס צוא שרייבין, שאט! עס איז מיר גאר פון זינען ארויס איך האב זיך דער מאנט, דיא קאפ איז מיר אזוי שוואך אז איך האב זיך אין דערינען גאר פאר געסין, דאס האבן דיא גוטע יודען פאר שאלטין דיא מחברים פאר וואס מען קריטיקירט זייא, אז מען זאל זיך שטענדיג מאטערין אויף דער הקדמה. היינט זעהט איהר שוין אז מען טאר פון קיין גוטע יודין ניט לאכין וואס זייער קללה האט אן גימאכט, נאר פאר וואס איז מיר זייער קללה גישעהן ווייס איך נישט. איך גיב ערשט ארויס אין גאנצין דיא אנדערע געשיכטע און רייד פון זייא ניט, און אז איך דער צייל יא עפעס פון זייא האב איך דאך דאס גיזעהן מיט מיינע אויגין הייסט דאך דאס ניט גיקריטיקירט, נאר זאל דאס מיר טאקי זיין איין אפקומעניש פאר מיינע זינד, און דער וויל אזוי דער ציילענדיג איז גיווארין איין הקדמה, און איך רעכין אז דאס איז גאנץ גינוג און מער שרייבין אין דער הקדמה דארפט איר אליין פון מיר ניט פאר לאנגען, אז זייא האבין דאס פאר שאלטין און איך האב פאר אקללה שטארק מורא.

דער פערפאססער

ISIDOR HURWITZ LIBRARY OF THE J.C.R.S.

2-40

1.

ניט פריילך אין שטאט

אין גאטעס ווילן וואס האט איר צוא מיר וואס ווילט איר מיך אומגליקליך מאכן קענט איהר מיר גייטין איך זאל חתונה האבין, אז איך פאר לאנג ניט אז מען זאל אוף מיר אוף צוג מאכין איר דארפט וויסין אז איך בין איין עלענדע יתומה און איר ווילט אז איך זאל זיין דיא כפרה פאר דיא גאנצע שטאט, אט דיא רייד האט גירעט מיינע פון איר הארץ איונגע יתומה בלומה פון 17 יאהר זיא איז גיגאנגען אין — אפגראסט ציצענע קליידיל אירע צוויא שיינע אויגין האבן ביא איהר געפינקעלט וויא צוויא שטערין אין הימעל אירע צוויא שיינע באקין האבן גישיינט וויא צוויא רויזין אין מאיאווע צייט, און איר איידעלעס געזיכט איז געוועזן צוא דער קאנען אויף איהר אז עס איז א שיינע בלום און זיא וואקסט צווישין דערנער, אט דיא רייד האט זיא גירעט מיט א גיבעט צוא ר׳ שלמה'לע פּידים, פון דער געשיכטע וויא מיר האלטין דא אין דער ציילין איז מיט 14 יאהר צוריק איז ר׳ שלמה'לע פּידים צריין גיפארין מיט זיין גאנצער הויז געזינד אין שטאט ר״ם פון זיין פרומקייט דארפין מיר ניט פאר שטעלין, ווארום אין צוויא יאהר ארום וויא ער איז צריין גיפארין האט שוין מיט איהם און מיט זיין ווייב פייגע'רהלע גיקלונגען דיא גאנצע שטאט. אויף איין ארעמען ברית איז ר׳ שלמה'לע גיוועזן סנדיקה, און ער פלעגט אויס האלטין דעם ברית מיט אלע הוצאות, אין דער שול וויא ער דאט גידאווינט איז ער גיוועזן דער בעסטער קונה אויף איין עליה, און אתה הראת, און זיין ווייב פייגע'רהלע האט גימאהן פון איר זייט זיא הט צו נויף געמאכט אויף ארימע חתונות ביא איהר איז תמיד געוועזן גיפרעגעלטעה איינגימאכין וואס זיא פלעגט צוא טראגין ארימע חולים. אין שטאט האט מען גירעכינט פאר אגליק וואס גאט האט גיגעבין ר׳ שלמה־לען אדעה אז ער זאל זיך ביא זייא באזעצין, מיא האט אן זיין דעה ניט גיטאן וואס אדאר איז ווערט. ער איז געווען דער גבאי פון בקור חולים און פון תלמוד תורה, ער האט גיהאט אזאהן דניאל'קע פון 21 יאהר ער האט גהאלטין ביא זיך פאר אידם אמלמד וואס ער פלעגט מיט איהם לערנען זעקס שעה אין טאג, און דער מלמד האט דער פאר ביא זייא גיגעסין שבת און אטאג אין דער וואך, מיא האט גיזאגט אז דניאלקע מיט זיין פרומקייט וועט נאך איבער גיין דעם טאטין, ער איז געוועזן שווארץ וויא אמוראן נאר אז ער פלעגט אפּט אקוק טאן אין שפּיגל האט איהם ניט גיהארט וואס ער איז אזוי שווארץ און זיין נאז וואס איז ביא איהם געוועזן איין גיפלעטקעט, עס האט איהם גיבארט אט ער פלעגט דער זעהן אין שפּיגל זיינע לאנגע פּאות וואס ער האט גיטראגן און זיין לאנגע קאפּאטעה מיט דעם גארטיל וואס ער איז גיגאנגען, ער האט תמיד מקנא גיוועזן זייער משרת בערקע וואס ער איז גיגאנגען דיא האר ארום גשוירין און ער האט גיטראגן אקורצן ראק, ער האט שוין וויפיל מאל גיוואלט ביא זיך רעכט מאכין אונטער שערין דיא פּאות, און בעטין דעם טאטין אז ער זאל איהם מאכין

אקורצערע קאפאטע, און ער האט זיך מורא געהאט איין שטעלין, ווארום ער האט זיך דער מאנט אז דער טאטע איז אהער אריין געפארין האט ער זייא אלעמען אן געזאגט אז מיא זאל זיך שכל האבין וויא אויף צוא פיהרין זיך, און מיא זאל האלטין צונג מיא זאל ניט קוקין וואס מיא איז אמאל געגאנגען פאנאטיש געקליידט, דיא ווערטער האבין איהם שוין גימאכט אז ער האט דאס פאר קיינעם ניט גיקענט ארויס ריידין. נאר פאר זייער משרת בעריקען וואס ער איז מיט זייא צוא זאמען אריין געפארין, פון זיין מלמד דארפין מיר ניט פאר שטעלין מיא קען פאר שטיין נאך זייגע שכירות וואס ער האט ביא זייא גינומען אז ער איז גיוועזן אישיבה בחור אדער אקלויזניק אין שטאט האט מען איהם טאקע גירופין מאטקע דער פאר זעסענער ישיבה בחור, אנדערע האבין איהם גערופין מאטקע דער קאלטענוואטער, וויל ביא איהם איז גיוועזין קאלטענוואטעה פאות, נאר מיר וועלין איהם רופין מאטקע דער פאר זעסענער ישיבה בחור. ערשטענס וויל ער איז אלט גיוועזן 28 יאהר און ער האט ניט גיהאט קיין גליק צוא קיין שידוך, בשעת אז ער איז מיט זעקס יאהר צוריק גיקומען צוא פאהרין אין דער שטאט ריב און ער האט זיך גיזעצט לערנען אין בית המדרש האט ער גיבעטין דיא שכנים אז זייא זאלין איהם געבין עפיס אשידוך, דיא שכנים האבין זיך צוא איהם צוא גיכאפט אזוי וויא ציא עפעס רעכטס זייא האבין גיוואלט דיא מציאה אימיצין אריין שפאנין נאר יעדער האט גיזאגט אויף איהם איין אנדער חסרון, דער האט גיזאגט אז ביא איהם זענען דיא אויגין פעלמיוואטעה, איין אנדערער האט גיזאגט אז עס רינט ביא איהם פון נאז, און דיא פאות זענען קאלטענוואטע, דיא שכנים האבין גישריגין אז זייא זענין קיינער קיין מבינים ניט אויף איהם וואס פאר אזעלטענהייט דאס איז, דיא שכנים האבין זיך גימאטערט מיט אלע מעגליכקייט און זייא האבין איהם ניט גיקענט אימצען איין שלייערין עס איז זייא אליין גיוועזן אונגערער וואס אויף אזוי אסחורה איז קיין בעלנים ניטא נאר זייא האבין אן גינומען אז ער האט ניט קיין גליק צוא קיין שידוך, און ער איז געבליבין מיט דעם נאמען מאטקע דער פארזעסענער ישיבה בחור, דאס איז אייך ליבע לעזער באוואוסט אז ער איז גיוועזין אמלמד פאר ר' שלמה'לעס זאהן און איז גיזעסין דער ביא וויא ר' שלמה'לע האט גירעט מיט כעס צוא דער עלינדע יתומה בלומה, דוא חצופה דוא לייזאצקע דוא געמסט זיך נאך איבער אנטקעגין מאטקען? דוא דארפסט האבין אזכיה אז ער וויל דיך נאך נעמען, דוא הערסט ניט וואס אין שטאט טוט זיך אז עס קערט אזוי וויא מיט אפעזים עפעס אקאטאוועס אזא אהאליערע? מאטקע איז איין שיינער מענטש פאר דיר, פאר וואס הארט איהם ניט וואס מיא שטעלט דיא חופה אויפין בית עולם פון אייער חופה וועלין דאך דיא גאנצע שטאט גיהאלפין ווערין, סאיז עפעס אקלינקייט אזוי אזכיה. קענט איר מיך גלייבין אז איך זאל חתונה האבין, האט גיענטפערט בלומה מיט טרערין, וואס ווילט איר מיך אומגליקליך מאכין איר זוכט אייער הילף דורך מיין אומגליק, און דיא רייד האט זיך אויף געעפינט דיא טיר און עס איז אריין גיקומען ר' בנימין דער רופא, גאט זאל שומר ומציל זיין עס איז גאנץ שלעכט. הלואי זאל גאט פאר בעטערין איר ווייסט ר' שלמה'לע אז עס איז אוועק גיגאנגען איבערין שבת דער גאנצער שפירט מיט דעם גאנצין עסיג און מיא דארף באצאהלין סטעגאנען וואס ער האט גישטעלט סאמאווארין אנאנצין שבת, נוא דוא הערסט וואס עס טוט זיך? האט ר' שלמה'לע זיך אן גירופין צוא בלומהן דוא לאזט זיך נאך בעטין, איך זאג דיר אז דוא זאלסט אויף הערין וויינען עס וועט דיר גאר ניט העלפין, ר' בנימין וואס האט ניט גיוואוסט פון דער גאנצער מעשה

וואס

וואס זיא בעהט זיך אזוי וויא איינער וואס פאלט אריין צווישן מערדער אז מיא זאל אויף איהר רחמנות האבן, און מיא זאל איהר ארויס לייזן פון זייערע הענד. האט ער זיך אן גירופן גיט ר׳ שלמה׳לע עפעס געלד דער וויל וואס מיא דארף האבן אין קאמיטעט, ווארום איך האב קיין צייט ניט איך דארף אוועק גיין עס איז היינט דא אסאך חולים. איך האב אבער אייך גיזאגט האט זיך ר׳ שלמה׳לע אן גירופן אז מען זאל קלעפן קוויטלאך מיא זאל שבת קיין צאלינט ניט רוקן, דער טשאלינט האט געווים פאר שאט דעריבער איז היינט דא אסאך חולים, איר דארפט וויסן ר׳ שלמה׳לע אז דער זכות פון דעם היילגן שבת וואס מיא עסט דעם טשאלינט קען דאס קיינעם ניט פאר שאטן, האט ר׳ בנימין גענטפערט, וואו איז דאס אייער פייגע רחל׳ע וואס מיא זעהט איהר ניט אין שטוב, האט ער גיפרעגט, איר זענט אזוי וויא ערשט גיקומען צוא פארן און איר וויסט גאר ניט וואס דא טוט זיך, מיין פייגע רחעל׳ע גייט אום אגאנצע טאג מיט חנה דער ליבט ציערקעה אויף מאכן געלט, מיא וועט דאך היינט שטעלין אחופה אויפן בית עולם, דער מאנט זיך וואס מיא דארף דא האבן געלט, מאטקע הט ניט קיין געלט אויף אטלית און מיא דארף בראנפן און לעקאך, און היינט אוועטשערע וואס עס וועט דארפן קאסטין, אונ וויא קויפט מען ניט דער יתומה אטיכל אויפן קאפ זיא זאל האבן מיט וואס צוא דעקין איהרע האר נאך דער חופה, אין דיא רייד האט אויס גישריגן בלומה מיט אבימערין גיוויין, גוואלד וואס האט איר צוא מיר! מיין יונגע מוטער וואס זיא ליגט איונגע אין דער ערד וועט ניט שווייגין אז איר קינד וואס האט זיך אפ גישטעלט אויף דער גרוסער וועלט איינע אליין עלענד און עס איז זיך ניטא צוא וועמען צוא קערין און וועגדין, און איר ווילט איהר אומגליקליך מאכין, ר׳ שלמה׳לע האט גאר ניט ציא גיהערט איהרע רייד ער האט גיגעבין ר׳ בנימינן געלט אויף שפירים וואס מיא דארף האבן אין קאמיטעט, און ער האט איהם אן גזאגט אז ער זאל אריין גיין צוא דעם ראבינער נעמן אקוויטיל אוף דער חופה שטעלין, ר׳ בנימין האט צוא גינומען דיא געלט און ער האט איהם צוא גזאגט אז ער וועט ברענגען אקוויטיל פון דעם ראבינער, און ער איז אוועק גיגאנגען.

2

צוא גיטראפין אזוי וויא גיוואונשין

מיר זעהן אפט אז מען האלט פון אסאך זאכין וואס דאס גיט צוא הילף צוא פרנסה אדער צוא גזונד, און מען פאר שטייט אליין ניט מיטין שכל וויא אזוי דאס גיבט צוא דיא הילף, אנאר מער ניט וואס מען גלייבט אין דערינען, איך זאג אייך ליבע לעזער אז עס האט מיר שוין אזוי פיל צוא גידריקט וואס איך האב גיזעהן מיט מיינע אויגין אז איך מוז שוין זאגין מיא לאכט פון חסידים וואס זייא גלייבין אין אגוטין יוד. היינט וויא זאל מען שוין לאכין אז מען שלאגט ציא פאדקאוועס פון פערד צוא דיא טירין און מיא גלייבט אז דאס גיט ציא פרנסה. קען דען דיא פאדקאווע העלפין, אזוי וויא מיא שטעלט אחופה אויפן בית עולם אז דאס זאל העלפין צוא חאליערע. פון אזעלכע כיתות מענטשין וואס גלייבין אין דערינען איז גיוועזין ר׳ בנימין דער רופא, קיין עקזאמען אויף רופעריא האט ער ניט אפ גיגעבין

ער

ער האט גיהאט זיין אייגענע קעסטיל מיט רפואות, אז ער האט אפט עפעס ניט גיוואוסט פלעגט ער אריין קוקן אין דעם ספר רפואות, ער האט זיך גענוצט מיט דעם בעל שם טוב'ס סגולות, ער האט וויפיל מאהל אמעות גיהאט ביי א חולה מיט זיינע רפואות, נאר מיר קענען איהם ניט חושד זיין אז ער האט עפעס מיט דער מיט גימיינט ווארום ער איז גיוועזין אפרומער ייד ער איז גיגאנגען לאנג גיקליידעט, זיין וואוקס איז גיוועזען אמיטעלע, זיין שווארצע בארד און זיינע לאנגע פאות וואס איז גיוועזען לאנג ביז אין גארטיל האבין זיך דורך גיווארפין גראווע האר, דיא וועלט זאגט אגלייך ווארט, אז יעדער בעל דרשן דרשנט פון זיינעט וועגין, דאס איז זייער ריכטיג, ר׳ בנימין וואס האט גיגלייבט אז מען וועט שטעלין דיא רופה וועט שטילער ווערין אין שטאט, איז ער אוועק גיגאנגען פון ר׳ שלמה'לעם הויז אצוטראגענער אז דאס וועט איהם איבער שלאגין זיין פרנסה. ער האט צוא זיך אליין גירעט, ביא דארף זעהן אז דער ראבינער זאל איהם ניט געבין קיין קוויטיל, איך וועל איהם דער ציילין וויא דיא מיידיל וויינט אונ זיא בעט זיך אז זיא וויל ניט חתונה האבין, וועט ער ניט געבין קיין קוויטיל, און דער ראבינער וועט מיר אהין נעמן פאר איין ארענטלבען מאן אז איך וועל ריידין פאר יתומים, מיט דיא גידאנקען איז ער אוועק גיגאנגען צו דעם ראבינער נאר ער האט איהם ניט גיטראפין אין דער היים, מיר זעהן פיל מאהל אז יעדער זוכט זיין גליכין מיט וועמען ער זאל האבין פאר ברענגען דיא צייט, דער ראבינער האט אין גאנץ שטאט ניט גיהאט מיט וועמען אויס צוא ריידין אוואורט ער האט ניט גיקענט צוא זעהן זייער אויף פירונג, נאר אין איין הויז פלעגט ער אריין גיין פאר ברענגען אפט דיא צייט, וואס ער האט אין זייא דער זעהן איידעלע כאראקטארין מיט ריינע גידאנקען, ליבע לעזער איך מוז געווים אינטערעסירין וואס געפינען זיך פאר מאסקירטע מענטשין און נארין דיא וועלט. קומט מיט מיר אויף אקליינע ווילע וועל איך אייך אריין פירין אין דעם הויז וואס דער רבינער פלעגט אריין גיין פאר ברענגען דיא צייט, וועט איר זעהן ריינע גיזיכטין אן מאסקעס, אין דעם הויז ר׳ מרדכי פרידמאן מיט זיין פרוי מלכה ער האט גיהאט צוויא קינדער אזאהן סאלאמאן פון 19 יאהר און אטאכטער ראזעה פון 17 יאהר ר׳ מרדכי האט זיינע צוויא קינדער גילאזט בילדין אויף דער העכסטער שטופע, דער זאהן איז גיוועזין אריין גיטאן אין געשעפט זייא האבין גיהאט אמאגאזין פון זילבער און פון גאלד, דער פאטער פלעגט אפט ארום פארין מיט דיא סחורה צוא פריצים, אז דער פאטער איז גיוועזין אין דער היים איז ער גיזעסין אין געשעפט און סאלאמאן האט פאר בראכט דיא צייט אין קאנטוירים און אין בילדונג מיט זיין שוועסטער רויזען, אין שטאט האט מען גירעט אויף זייער הויז וואס מיא זיצט אן היטלען און מיא גייט ארוים שבת מיט דיא זאנטיקעס אין דיא הענד, נאר ר׳ מרדכען האט דאס ניט גיהארט ווארום ער האט גיוואוסט אז ער טוט מיט דעם קיינעם קיין רעה ניט, ער האט מער ניט גיזוכט אז דער אנדערער זאל האבין פון איהם אטובה, פון זיין הויז איז קיין ארוכאן קיין מאל ניט אוועק גיגאנגען מיט ליידיגין, ער האט יעדערין ליב גיהאט וויא זיך אליין, און דאס פאר שטייען מיר אז פון אגוטען בוים גייט ארוים שיינע צווייגין, דארפין מיר שוין ניט פאר שטעלין וואס פאר אגוטע הערצער זיינע קינדער האבין גיהאט, אין דעם הויז ביא ר׳ מרדכי פרידמאן וויא מיר האבן דא פאר גישטעלט, איז גיזעסין דער ראבינער ארום אגרויסין גלעכדיגין טיש, ארום טיש איז גיזעסין ר׳ מרדכי מיט זיינע קינדער און מען האט פארבראכט דיא צייט אין איידעלע ראזגאווארין, האט זיך אויף

גיעפינט

גיזעגנט דיא מיר, און עס איז אריין גיגאנגען ר׳ בנימין דער רופא, דער הער ראבינער איז דא? האט ער גיפרעגט מען האט מיר גיזאגט אז ער איז בייא אייך. ר׳ בנימין וואס דארפט איר האט אים דער ראבינער גיפרעגט, איר ווייסט דאך הער ראבינער וואס עס טוט זיך אין שטאט איך דארף דאך אייך ניט דער ציילין, בין איך גקומען צוא אייך בעטין אז איר זאלט געבין אקוויטיל, מיא וועט היינט שטעלין אחופה אויפין בית עולם. ווער איז דער חתן מיט דער כלה? האט גיפרעגט דער ראבינער. דער חתן איז מאטקע דער פאר זעקענער ישיבה בחור, דיא כלה איז איתומה, עס איז אויף איהר ארחמנות איר זאלט זעהן הערר ראבינער וויא זיא וויינט און זיא וויל ניט התונה האבין נאר וואס קען מען טאהן אביא עס וועט זיין דער פון דיא הילף. איך גיב אויף אזוי אחתונה קיין קוויטיל ניט, ווער איז דאס וואס הייסט מאכין דיא חתונה? האט דער ראבינער גיפרעגט, דאס איז ר׳ שלומה׳לע, און בייא איהם אין שטוב איז דער חתן מיט דער כלה, איר ר׳ בנימין זאלט אן זאגין אז מען זאל זיך ניט דער וועגין שטעלין דיא חופה, און איך וועל קיין קוויטיל ניט געבין, ר׳ בנימין האט גיזאגט אגוטין טאג, און ער איז אוועק גיגאנגען, און ער האט צוא זיך אליין גירעט, דער ראבינער האט מיר צוא גיטראפין אזוי וויא גיוונטשין, ערשט האב איך שוין ניט וואס ציא זארגין אביא ער האט קיין קוויטיל ניט גיגעבין וועט שוין מיין פרנסה ניט פאר שטערט ווערין. וויא ר׳ בנימין איז פון ר׳ מרדכי פרידמאן ארויס גיגאנגען זענין אריין גיקומען צוויא ווייבער פייגע רחעל׳ע מיט חנה דער ליבט ציערקעה נאך אנדבה. ר׳ מרדכים פרוי מלכה איז ניט גיוועזן בשעת ר׳ בנימין איז גיקומען נאך דעם קוויטיל, זיא איז נאר וואס אן גיקומען פון גאס, וויא דיא צוויא ווייבער זענען אריין, האט זיא זייא גיגעבין אשיינע נדבה און זייא זענין אוועק גיגאנגען, מלכה איז אריין אין זאאל, הערר רבינער מען האט שוין גינומען בייא אייך אקוויטיל אוף דער חתונה וואס וועט היינט זיין? איך האב איצט גיגעבין אנדבה אויף דער חתונה. אזעלכע אמער גלויבער גייען נאך ארום נדבות מאכין, האט דער רבינער זיך אן גירופין, ווען זייא זאלין גלייבין אין גאטט און זייא זאלין האבין אפונק פון רחמנות וואלטין זייא ניט גימאכט דיא חופה, ווערליג איך האב ערשט גיהערט וויא דיא יתומה וויינט אז זיא וויל גאר קיין חתונה ניט האבין, און בייא זייא איז רעכט אמענטשין אומגליקליך מאכין אביא זייא זאלן גיהאלפין ווערין, און זייא רעכענען אז דאס וועט זיין אהילף, גיין, מען קען זיך אויף אזוינע מענטשין ניט פאר זיכערין, זייא קענין נאך שטעלין דיא חופה אן אקוויטיל, איך מוז אליין גיין צוא ר׳ שלמהלען און זעהן וואס דארטין טוט זיך, צוא וואס דארפט איר גיין אליין? האט ר׳ מרדכי גיפרעגט איר קענט אריין שיקן אפאפיר אין פאליציי אז מען זאל ניט לאזין שטעלין דיא חופה. איך זעה אז דיא גאנצע צייט וואס מיר קענין זיך האט איר ר׳ מרדכי מיין לאגע ניט בערעכינט איך האב גיהארעוועט אכט יאהר ביז וואנין איך האב דער גרייכט צוא דעם עקזאמען, אז איך זאל קענען ווערין ראבינער, לסוף וויפיל בלוט צאפט מען פון מיר אפ בייא יעדען וויבאר, און איך דארף זיין אונטער גיווארפין בייא א״ע שניידער און שוסטער און בייא דיא פראסטע מענטשין, און אז איך וויל זייא ניט טאהן אזאך וואס עס איז ניט פראוולנא שטראשען זייא מיך באלד מיט דעם וויבאר, פאר שטייט איר שוין ר׳ מרדכי אז איך דארף גיין אליין צוא ר׳ שלמה׳לען און בעטין מיט גוטין, און אויף ווייזין אז נאר גאטט קען העלפין, און ווייטער העלפט קיין זאך ניט, דער ראבינער האט גיבעטין ר׳ מרדכין מיט סאלאמאנען אז זייא זאלין

מיט

מיט איהם גיין צוא זאמען, זייא האבין זיך אן גיטאן און זענין אוועק גיגאנגען:

3.

גיוואָרין אוים חתן

מאטקע איז שוין גיוועזן גרייט צוא דער חופה פון זיין צד איז שוין גאר קיין מניעה ניט געווען, ער האט אפילו ניט גיהאט קיין זאכין וואס איבער ביטין, און ר' שלומה'לע האט איהם גיגעבין אפאטשיילקע ער זאל ניט ווישין דעם נאז מיט דער פאלע, ער איז שוין גישטאנען גרייט צוא דער חופה, פייגע רחעלה מיט חנהן דער ליבט ציערקע האבין אויף גימאכט געלט, און מען האט אן גיהויבין גרייטין דיא וועטשערע, דיא יתומה בלומה האט ניט אויף גיהערט צוא וויינען, זיא האט זיך גיבעטין אז מיא זאל אויף איהר רחמנות האבין און מען זאל איהר ניט חתונה מאכין, נאר ר' בנימין איז ארויין גיקומען מיט דעם נייס אז דער ראבינער וויל קיין קוויטיל ניט געבין, און ער האט אן גיזאגט אז מען זאל זיך ניט דער וועגין שטעלין דיא חופה. מיר וועלין איהם גאר ניט הערין, האט ר' שלומה'לע גיענטפערט מען זאל איהם וועלין פאלגין וואס ער הייסט וואלט שוין פון אונזערע קינדער גיקענט ווערין שוין לייט, גאט ווייס וואו אהין זייא וואלטין פאר קראכין, דאס הייסט ער מאכין שולין אויף לערערען, דאס גייט ער אלע מאל אויף מאכין געלט אויף גימנאזיסטין, מען קען פאר שטיין וויא אזונער גלייבט אין גאטט, אז ער זוכט אזעלכע מצות, איר ר' בנימין גייט שוין ניט אוועק מיר וועלין נעמען דעם חתן מיט דער כלה און מיר וועלין גיין שטעלין דיא חופה, איך גייא! האט זיך מאטקע ארויס גיכאפט, ר' בנימין האט דאס אפילו ניט גיוואלט ליידין, נאר ער האט שוין ניט גיקאנט העלפין, ער האט זיך אן גרופין קומט לאמיר ניט הייען דיא צייט, און לאמיר אן הייבין גיין, גוואלד וואס ווילט איר פון מיר האבין! האט ארויס גישריגין בלומה מיט טרערין, וואס ווילט איר מיך קוילין, פאר לאנגט דען גאטט אז מען זאל איהם געבין אמענטשין פאר אקרבן? אז אברהם אבינו האט גיפירט זיין זאהן יצחק צוא דער עקדה האט אויך גאט ניט גיהייסין איהם קוילין, און איר ווילט מיר אפ געבין פאר אקרבן פאר גאנצין שטאט. אבער דיך קולעט מען דאך ניט, האט גיענטפערט ר' שלומה'לע, דיר מאכט מען דאך חתונה, אין דיא רייד איז ארויין גיגאנגען דער ראבינער מיט ר' מרדכי פרידמאן מיט זיין זאהן כאלאמאן, בלומה איז זייא געפאלין צוא דיא פים מיט אגעוויין, ראטעוועט מיך! האט אויף מיר רחמנות! מיא האט מיך ארויין גינומען און מען האלט מיך דא אגאנצין טאג, און מיא לאזט מיך ניט אוועק גיין, מיא נייט מיך מיט גוואלד אז איך זאל חתונה האבין. אום גאטטעס ווילין? האט דער ראבינער גיפרעגט וויא אזוי נעמט מען ארויין אמענטשין מיט גוואלד, און מען זאל אים נייטין אז ער זאל טאהן ניט מיט זיין ווילין, וואס רעט איר הערר ראבינער, האט ר' שלומה'לע גיענטפערט, וואס הייסט איהר ארויין גינומען מיט גוואלד? חנה דיא ליבט ציערקע האט איהר אויס גיהאדעוועט קיין פאטער און מוטער האט זיא ניט מען מוז דאך שטעלין אחופה, האב איך גיהייסין חנהן דער ליבט ציערקעה אז זיא זאל זיא ברייגען צוא מיר, וואו האט איר דאס גיזעהן אז דאס זאל שטיין ערגיץ געשריבין וואס איר האט זיך איין גיגלייבט אז אחופה וועט העלפין, איר ווילט טאהן אזוי אזאך וואס אין גאנץ

תורת

תורת משה און אין תלמוד ווערט דס ניט דער מאנט אז עס טרעפט אמגפה זאל מען שטעלין אחופה אופין בית עולם. בעטראכט דוד המלך'ס ווערטער (ויעמוד פנחס ויפלל ותעצר המגפה) פינחס האט זיך געשטעלט מתפלל זיין איז פאר האלטין גווארין דיא מגפה, איך בעט אייך ר' שלמה'לע אז איר זאלט גאר אויף הערין קלערין וועגין דעם. און גאטט קען געבין דיא הילף אן דער חופה, דיא גאנצע צייט איז ר' מרדכי מיט סאלאמאנען געשטאנין און זייא האבן ניט געערדט קיין ווארט, זייא האבן ניט געקענט צוא זעהן דעם צער פון דער יתומה וויא זיא האט געוואבין מיט טרערין. ר' מרדכי האט איהר אן גנומען פארין האנט און האט איר געבעטין אז זיא זאל אויף הערין צוא וויינען און ער וועט איהר צוא געמען צוא זיך:

איר זענט מיין רעטטער! וואס איר האט מיך איצטער געראטעוועט פון איין אומגליק! האט בלומה אויס געשריגין. און זיא האט געכאפט קושין זייא דיא הענט, דער ראבינער האט גדאנקט ר' מרדכין פאר וואס ער נעמט איר צוא ציא זיך, ר' מרדכי האט גינומען בלומה'ן פארין האנט און זייא זענן אלע אוועק געגאנגען:

פייגע רחעלעה וואס האט ניט געוואוסט פון דער גאנצער געשיכטע וואס דא האט זיך אלץ געטאהן זיא איז גוועהן אין קעך פאר טאן מיט דער וועטשערע גרייטין, זיא איז ארײַן גיקומען אין שטוב. מאטקע וואס שטייסטע עפעס דעם נאז צראפ גלאזין? דוא ווילסט אפשר אויך ניט חתונה האבן? וואס רעט איר פייגע רחעל'ע! מיא האט דאך שוין גאר צוא גינומען דיא כלה, האט מאטקע געענטפערט מיט איין אומעטיגע מינע:

אן אזייט איז געשטאנין ר' בנימין דער רופא און האט ציא געשמייכילט, איהם הט אהנאה גיטאהן וואס מיא וועט שוין ניט שטעלין קיין חופה, ער האט גיגלייבט אז דער פון זאל שטיל ווערין, און ער זאל בלייבין אן פרנסה. מאטקע, איך וויים ניט וואס שטייסטו דעם נאז אראפ גילאזין האט זיך ר' בנימין אן גרופן, דו זעהסט דאך אז דאס איז צוא ליב דיין מזל, דיא שדכנים האבן שוין לאנג גזאגט אז דוא האסט קיין גליק ניט צוא קיין שידוך, ביא ר' שלמה'לען אין הויז איז אנדערש ניט געבליבין פאר רעכינט אז עס קען טרעפין מען זאל צוא נעמען דיא כלה פאר דער חופה, איז דאס צוא ליב מאטקען, ווייל ער האט ניט קיין גליק צוא קיין שידוך. דעריבער איז ער גווארין אויס חתן:

4

דיא ליבע

דער שפיגל בעווייזט שטענדיג דעם מענטשין דיא צייט. און ער ווייזט דעם מענטשין וואס איהם פעהלט: אז דיא צייט גייט גוט דעם מענטשין און ער גיט אבליק אין שפיגל זעהט ער אפרייליכין געזיכט, דער אייגענער שפיגל ווייזט דעם מענטשין אין דער שלעכטער לאגע אבליכין געזיכט אן מוטה און אן פריילבקייט, דער קראנקער וואס שטייט אויף פון זיין קרענק, אדער דער ארעסטאנט וואס איז געזעסין וויפיל יאר אין אסטראג, פיהלט ער ניט אן זיך וויפיל עס איז איהם אפ

גקומען

געקומען געזונד, אז ער קוקט זיך איין אין שפיגל, זעהט ער וויפיל איהם פעלט, דער פעוויזער קען מער ניט ווייזן נאר אויף פרייליכע געזיכטען, און וואס עס ווערט געמינערט אין געזונד. און אויף גוטע זיטען און איידעלע כאראקטארען איז דער שפיגל דער פון די גוטע מענטשען וואס אין זייא דער זעהט מען די פעהלערין וואס מען האט אין זיך. אזוי ווי מיר זעהען איצט ביי בלומען, אז ר׳ מרדכי האט איהר צוגענומען צו זיך, האבען זייא איהר געטרייסט אז זיא זאל ניט זארגען:

זיא איז צווייא טאג געווען ביי ר׳ מרדכן אין הויז און זייא האבען איהר נאך דעם אוועק געגעבען צו נחמה דער נייטארין, זיא זאל זיך לערנען נייען, און מען האט געדונגען פאר איהר אלעהדער ער זאל גיין צו דער נייטארין און געבען איהר אשעה, די צוויי טאג וואס זיא איז ביי זייא געווען האט זיא אין דעם הויז דער זעהן ביי זייא פאר זיך איין שפיגל אין בילדונג און פון איידעלע כאראקטארין, זיא האט בעדויערט די צייט וואס זיא איז געלעגען אין דער פינסטער צווישען מענטשען וואס זיא האט זיך פון זייא ניט געקענט לערנען און ניט פאר שטיין ווי אזוי מען דארף זיך אויף פיהרען אזוי ווי די לעזער ווערען ווייטער לעזען:

מיר זעהען אפט אז די איידעלסטע קינדער וואס זייא שעצען זייערע עלטערין און טוען קיין זאך ניט אן זייער וויסען, און זייא ריידען ארויס פאר זייא זייער פערלאנג, די קראפט פון ליבע האט אין זיך אזוי אשטארקייט אז דער פערלאנג פון ליעבע ווערט פון די עלטערין פאר הוילט, עס איז געוועזען אין נאווענר ביי ר׳ מרדכי פרידמאנן אין הויז איז סאלאמאן געזעסן אין זיין צימער פאר טראכט און האט צו זיך אליין גירעט. אך, וויא שלעכט דאס איז אז מען האט פערבארגענעס אין הערצין און מען קען פאר די עלטערין ניט ארויס ריידען, ווען איך וואלט אם וויינגסטען געקענט דעם הייליגען געהיים דעם פאטער אנטרוען, וואלט איך איהם צו די פיס געפאלען און מיט הייסע טרערין וואלט איך איהם געבעטען דאס ער מיר דאס גליק פון אונזער שטוב ניט דער ווייטערין, און דאצוא נאך צו אזוי איין אריםע ארבייט זיא האט שוין גינוג ליידען און אנגסטען פיל אין איהר לעבען פאר טראגען, אז זיא איז גיהארעוועט גווארין ביי חנהן די ליבט ציערקע אין שטוב, זיא גיהער דאך שוין געווים געוואגט זיין מיט דר שווערער ארבייט, נאר דאך קען דאס מיין הערץ ניט שטילען, אז אזוי איינעם קינד זאל אזוי פיל ליידען אין איר קליינעם לעהבענס לויף, אם וויינגסטען וואלט זיא קענען האטש זיך ביי אונז סטאלעווען וואלט איהר דאך איהרע קרעפטען מעהר געדינט איהרע שווערע ארבייט צו טאהן, און איך וואלט איהר קענען אפט מיט מיינע אויגן זעהן, און פלייכט נאך איינגע ווארטען מיט איהר אויס ריידען. אך, וויא מיך פרעסט דאס הערץ, פיל לייכטער וואלט מיר גווארין אין מיינעם הערצין ווען איך וואלט איהר קענען זאגין אם וויינגסטען די איינגעה ווערטער, הימעלישע קינד איך ליעבע דיך און ליעבע דיך, עס איז מיר פאר שטעלט ביי דער נייטארין קען מען ניט ריידען, איך זאל זיך זעהן מיט איהר אין איין אנדער ארט גייט זיא ניט אין ערגעץ זיא האט ניט צו וועמען צו גיין, איך מוז ארויס שרייבען מיין הערץ אין אבריף צו איהר און איר אליין אפ געבען מיט מיין האנט, ער האט גנומען פאפיר און אויף געשריבען אבריף און איז דעם נאוויגט גיגאנגען איבער צו געבען איהר, ער איז געקומען צו דער

מיר

מיר פון דער נייטארין איז ער געבליבן שטיין פון דער מאראלישע שטימע וואס ער האט געהערט וויא בלומע האט געזונגען דיא ליעדער :

1.

עלענד בין איך געבליבן אויף דער וועלט .
איך האב זיך יונגער הייט פון אפאטער און מוטער אפ געשטעלט .
דיא גאנצע צייט בין איך אין דער פינסטער געלעגין .
איצטער האב איך אן גיהויבן זעהן אשיין פאר זיך אנטקעגין .

2.

איך האב געוואלט קענען און וויסן עס איז נישט געווען קיין וועג .
טרערין פלעג איך פאר גיסן אויף מיינע פינסטערע טעג .
מען האט מיר איצטער אויף דיא פיס אנידער געשטעלט .
איך האב אן גיהויבן פאר שטיין וואס אין מיר פעהלט .

3.

דער מענטש איז שטארק און קען אויף זיך אלץ פאר טראגין .
איך וואלט ניט גיגלייבט אז מיר זאל טרעפן אזוי אגליק מען זאל מיר קומען זאגין .
ווען מען וואלט אין מיר קענטעניס איין פלאנצין .
דאן וואלט שוין זיין מיין גליק אין גאנצין .

וויא זיא האט געענדיגט דיא ליעד איז אריין גקומען סאלאמאן. אין איר געזיכט האט זיך גימינעט אלערליי קאליארן, זיא האט זיך פאר שעמט וואס ער האט גוויס געהערט וויא זיא האט גזונגען האט זיא בייא זיך גירעכינט.

סאלאמאן האט זיך פאר איהר פאר נייגט, איך בין אריין גיגאנגען צוא אייך פרעגן ציא דער לעהרער גיט אייך אלע טאג דיא שעה, און ציא ער לערינט מיט אייך וואס איהר פאר לאנגט, ער לערינט מיט מיר דיא צוויא שפראכין, רוסיש און דייטש, האט זיא געענטפערט, און וואס איך זאל פאר לאנגען האב איך נאך קיין געפיהל ניט. אויב זייא פאר לאנגען מיין ליבער הערר קען איך זייא צייגין מיין לעקציאן וואס דער לעהרער האט מיר ארויס געגעבן.

ביטטע ביטטע, האט סאלאמאן געענטפערט מיט איין פרייעה מינע, ער איז גווארין פרייער אויף דעם סליטשאי וואס זיא וועט ארויס גיין פון טיש וואס זיא איז גזעסין מיט אלע מענטשין ארום טיש און האט גינייט, ער האט זיך ניט גיקענט קיין עצה געבין וויא אזוי ער זאל איהר אפ געבין דעם בריף, ארום רופין

איר

איהר האט ער גהאט פארכט טאמער וועט זיא מיט דער מיט בעליידיגט ווערין, און אפ געבן איהר אין שטוב פאר אלעמען אין דיא אויגן ווייסן זייא אז זיא איז איין עלענדעה. און זיא האט פון קיינעם קיין בריף צוא בעקומען, ער איז נאך גיגאנגען אין דעם ציממער וואו זיא איז גיגאנגען צוא דעם קאמאר ארויס נעמען דעם בוך אום צוא ווייזין איהם דיא לעקציע, סאלאמאן האט גציטערט דיא הענט ארויס נעמענדיג דעם בריף פון זיין טאש.

בלומה, האט ער זיך אן גירופין, איך האב צוא אייך איין גיבעט איהר זאלט בייא מיר צוא נעמען דעם בריף וואס איך גיב אייך און איר זאלט איהם אליין לעזען, אין דעם בריף בעהענגט אמענטשנס גליק, בלומה איז געבליבען שטיין און האט ניט געוואוסט וואס צוא ענטפערין, מיט איהר ווייס זילבערנע הענד האט זיא צוא גנומען דעם בריף, און האט איהם געוויזין דעם לעקציאן. סאלאמאן האט זיך גשטארקט מיט אלע קרעפטין און האט ניט גקענט אויס ריידין פאר איהר זיין הארץ ער האט איהר גזאגט אגוטע נאכט, און ער איז אוועק גיגאנגען.

ער האט צוא זיך אליין גרעט. אן איהרע איידעלע געפיהלין זעהט זיך אהן אז זיא וואקסט ארויס פון אגרויס ארטיגען ארט. נאר זיא איז נעבאך פאר וועלקעט גוואורין אין שלעכטעה הענט. אך גאט! וויא דער מענטש איז דאס איינע שוואכעה וועזין, ווען איך בין גיגאנגען האב איך גידאכט, דא וועל איך מיינע גאנצעה שטורמיגעה וואלין וואס עס שטורימט אין מיינעם הערצין אויס גיסן פאר איהרע פים, און נאגין אפין זאגין, בלומה נעם בייא מיר מיין הערץ, און שענק מיר דיין ווייס זילבערנע האנט, אבער לייידער בין איך געבליבען שטיין אזוי וויא דער לאקאמאטיוו וואס דאמפף פעהלט אין איהם, מיינע ליפין זענן געבליבין אוג בעוועגט, אך גאט, ווארום בין איך אזוא שוואך? אין האב קיין מוטה גהאט אין דער צייט דעם איינציגל מין ליבעס געפיהלין איבער געבן מונדליך, מיט דיא געדאנקין איז סאלאמאן גאנגען ביז זייער הויז, דיא פאנטאזיע האט איהם אזוי געפיהרט: דאס ער האט ניט געפיהלט אז ער איז שוין לעבין זייער טיר, ער איז אריין גיגאנגען אין זיין צימער און ער האט זיך אפיל בערוהיגט דאכיט, דאס ער האט איהר דעם בריף איבער גיגעבין.

דער זייגער האט שוין גשלאגין צעהן, האט ער צוא זיך אליין גרעט, זיא האט שוין פאר געוויס איהרע שווערע ארבייט אוועק גלייגט און יעצט נעמט זיא זיך צוא איינע פרישע ארבייט מיין בריף צוא לעזין. אך! ווען מיינע אויערין וואלטין זיין אטעלעפאן און הערין מיט וואס פאר אנגידאנקען זיא לעזט דעם בריף. נאר לויט נאך איהרע ציטערדיגע הענד וואס זיא האט בייא מיר דעם בריף גינומען דאס איז איין טעלעגראם דאס מיין בריף וועט איין גרויסן איינדרוק מאכן בייא איר אין הערץ, ער וועט אויף וועקין אין איהר הערץ וואס ביז יעצט איז בייא איהר פאר שטיקט גוועזין דיא שטראלין פון ליעבע.

אין דער זעלביגער צייט וואס סאלאמאן האט צוא זיך אליין אויס גרעט זיין הערץ איז בלומה גלעגין אויף איהר ארומען גילעגער לעבין איהר איז גישטאנען אקליינע דונקעלעה לאמפפע וואס זיא האט האלב פאר שטעלט מיט איהר דעקקע כדי מען זאל ניט זעהן איהר שיין און מען זאל ניט בעמערקין אז זיא לעזט וואס, און מיט ציטערנדע הענד האט זיא ארויס גנומען זיין בריף און האט צוא זיך

גזאגט

גזאגט. גאטט ווייס וואס דא אין דעם בריף ליגט, אדער מיין גליק, אדער . . . אבער ניין. א! איך פערדארבענע אין בליהונג! וויא קען איך דיינקען אויף אזוי איין ענגיל דאס ער זאל וואס שלעכטעס ברייגען. ניין ניין. אוועק פון מיר שלעכטע גידאנקען. ברענגט מיר ניט צוא קיין זינד. דאס איך זאל טראכטין שלעכטעס אויף אזוי אמענטשין וואס ער האט מיר גוטעס גטאהן. געוויס איז דא פאר מיר איין אונערווארטעטער גליק. מיט דיא געדאנקען האט זיא דעם בריף אויף געפינט און האט אן גיפאנגען צוא לעזין. מיין ליבענס ווערדיגעה טהייערע בלומה! פיל קרעפטין ליבעה בלומה קאסט מיר דער אנדעקין וואס איך אנדעק יעצט פאר דיר, איך האב גידאכט אז דוא וועסט מיט דיינע צוויא שיינע אויגין אליין קענן לעזין פון מיין געזיכט, און מיט איינציגע ווערטער זאגין, סאלאמאן איך בין דיין, מיין שטורימדיגע הערץ צוא שטילין, אבער איך האב דאס דער וויל צוא האפין פון דיר, אזוי וויא דיא זאהנע ווייזט זיך אין איין טריבעס טאג און זיא גיבט אשיין און פאר גייט צוריק אין וואלקין, אזוי האסטו זיך בעוויזין צוא אונז אין הויז אנטקעגין מיר, גאר איך וועל מיינע גאנצע קרעפטין אן ווענדין און דעם וואלקין פאר טרייבין, אז איך זאל קענען דיא זאהנע ווידער קריגין. עפענטליך גזאגט. בלומה דוא ביזט דער שיין! בלומה איך ליבע דיך! איך האב דיר איין מאל מיין הערץ אוועק גישענקט און נעם זיא ניט צוריק. דאס זעלבעה בעט איך פון דיר מיט הייסע טרערין, שענק מיר דאס זעלבע וואס דוא האסט ביא מיר גענומען, ליבע בלומה, איך האב גוואלט אויס שרייבין אלעס וואס אין מיינעם הערצין געפינט זיך, גאר מיינע גידאנקען ווארפין מיר וויא דיא וואלין פון מעער עס קומט צוא דעם ברעג און גייען ווידער צוריק. גאר דער מענטש לעבט מיט דער האפענונג איך האף אויף דער גליקליכער מינוט וואס איך וועל דיר ערווארטען אונטער דער שטאט שבת דריא דעם זייגער. ווארום איך ווייס אז דוא ביסט אגאנצע וואך פאר נומען מיט דער שווערער ארבייט. און דוא קענסט ניט אוועק גיין. אט דער איינציגער האפענונג בערוהיגט מיר, איך וועל ציילין דיא מינוטין און דיא שטונדין ביז דער שבת וועט קומען וואס איך וועל ערווארטין אז דוא זאלסט צוא מיר קומען, פון מיר סאלאמאן פרידמאן.

זיא האט געענדיגט לעזין דעם בריף און צוא זיך אליין גירעט, וואס קאן איך איהם ענטפערין? קען איך גלייבין אז ער זאל מיך ליבין וואס איך בין דיא נידערגסטע פון דער גאנצער וועלט איינע אליין עלענד, וואס וועל איך גיין שבת צוא איהם. ניין, סאלאמאן איז איין ערענטליבער מאן. ער מיינט ניט קיין פאלשקייט. גאר עס איז דאך אן איהם ניט בעוועגט, זיינע עלטערן וועלין דאס איהם אוועדע נישט דער לאזין. איך וועל גיין שבת צוא איהם אויס ריידין פאר איהם מיין הערץ וועט ער אליין פאר שטיין אז דאס קען ניט זיין, דיא געדאנקען האט איהר ניט געלאזט רוהען, זיא האט גנומען דעם בריף נאך אמאל לעזן דיא דונקעלעה לאמפע איז אויס גלאשין גווארין, בלומה, וואס זיא האט זיך אהן גימיט אגאנצע טאג פון איהר ארבייט האט איר דער גישמאקער שלאף איין גימיט און האט איר פאר שלעפערט.

דעם אייגענעם נאוויגד וואס זיא האט גלעזין דעם בריף איז ביא ר' מרדכי פרידמאנן אין הויז זענן אלע געזעסין ארום טיש איז אריין גקומען איונגער מענטש פון 21 יאהר מיט דעם בריף, ליעבער פריינד ר' מרדכי, דיעזער מענטש וואס ניט

איך אפ דעם בריף מיט זיין האנד בעט איך אייך אז איר זאלט איהם געבן אשטעלע ביא אייך אין געשעפט. איך רעקאמאנדיר אייך אז ער איז אין ארענטליכער מאן. און ער איז פעהיג צום געשעפט בעט איך אז איר זאלט דעם עלענדין מענטשין יאזעף צוקערבערג ניט פאר זאגן. פון מיר אייער גוטער פריינד וואס פאר האפט אז איר וועט דאס מיר טאהן שמואל פיינבערג.

איר הייסט יאזעף צוקערבערג? האט איהם ר' מרדכי געפרעגט. פון וואנען קענט איר זיך מיט ר' שמואלן? איך זאל אייך אן הייבן דער ציילין פון וואנען איך קען זיך. איז דא אסאך וואס צוא הערין. האט יאזעף געענטפערט. זעצט זיך אנידער און דער ציילט, האט ר' מרדכי צוא איהם געזאגט, און זייט ניט פאר זארגט איר וועט האבן ביא אונז אשטעלע. יאזעף האט זיך אנידער געזעצט און האט אן גיהויבן דער ציילין, מיין פאטער איז געזעסין אין דער שטאט לובנה און פון דארט איז ניט וייט דער הויף ווינאוו וואס ער גיהער צוא דעם גראף לאפיצקי, און אז איר זענט בעקאנט מיט ר' שמואלן ווייסט איר דאך אז ער לעבט פון דעם גראף, און ער זיצט ביא איהם אין הויף און יעדער זאך געהט דורך איבער זיינע הענד, מיין פאטער האט גיהאנדילט מיט תבואה פלעגט ער שטענדיג אפ קופין דיא תבואה פון ווינאוו דורך ר' שמואל'ס האנד, דער געשעפט האט אן גיהויבן גיין מיין פאטער שלעכט און ער האט צוא געלייגט פיל געלט און אזוי וויא ר' שמואל און מיין פאטער איז געוועזין צווישין זיך אמונה גוטע פריינד האט ער איהם געראטהן אז ער זאל זיך בעזעצין אין ווינאוו, וועט ער קענען ביא דעם גראף אן נעמען אגעשעפט. ער זאל האבן פון וואנען צוא לעבן, מיין פאטער איז דער פלאן געפעלין געווארין, און מיר האבן זיך בעזעצט אין ווינאוו, יאזעף איז געבליבין שטיין און האט ניט גיקאנט רעדין טרערין האבן זיך איהם געשטעלט אין דיא אויגין.

דער ציילט העדר צוקערבערג מיר ווילין וויסין דא איז עפעס אטרעפונג. אין דער צייט וואס מיר זענן געזעסין אין ווינאוו, האט ער וויטער אנגיהויבן צוא דער ציילין האט מען דעם גראף לאפיצקי בעגאנבעט, 5000 רובל געלט און אויף 10000 רובל זילבער מיט גאלד, און דארטין איז געזעסין אשענקער שלמה פידים. מיר האבן אפילו ניט געוואוסט וואס ער האט צוא אונז גיהאט וואס ער האט אונז אונגליקליך גמאכט. עס איז געוועזין אין איין פריא מארגן איז ר' שמואל צוא אונז גיקומען צוא לופין מיט איין אינפעט, אז ער איז איצט געוועזן ביא דעם גראף, און ער האט געהערט וויא שלמה פידים דער שענקער האט געזאגט פאר דעם גראף אז אין דער נאכט וואס מען האט איהם בעגאנבעט האט ער געזעהן וויא מיין פאטער האט זיך דיא נאכט ארום גידרייט אין הויף, און דאס האט מיין פאטער בעגאנבעט.
דער לאפיצקע איז איין שלעכטער מענטש ער האט געזאגט אז ער וועט באלד מיין פאטער אריין ווארפין אין איין אומגליק, אין דעם אייגענעם פריא מארגין האט זיך מיין פאטער געזעגינט מיט אונז און מיט זיין גוטין פריינד ר' שמואל'ן, און ער איז אנטלאפין פון דעם גראף לאפיצקע אז ער זאל איהם ניט אומגליקליך מאכן, איך בין דאמאלס אלט געוועזן 8 יאהר און מיין מוטער האט זיך אפ געשטעלט מיט אקינד אויף דיא הענד, ר' שמואל האט מיך צוא גנומען צוא זיך און מיין מוטער מיט דעם קינד האט ער ניט געקענט נעמען צוא זיך ער האט מורא גהאט אז דער

לאפיצקע

לאפיצקע זאל ניט זאגן אויף איהם אז ער האלט זייא ביא זיך מן הסתם ווייס ער אויך פון דער גנבה, מיין מוטער איז אוועק געפארין צוא איין פריינדין. עס איז שון פאר ביא געגאנגען אזוי פיל יאהר און מען הערט ניט פון מיין פאטער און מוטער, איך האב זיך נאך געפרעגט אויף דער פריינדין האט מען מיר געזאגט אז זיא איז שון פון יענער שטאט ארוים געפארין, וואו זיא איז געזעסין, אזוי האב איך זיך אפ געשטעלט, אז איך בין אלט געוועזין זיבציג יאהר, און ר׳ שמואל האט מיר אויף גיהאדעוועט און מיר גיגעבין גוטע ערציהונג, האט מיך גלאזט לערנען רוסיש דייטש און פראנצויזיש און נאך פיל קענטעניס, איך האב איהם געהאלפין אין זיין געשעפט נאר ערשט האט זיך ביא אונז אן געהובין הערין מאטעז און לאפיצקע האט פאר לאזין זיין הויף און איז אוועק. ר׳ שמואל האט איצטער קיין שום געשעפט ניט האט ער מיר גיראטן אז ער וועט מיר געבן איין בריף, און איך זאל פארין צוא אייך און איר וועט זיין גיבעהט ניט פאר זאגין.

וויא האט געהייסין אייער פאטער און מוטער? האט איהם ר׳ מרדכי גיפרעגט.

מיין פאטער האט געהייסין אברהם צוקערבערג און מיין מוטער האט געהייסין מרים.

וויא זענט איהר פאר פארין? האט איהם ר׳ מרדכי געפרעגט. איך בין דא פאר פארין אין איין איינפאר הויז מען האט מיר געזאגט אז דאס רופט זיך ר׳ חיים שטיינוואס איינפאר הויז. אין אגאנץ גוטין ארט זענט איר פאר פארין האט איהם ר׳ מרדכי גיענטפערט. דער ר׳ חיים שטיינוואס איז איין הויפט ארענטליכער מאן. איר גייט און רוהט זיך אוים פון וועג און זארגט ניט, קומט מארגין צוא אונז און איר האט אשטעלע. דוא ווייסט מלכה וואס איך קלעהר? האט זיך ר׳ מרדכי אן גרופן, אז דאס קען זיין אז דאס איז דער ר׳ שלמה׳לע פידים, ער גיפעלט מיר פאר איין שלעכטין מענטשין, דוא קוקסט וואס ער איז אפרומער יוד, אזונע פאר מאסקירטע פרומע יודין האט מען שון געזעהן פיהל. הער אויף ריידין אזעלכע נארישקייט, האט איהם מלכה גיענטפערט, מיא וועט נאך פון דיר לאכין, איין שלמה פידים איז דא אויף דער וועלט? יאזעף וואס ער איז געווען מיר פון וועג און ער האט זיך גוואלט גיין אוים רוהען האט ער געזאגט אגוטע נאכט און ער איז אוועק גיגאנגען.

5.

קלערין וועגין אשידוך

יעדערער איז אין זיך גינארט, זאגט דיא וועלט אגלייך ווארט, און מיא קען ניט זאגין אז יעדערער, ווארום מיר זעהען פיל מענטשין וואס זייא נארין ניט דעם אנדערין און זייא זענען ניט גינארט אין זיך, אז מען פרעגט דעם גרויסין חכם זאגט ער אז ער פאר שטייט נאך גאר נישט, דער גרויסער געבילדעטער מאן זאגט אז ער קען נאך גאר ניט, עס איז נאך דא גרעסערע קענער פאר איהם, דער גוט הערציגער מענטש מיט דער גוטער נאטור וואס ער שטיצט דעם גיפאלענעם מענטשין אין דער שלעכטער צייט רעכענט ער וויפיל ער שטיצט איז נאך ווינציג

אנטקעגין

אנטקעגן אנדערע , עס איז דא מענטשן מיט ווייבערעה הערצער און מיט בעמערעה נאטורין פון איהם , נאר אגלייך ווארט איז , אזוי וויא אבגד אוף וועמען ער פאקט , עס גיפינען זיך אזעלכע מענטשן וואס ער קלייט אויף זייא זייער ריכטיג , צום ביישפיל , דער אריסטאקראט , איך מיין דער פוסטער אריסטאקראט ער טוט זיך אהן אין פאנבעגעה און זאגט באנזור צוא נארין לייטין , מען זאל מיינען אז ער איז אקעגער , ער נארט אזוי לאנג לייטין , ביז וואנען ער ווערט אין זיך אליין גינארט , און רעכינט טאקי ביי זיך אז ער איז איין געבילדעטער מאן , אדער דער פאר מאסקירטער פרומער יוד , וואס ער איז נאר פרום אויף לייטין צוא נארין אז מען זאל איהם האלטין פאר אשיינעם מענטשן , ער גיט אמאל אנדבה גיט ער ווען עס איז דא פיל מענטשן ביי איהם אין שטוב מען זאל מיינען אז ער האט אוייך הארץ , ער ווערט מיט דעם נארין גיוואוינט אז ער רעכענט זיך ביי זיך אליין אז ער איז אפיינער מענטש , אזוי וויא מיר זעהן ביי ר' שלומה'לע פידים אין הויז , דער סאמאוואר האט גיזאטין , ארום טיש איז גזעסין ר' שלומה'לע מיט זיין זאהן דאניאל'קע אנטקעגן איז גיזעסין זיין פייגעה רחעלע . עס וואלט שוין זיין צייט אז מיר זאלין שוין טראכטין וועגין אשידוך פאר אונזער דאניאל'קען , האט זיך פייגעה רחעל'עה אנגירופין , פרייער האסטו גיזאגט אז מען קען ניט רידין וועגין אשידוך ווייל עס איז ניט שטיל אין שטאט , אבער היינט איז דאך אין שטאט שטיל גיווארין האט מען שוין גימעגט אנהייבין קלערין , שוין צייט אז מען זאל שוין עפעס נחת האבין פון אונזער זאהן , דוכט זיך אז מיר האבן זיך ניט מיט איהם וואס צוא שעמען , דוא ווייסט אז אלע בענטשין זיך מיט איהם , מיר קענען טאהן מיט איהם אשידוך אז גאטט און לייט זאלין אונז מקנא זיין , און פון געלט איז דאך אונז קיין דאגה ניט , מיר קענען זיך אויס גלייכין מיטין גרעסטין , און עפעס אמתנה פאר אכלה ציא אדרשה גישאנק אז גאט זאל אונז שוין העלפין אז מיר זאלין האלטין דער ביי , גיפינט זיך ביי אונז אויך עפעס .

יא , איך האב זיך דיר גאר פאר געסין פרעגין וואס זאגסטו צוא דער צוא שלומה'לע ? עס איז עפעס אמאדנעה זאך מיא האט קיין חופה ניט גישטעלט און עס איז עפעס שטיל גיווארין אין שטאט .

דוא רעדסט גאר וויא אידינעה , דאכט זיך אז דוא ביסט גילערינט , קומט צוא עפעס פרעגסטו אזוי אזאך , דוא ווייסט ניט אז אין דיא היילינעה ספרים שטייט גישריבין (מחשבה כמעשה) אז מען קלערט נאר צוא טאן איז שוין גלייך וויא מען האט גיטאן , דעריבער איז שוין קיין חידוש ניט וואס עס איז שטיל גיווארין אין שטאט אז מיא האט גיקלערט שטעלין דיא חופה איז שוין גלייך וויא מיא האט גישטעלט , דוא ווייסט פייגעה רחעל'עה וואס מיר איז ארויף גיפאלין אויף מיינעה גידאנקין אז מען זאל שיקין רופין אהער זימל דעם שדכן , און מיר וועלין איהם שיקין צוא ר' מרדכי פרידמאן , וועט ווערין אשידוך אונזער דאניאלק'ע מיט זיין טאכטער , נוא , וואס זאגסטו עס איז אגלייכע זאך ?

ווערליג , מיר האבין דא זיך גימאכט אגרויסין נאמען שטייט אונז אהן אז מיר זאלין מאהן אגרעסערין שידוך , האט זיא גיענטפערט , אגאר מעהר ניט ווייל ר' מרדכי'ס מיידיל גיפעלט מיר זייער זיא איז זייער אשיינע מיידיל .

וואס זאגסטו פייגע רחעל'ה ? זאל מען שיקן רופן זימל דעם שדכן ? אוודאי דארף מען איהם שיקן רופן , האט זיא גיענטפערט , און זיא האט גיגעבן אקניפ פארין באק דאניאלקען , דוא ועסט שוין האבין מיין זאהן אשיינע כלה .

איך זאג דיר שלומה'לע אז מען קאן שוין ניט אויס האלטין פון בערקען ווען מען דארף שיקן אגאנג איז ער ניט דא , דער קלאג וויים איהם ער האט זיך איין גיליבט אין שיינדעלען קומט זיא צוא איהם קען ער זיך גאר מיט איר ניט אפ ריידין , גייט ער אוועק אין גאס וועט ער פאר פאלין .

ניין , מאמע האט זיך דאניאלקע אן גרופין , ער איז ניט אוועק גיגאנגען , ער זיצט מיט שיינדעלע'ן אין זיין חדר און ריידין ביידע .

דיא ליבע לעזער זייען אוודאי בייגעריג צוא וויסן דיא ליבע מיט שיינדעלען , און ווער זיא איז אויב וואהל מיר האבן נאך בערקען ניט פאר גישטעלט , נאר דער וייל וועלין מיר אירר פאר שטעלין . דאס איז אייך ליבע לעזער באוואוסט אז יעדער איז אמבין אויף זיין סחורה מיט וואס ער האנדילט , דער סוחר וואס האנדילט מיט דימענטין איז ער נאר אמבין אויף זיין סחורה , אויף קיין אנדערע סחורה פאר שטייט ער ניט , דאס נעכליכע זעהן מיר ביא דיא בעל מלאכות , דער שוסטער פאר שטייט ניט צוא דיא קליידער זענען גוט גינייט , און דער שניידער פאר שטייט ניט צוא זענען דיא שטיוול גוט גימאכט , ווארום יעדער איז נאר אמבין אויף זיין ארבייט , דער בערקע האט אויך גיהאט גוטע מבינות אויף זיין ארבייט און איז גיוועו גיניט אין זיינע סחורה וואס ער האט גיהאנדילט ער האט דער קאנט שיינדעלען אז זיא איז פון זיינע סחורה , דיא שיינדעלע האט גידינט ביא ר' חיים שטיינוואס אין איינפאר הויז וואס ער איז אונז שוין בעקאנט אין אונזער גישיכטע , זיא פלעגט גיין אלע טאג אין מארק איין קויפין וואס מיא האט גידארפט האבין אין שטוב , עס איז גיוועזין אין איין טאג בערקע איז אויך גיוועזין אויפין מארק וואס מיא האט איהם גישיקט פון ר' שלומה'לע'ן איין קויפין , האט ער דער זעהן פון וייטין וויא שיינדעלע דרייט זיך ארום צווישין דיא וועגין און זיא קוקט זיך אלע מאל ארום , ער האט פאר שטאנען גוט זיין ארבייט , און ער האט דער קאנט אז דאס איז עפעס פון זיינע סחורה , איז ער צוא גיגאנגען צוא איר , און ער איז אן גיקומען וויא זיא האט עטליכע קערבליך ארויס גינומען ביא איינעם . . . ער האט זיך מיט איר אויף גירעט , און עס איז גיווארין ביא זייא אליבע , זייא האבין אפ גירעט אז זייא זאלין דעם גישעפט אן הייבין פאר בריטערין , אז זיא זאל איהם איבער געבין סחורה פון ר' חיים שטיינוואס איינפאר הויז , זיא האט איהם גיפרעגט וויא אזוי וועט ער קענן צוא נעמען , מיא וועט זיך נאך דער וויסן אויף זיין שטעלע , פאר דעם זאלסטו ניט זארגין , האט איהר בערקע גיענטפערט , איך בין אויף אזוי אשטעלע וואס מען מעג וויסין דער פון , וויפיל מיר וועלין האבין סחורה וועלין זייא נאך ביא אונז אפ קויפין , דער שיינדעלין וויא מיר האבין דאה פאר גישטעלט איז זיא גיזעסין ביא ר' שלומה'לען אין הויז אין בערקעס צימער , זאג אליין האט זיך שיינדעלעה אן גירופין איך בין אויף אזוי אשטעלעה וואס מיא טאר ניט וויסין ווער איך בין , און איך דארף זיין גיהיט אז מען זאל מיך ניט פאר שטיין , ווען איך גיט אוועק גיין אלע מאל , פון דעסט וועגין רייס איך זיך אפ און

איך

איך קום צוא דיר, און דוא ביסט שוין וויפיל טאג בייא מיר ניט גיוועזן, ווערליג דוא האסט מיר דער צײלט, אז דיין בעל הבית ר' שלומה'לע איז אגוטער ברודער און ער ווייסט פון דיינע גישעפטין דוא בעהאלסט זיך פון איהם גאר ניט איז דאך דיר גרינגער קומען צוא מיר.

איך קען צוא דיר ניט גיין, האט איהר בערקע גיענטפערט, מען קען בייא דיר דארטין גאר ניט ריידין, און מען קען ניט פאר בריינגען, דאה, האב איך פאר קיינעם קיין מורא ניט, ר' שלומה'לע איז פון אונזערע ברידער.

פאר וואס איז ער מיט דיר פון וויטין? ווען איך קום זעה איך איהם קיין מאל ניט ריידענדיג מיט דיר, ער פירט אפרומעה ראליע, האט בערקע גענטפערט, עס גייען צוא איהם אריין אזעלכע מענטשין וואס עס פאסט ניט פאר איהם ער זאל זיך זעצין מיט מיר ריידין.

דוא ווייסט בערקע אז ר' שלומה'לע איז גראטין אין מיין פאטער. מיין פאטער האט זיך אויך אזוי אוף גיפיהרט, ער איז גיוועזין איין חברה מאן. איין באנדיט, ער האט בעקומען אהיפשעה ביסל געלט האט ער זיך בעזעצט אין בילהאווישאק, און ער האט אן גיהויבין שפילין אפרומע ראליע און ער האט זיך נאך גוואלט איין קויפין אין יחוס האט ער גוואלט טאהן מיט מיר אשידוך מיט אחניאק. דוא פאר שטייסט בערקע וויא אזוי איך וואלט זיין מיט אחניאק, איך האב זיך פאר מיין פאטער ניט געשעמט און איך האב איהם גזאגט, דוא מאכסט זיך נאר פרום אז דער אנדערער זאל ניט פאר שטיין ווער מיא איז, אבער איך וויל ניט זיין פאר שטעלט, איך וויל נעמען אחתן פון אונזערע ברידער, איך האב גזעהן אז איך וועל מיט מיין פאטער גאר ניט אויס פיהרין האב איך זיך אויס גיהאלפין אוף הוצאות און איך בין אוועק אין דער וועלט, איך בין אום גפארין אויף דיא ירידין, און עס איז מיר אוועק גיגאנגען אסאך געלט און איך האב זיך גוט אויס גיהאלפין, נאר דאה ניט לאנג האב איך זיך אויף איריד פאפאדעט מיא האט בייא מיר צוא גנומען וואס איך האב גהאט, איך בין קאם אליין אנטלאפין, און איך בין גקומען אהער און האב זיך גישטעלט דינען ביז איך וועל זיך ווייטער אויס העלפין, איך האב זיך נאך גפרעגט אויף מיין פאטער, האט מען מיר דער צײלט אז ער זיצט שוין אין אסטראג, נוא זאג בערקע פירין מיר ניט קליגער פאר זייא, מיר האבן פאר גיניגען מיר קענן אלעב טאהן און אגולוויע טאהן, זייא פאר שטעלין זיך פאר פרומעה און מיטשען זיך אז מען זאל זייא ניט דער קאנען, לסוף פאלין זייא אויך אריין גלייך מיט אלע חברה וואס פאר שטעלין זיך ניט.

שיינדרעלעה דוא קענסט נאך זיצין דא אביסיל? האט איר בערקע גיפרעגט וועל איך מאכין דעם סאמאוואר וועלין מיר טרינקען טייה, איך קען דאה ניט זיצין, איך דארף שוין גיין, נאר איך האב דיר גוואלט עפעס פרעגין דער מאטקע דער קאלטעניוואטער וואס איז בייא אייך אמלמד אין שטוב ווייסטו ניט פון וואנען ער איז? איך וויס ניט אנטקעגען וואס פרעגסטע דאס? האט איהר בערקע גיפרעגט, ער איז מיר עפעס בעקאנט האט זיא גזאגט, איך וואלט שווערין אז איך האב איהם גזעהן אין בולכאווישאק, און ער האט חתונה גיהאט מיט אקירזנערס אטאכטער.

הער

הער אויף ריידין אזעלכע נארישקייט, האט זיך בערקע אן גירופין, איין קאלטענעוועטער איז דא? אזונע קאלטענעוואטעה שלעק גיפינען זיך אסאך, און ווידער איז ער גאר אבחור ער האט דאך שוין דא גוואלט חתונה האבן.

אויף דיר בערקע איז מיר אחידוש, דוא זאלסט ריידין אזעלכע רייד, דוא ביזט דאך שוין אוים גיוועזען עפעס אוועלט, איז ביא דיר רעכט גלייבין וואס מיא זאגט דיר, אז ער זאגט אז ער איז אבחור קען גאר ניט זיין אז ער איז פון יענעם ווייב אנטלאפין, און וויל דא נעמען איין אנדערעה.

הער שיינדעלעה וואס איך וועל דיר זאגין, אז ער האט גאר קיין שכל ניט אויף אזעלכעה זאכין אונזערע ברידער וואלטין אלץ גיטאהן, אבער ניט אזוי אוואלד.

איך וויל זיך מיט דיר ניט שפארין, האט שיינדעלעה גיענטפערט, מיר מאכט ניט אוים צוא ער איז אבחור, צוא ער איז אבעווייבטער, דער ווייל האב איך זיך דא צוא ליב דעם קאלטענאוועטין שלאק פאר רעט, און איך זיין דאה אזוי לאנג.

שיינדעלעה דוא וועסט דא זיין מארגין? אז עס וועט זיך מיר עפעס מאכין וועל איך קומען, האט זיא גיענטפערט,

שיינדעלעה אויב עס וועט זיך דיר גאר ניט מאכין, קום אזוי צוא גיין, עס ווערט מיר גאר פריילעכער אז איך זעה זיך מיט דיר.

אזוי בענקסטע נאך מיר? האט זיא איהם גיפרעגט.

פון וואנען ווייסטע אז ניין? האט ער איהר גיפרעגט.

ווארום דוא זאלסט מיך ליב האבין וואלסטו גיקומען אמאל צוא מיר.

איך האב דאך איין מאל גיזאגט אז צוא דיר גיין קען איך ניט.

איך וועל מארגין זיין ביא דיר, האט שיינדעלעה גיזאגט, זיא האט איהם גיגעבין דיא האנד און האט גיזאגט אגוטין טאג און זיא איז אוועק גיגאנגען.

בערקע האט גינומען בעטראכטין וואס שיינדעלעה האט איהם גיבראכט, איז אריין גקומען אין זיין צימער פייגע רחעל'ע מיט אגישרייא, זאג מיר וואס קלערסטו זיך, אין שטוב קוקסטע ניט וואס מיא דארף האבין. ווען מען דארף דיר שיקין אגאנג ביסטו ניט דאה, פאר דיר האט זיך גינומען איין עסק מיט שיינדעלעה'ן, איך זאג דיר אז זיא וועט קומען נאך אמאהל וועל איך איהר אוים פאטשין!

פייגע רחעל'עה, איר דארפט וויסין אז איר דער לייגט גאר ניט צוא דער שיינדעלע'ן וואס זיא קומט צוא מיר, אט האט זיא ערשט גיבראכט צווייא צעפ האר, וואס זייא האבן דיא ווערט דרייסיג קערבלאך:

דוא האסט זיך שון דער שראקין טאמער וועל איך איר אן פאטשין? האט זיך פייגע רחעל'עה אן גרופין, שרעק זיך ניט, אז זיא קומט צוא גיין פאר ברענגט מען אביסיל און גענוג אבער ניט פאר זעצין זיך אויף אגאנצין טאג און ריידין, גייא בערקע רוף אהער זימל דעם שדכן און ער זאל באלד קומען צוא גיין, פייגע רחע'לע האט ביא איהם צוא גנומען דיא צווייא צעפ האר, און ער איז אוועק גיגאנגען נאך דעם שדכן.

זיא איז אריין גיגאנגען אין זאאל, דוא זעהסט שלומה'לע, האט זיך אן גרופין

פייגע

פייגע רחעל׳עה, וויפיל וועט מען דאַרפֿין געבּין דער פּאַר, גייא לייג דאָס אַנידער אין קאַמאָר, האָט ער איהר געזאָגט, דוא דאַרפּסט נאָך פֿרעגין וויפיל מען דאַרף זייא געבּין? דיר איז דאָס דעם ערשטין מאָהל? וואָס דוא פֿרעגסט, דוכט זיך אַז דוא ווייסט שוין אַז זייא דינגען זיך ניט, וויפיל מיא גיט זייא נעמען זייא צוא, פייגע רחעל׳ע איז געגאַנגען אַנידער לייגען דיא האָר אין קאַמאָר, האָט זיך אויף געעפֿינט דיא טיר, עס איז אַריין געגאַנגען ר׳ יענקעל דער שמש פֿון באַלניצעה, דער משגיח האָט מיך געשיקט זאָגין אייך אַז עס איז אויס געגאַנגען האָלץ. און דער דאָקטער האָט פּאַר שריבּין צווייא חולים זייא זאָלין טרינקען ווין און אין קאַסע איז אויס געגאַנגען דיא געלט, וואָס זאָגט איר ר׳ שלומה׳לע? איר וועט מיט מיר שיקין געלט? ציא איר וועט אַליין זיין.

מיא האָט זיך אין גאַנצין אָן געלייגט אויף שלומה׳לען, האָט זיך פייגע רחעל׳עה אָן גערופֿין, דאָס איז אין תלמוד תורה, דאָס קומט מען פֿון הכנסת אורחים, דאָס איז פֿון שול, גאָטט זאָל איהם נאָר געבּין כּוח, און היינט וויפיל קאָסט דאָס אונז אָפּ.

אונזערע בּעלי בּתים האָבּין שׂכל, האָט ר׳ יענקל דער שמש געענטפֿערט, זייא האָבּין דער זעהן אַז איר מיט ר׳ שלומעה׳לען האָבּין גוטע הערצער אַז עס וועט ניט סטייען וועט איר דער לייגין אייערע, האָבּין זייא געבּעטין אַז ר׳ שלומה׳לע זאָל זיין דער גבּע.

עס איז היינט דאָ בּרוך השם גאַנץ גינוג האָט זיא זיך אָן גערופֿין, ר׳ שלומה׳לע האָט איהר געהייסין אַרויס נעמען דעם טייסטער מיט געלט פֿון קאַמאָר און ער האָט אַרויס גענומען צעהן קערבּליך און גיגעבּין ר׳ יענקלען דעם שמש. איר גייט דער ווייל און מען זאָל איין קויפֿין וואָס מען בּעדאַרף און שפּעטער וועל איך אַליין זיין, אין דיא רייד איז אָן געקומען זימל דער שרבן, אַנאָסט, האָט זיך פייגע רחעל׳ע אָן גערופֿין איר וואַרט אַז מען זאָל אייך שיקין רופֿין, איר קלערט גאָר ניט אַז אונזער זאַהן איז שוין מיט לייטין גלייך און מיא דאַרף האָבּין אַכּלה פֿון זיינעט וועגין.

אַזוי וועלין מיר האָבּין אַקנאַסמאָהל בּייא אייער דאַניאַלקען, האָט זיך ר׳ יעקל דער שמש אָן גערופֿין, אָ! דאָ וועט זיין אַקנאַסמאָהל, איר ווייסט ר׳ זימל וואָס פּאַר אַזון זייא האָבּין, מיט זייער דאַניאַלקע׳ן בּענטשט זיך דיא גאַנצע שטאָט, אַלע מאַמעס מעגין געבּענטשט ווערין מיט אַזוינע קינדער, ער גייט נאָך דעם טאַטין מיט אַלע בּרעקעלאַך. מיט זיין פֿרומקייט מיט זיין גוטמסקייט, איך האָבּ קיין צייט ניט איך דאַרף אַוועק טראָגן דאָס געלט, און איך האָבּ נאָך אַסאַך אַרבּייט, אַגוטן טאָג, מן הסתם אַז עס וועט זיין דער קנאַסמאָהל וועל איך דאָך וויסן:

מיא דאַרף נאָך פֿרעגן, האָט פייגע רחעלע געענטפֿערט, גייט גזונטער הייט, זיצט ר׳ זימל, איר זאָגט פייגע רחעלע וואָס איך האָבּ ניט געטראַכט אַשידוך פּאַר אייער זון, איר דאַרפֿט וויסן אַז איך האָבּ גינוג געקלערט, נאָר פּאַר אייך קלערין אַשידוך מיינט איר עפּעס אַז עס איז אַקלייניקייט עס איז עפּעס אַשפּאַס? אין אַלע זאַכן איז פֿרייער גאָט דער נאָך זענט איהר:

איר דאַרפֿט גאָר ניט קלערין, האָט זיך פייגע רחעלע אָן גערופֿן, עס איז דאָ אַגרייטער שידוך, נאָר מער ניט וואָס איר וועט גיין פּאַר שטעלן, איר ווייסט ר׳ זימל מיט וועמען? מיט ר׳ מרדכי פֿרידמאַן:

ר׳

ר׳ מרדכי האט זיך גאר אזוי אגליק ניט גוואונטשן, האט זיך ר׳ זימל אן גרופן ער וועט זיך פרייען אז איר ווילט מיט איהם טאהן:

איך זאג אייך ר׳ זימל אז דאס איז אבאשערטע זאך, ניט היינט גדאכט אז מען האט גוואלט שטעלן דיא חופה אויפן בית עולם, בין איך אום גגאנגען נאך נדבות בין איך אריין גגאנגען צו ר׳ מרדכי האט זיין ווייב מלכה מיר גוואונטשן אז מיר זאלן דער לעבן ביא אייגענע קינדער אוף חתונות, פאר שטייט איר ר׳ זימל וויא זיא האט דאס שון לאנג אין זינען גהאט:

איך דאנק אייך זייער פייגע רחלע וואס איר הט מיר געשיקט רופען, מיר איז דא בעשערט פאר דינען עטליכע קערבליך ניט גיהארעוועטער הייט, איר ר׳ זימל געסט דער וויל אביסעל ברוינפין האט זיך ר׳ שלמה׳לע אן גערופען, איר וועט אונז מן הסתם אן זאגן ווען מיר זאלען זיך גרייטען צום קנאס מאל, דער פאר דארף מען נאך בעטן, האט ר׳ זימל גיענטפערט, איך וועל דאס מאכען אז עס וועט זיין מניה וביה, ר׳ זימל האט גנומען אביסעל בראנפען און זאגט דער וויל אגוטען טאג, אונ איז אוועק גיגאנגען אונ האט צו זיך אליין גירעט, איך האב זיך אויף אזוי אגליק גאר ניט גרעכט מיט איין גאנג אויס פירען אשידוך. דא וועט גאר קיין מניעה ניט זיין, ר׳ מרדכי וועט אוואדע וועלין, אונ דיא כלה הייסט ראזע אונ דעם חתנס מוטער הייסט פייגע רחעלה קען שוין פון דיא נעמען אויך קיין מניעה ניט זיין, ערשט גיין צו ר׳ מרדכין פאסט ניט, עס איז אין מיטען טאג איך וועל בעסער גיין אין נאווינד, מיט דיא גדאנקען איז ר׳ זימל אוועק גיגאנגען אהיים:

6.

איך האב זיך אויף דערויף גאר ניט גערכט

דיא צייט לויפט אונ דער טאג שטייט ניט אויף איין ארט, דיא זאננע האט אן געהויבען אונטער גיין זיא האט ארויס גיגעבען איהרע לעצטע שטראלן, דער הימעל איז גוועזן לויטער קלאהר נאר וואו אין ערטער האבן זיך דורך גיווארפען שטיקלעך וואלקען, אקליין ווינטעל האט געבלאזען, דיא רוהיגע מענטשן זענין אום גיגאנגען נעמען פאר גענוגען פון דער גישמאקקייט אונ זיך אן זעטיגען מיט דעם ליבען זומער וואס ער גייט באלד אוועק, דיא אנגיהארוועטע מענטשן, זייא האבן גיהאפט אז עס איז שוין באלד נאכט אונ זייא וועלן אוועק לייגען זייערע שווערע ארבייט, בייא זייא איז דאס דער פאר גענוגען, בייא ר׳ מרדכין אין הויז איז גוועזן ער מיט זיין זון סאלאמאן, און דער פריקאזציג יאזעף איז גוועזן אין קלייט, זיין פרוי מלכה איז אביסעל זיך דורך גיגאנגען אין גאס אן צו זעטיגען זיך מיט דער פרייער לופט וואס איז דאמאלס גוועזן, נאר ראזע איז גוועזן אין איר צימער און גשטאנען אין פענסטער אן גשפארט מיטין האנד אונטער איהר וויס קלארען שטערין און געקוקט וויא דיא זאננע גייט אונטער און דער מאנד גייט אויף אונ האט צוא זיך אליין גירעט. איך זעה אז איך האב ביז דער צייט ניט פארשטאנען וואס

איך

איך האב גילאכט , אז מען פלעגט דער ציילען וואס עס טרעפט וויא מען ווערט מיט איין אויגענבליק פאר ליבט. איך זעה אז מיינע גידאנקען זענען גיוועזען פאלש וואס איך האב גזאגט אז דער מענטש איז ביא זיך אין האנד ער קאן טאהן וויא ער וויל , ער קען דעם מענטשין ליבען ער קען דעם אייגענעם מענטשין פיינדין , א. איך קען איצטער גלייבען , מיינע נערווין ציטערן אין מיר , איך פיהל אליין ניט , וואס אין מיר איז. איך האב דער זעהן איין ענגעל אין אמענטשין בילד , יאזעף. איך וואלט וועלן פאר דיר מיין הערץ אויס גיסען , אונ דיר דער ציילין וויא דיין שיין בילד טוהט פאר מיינע אויגען שוועבן, דער שיינער טאג וואס דיא זאננע שיינט אין איהם אונ עס גיט צוא יעדערן דאס גרעסטע פארגעניגען

איז פאר מיר דער טאג צוא לאסט , ער איז מיר גאר איבעריג איך דער הער קאם דיא נאכט מיט דעם גשמאקען שלאף וואס איך וועד איינשלאפן פון דיא געדאנקען וואס האבן מיר אן גימאטערט דעם גאנצען טאג קלערענדיג וויא אזו איך זאל דיר ארויס געבן מיין הערץ, דוא ביסט ביא מיר אזו גרויס אז איך האב צוא דיר קיין מוהט ניט , פאר שטעלן וואס פאר אפארגעניגען איך האב אז איך זעה דיך אין טרוים וויא דוא שוועבסט פאר מיינע אויגען, און איך זאג דיר יאזעף איך ליבע דיך, אך ! וויא שרעקליך איז מיר אז איך חאפ זיך אויף אונ איך זעה אז דאס איז גאר אטרוים, אין דיא גידאנקען איז ראזע גיוועזען פאר טראכט זיא האט ניט גיהערט וויא סאלאמאן איז גקומען פון גאס אונ ער איז אריין אין איהר צימער , ער איז געבליבען שטיין זעהענדיג וויא זיא איז גוועזען פאר טראכט , און עס איז אויף איר גילעגן איין זארג :

ראזע וואס ביסטו אזו פאר טראכט ? האט איר סאלאמאן גיפרעגט , ראזע הט זיך גיגעבין אחאפ וויא צוא שראקען אונ זיא האט זיך גישטארקט מאכין אפרייע מינע אז סאלאמאן זאל ניט פאר שטיין וויא זיא איז צו טראגען , איך האב זיך פאר טראכט אין פענסטער וויא דער מאנד גייט אויף לאנגזאם האט זיא זיך אן גערופען, אונ וואס פאר איין גליק איז פאר דעם מענטשן וואס דער מאנד גייט אויף לאנגזאם ווען ער זאל אויף גיין האסטיג און עס קומט אויס אין אפינסטערן גאווינד ווען ער דארף אויף גיין אונ ער וואלט ארויס גיגעבן מיט אמאל זיין שיין וואלט דאס זיין שעדליך פאר דעם מענטשן ער וואלט פון דער שיין געבליבען שטיין אונ וואלט זיך ניט וויסען וואו אהין צו קערין , אונ איך רעכין אז דאס געמליכע איז מיט דעם גליק אז דער גליק טרעפט דעם מענטשן מיט אמאהל ווערט ער בעראשט אונ וויים איהם ניט וויא אזו אן צו געמן :

אין וואס ביסטו פאר קראכין, האט זיך סאלאמאן אהן גערופען צו איהר , אין פילאזאפי דוא ווילסט ווערין פילאזאפין , וויא קומט צוא דיר קלערען וועגען אזעלכע זאכען, דוא הערסט ראזע וואס איך וועל דיך בעטן, אז מען זאל היינטיגן אבינד פאר בריינגען מיר וועלן שפילען פיאנא, מיר וועלן לעזין , דוא ווייסט דאך אט דר נייער פריקאזציק ווס איז צו אונז אן גקומען יאזעף צוקערבערג האב איך איהם פאר בעטן אויף היינט אבענד צוא אונז איך זאג דיר אז אזו אמענטשן איז ווייט צו זוכען איך האב איהם ליעב געקריגען וויא מיין גאנצען לעבן , ער איז איי געבילדעטער מאן, אונ דוא זאלסט זעהן וויא ער איז פעהיג צום גישפט זיין שטילקייט זיין ארענדליכקייט, דוא הערסט ראזע וואס איך וויל דיך בעטן איך דארף גיגייטיג אוועק גיין אגאנג וואס דער פאטער האט מיך געשיקט. און דער מאגאזין וועט זיך

באלד

בַּאלְד צוּ מַאכֶען קֶען זַיין אַז יאזעף זָאל בַּאלְד קוּמֶען , אוּנ אִיךְ וֶועל נִיט זַיין , זָאלְסְטוּ אִיהְם צוּ נֶעמֶען שַׁיין , אוּנ מִיט אִיהְם פַאר בְּרֶענְגֶען בִּיז וַואנִין אִיךְ וֶועל קוּמֶען , אִיךְ זָאג דִיר אַז דֶער יאזעף אִיז מִיר אַיין גִיבַּאקֶען אִין מַיין הֶערְצִין , עֶר אִיז זַייעֶר נֶעבַּאךְ גִיפַאלֶען בַּייא זִיךְ עֶר בֶּעדוֹיעֶרְט וָואס עֶר וֵוייס נִיט פוּן זַיין פָאטֶר אוּנ מוּטֶער , עֶס אִיז אַשָׁאדֶע וָואס אַזוֹ אַמֶענְטְשׁ דַארְף זַיין אַפְּרִיקַאזְצִיק :

זָאג מִיר סַאלאמַאן ? הָאט זִיא גִיפְרֶעגְט , אוּנְזֶער פָּאטֶער הָאט אִיהְם אוֹיךְ אַזוֹ לִיעֶב גֶעקְרִיגֶען וִויא דוּא , דָאס וַוייסְטוּ דָאךְ רַאזע אַז אוּנְזֶער פָּאטֶער אִיז אַיין לִיבְּהָאבֶּער פוּן מֶענְטְשִׁין אוּנ בִּפְרַט נָאךְ אִיהְם , אִין דִיא רַייד הָאבִּין זַייא דֶער הֶערְט אַקְלַאפּ מִיטִין טִיר , סַאלאמַאן אִיז גִיגַאנְגֶען זֶעהְן וֶוער עֶס אִיז גִיקוּמֶען , רַאזע אִיז אוּם גִיגַאנְגֶען אִיבֶּער אִיהְר צִימֶער הִין אוּנ צוּרִיק , אוּנ הָאט צוּא זִיךְ אַלֵיין גִרֶעדְט , אַךְ , וִויא גְלִיקְלִיךְ וָואלְט אִיךְ גִוֶועזֶען אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין קֶענֶען פְרַייא אַרוֹיס רֵיידֶען פוּן יאזעפִין וִויא סַאלאמַאן הָאט אִיצְטֶער גֶערֶעדְט , וֶוען יאזעף זָאל קֶענִין לֶעזִין הֶערְצִין שְׁפְּרַאכֶע דַאן וָואלְט אִיךְ שׁוֹין גָאר נִיט דַארְפִין רֵיידִין , עֶר וָואלְט לֶעזִין אִין מַיין הֶערְץ וִויא זִיא רֶעדְט אִין מִיר , „יאזעף אִיךְ לִיבּ דִיךְ״ , מַאךְ מִיךְ גְלִיקְלִיךְ גִיבּ מִיר דַיין וָוארְט , מִיט דַיין אַיין וָוארְט בַּאשְׁטֵייט מַיין גַאנְצֶער גְלִיק וָואס דָאס קָאנִין מִיט מִילְיָאנֶען נִיט אָפּ קוֹיפֶען , דָאס הֵייסְט מַיין גַאנְצֶער לֶעבִּין , אָה , נֵיין , מֶען קֶען דָאס פוּן קֵיין מֶענְטְשֶׁן נִיט פַאר לַאנְגֶען אַז עֶר זָאל קֶענִין לֶעזִין הֶערְצִין שְׁפְּרַאכֶע אִיךְ וֶועל זִיךְ שְׁטַארְקֶען מִיט אַלֶע מַיינֶע קְרֶעפְטִין אוּנ אִיךְ וֶועל הַיינְט אִין נַאוִוינְד אַרוֹס גֶעבִּין אִיהְם אַלֶעס וָואס בַּייא מִיר אִין מַיינֶעם הֶערְצִין טוּט זִיךְ , אִין דִיא גְדַאנְקֶען אִיז רָאזֶע אַרוּם גִיגַאנְגֶען הִין אוּנ צוּרִיק , אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּא אִיהְר סַאלאמַאן , דֶער פַּאטֶער מִיט יאזעפִין זֶענִין שׁוֹין גֶעקוּמֶען , אוּנ אִיךְ הָאבּ מִיךְ שׁוֹין אָפּ גִבֶּעטִין בַּייא דֶעם פָּאטֶער אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין הַיינְט נִיט גֵיין דִיא גַאנְג , אַבִּיא מִיר זָאלִין קֶענֶען הַיינְט אִין אָבֶענְד כַאר בְּרֶענְגֶען , קוּם רַאזע אִין זַאלל , אִיךְ הָאבּ דָארְט גְלָאזְט יאזעפִין אַלֵיין זִיצִין :

אִין פָאדֶער צִימֶער זֶענִין גִזֶעסִין ר׳ מרדכי מִיט זַיין פְרוֹי מלכה אוּנ הָאבִּין גִרֶעדְט פוּן זַייעֶרֶע גִשֶׁעפְטִין , אִין זַאאל הָאט גִבְּרֶענְט אַדְרַייעֶרֶענְדִיגֶער לָאמְפּ , אוּנ יאזעף אִיז גִזֶעסִין אוֹיף אַיין שְׁטוּל נֶעבִּין אַיין קַאלִיכְדִיגֶען טִישׁ , רַאזע אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען מִיט סַאלאמַאנִין אִין זַאאל , אִיהְרֶע גָאלְד פַארְבֶּענְדֶע לָאקִין הָאבִּין גִשְׁפִּיגִילְט , אוּנ אִיהְרֶע צְווייא בַּאקִין הָאבִּין גֶעשַׁיינְט וִויא צְווייא שֵׁיינֶע רוֹיזֶען , יאזעף הָאט זִיךְ אוֹיף גִיהַאפְּט פוּן זַיין אָרְט אוּן אִיז צוּא גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאט אִיהְר גִיגֶעבִּין דִיא הַאנְד , רַאזע אִיז גִוָוארֶען פַאר צִיטֶערְט זִיא הָאט זִיךְ גִשְׁטַארְקְט מִיט אִיהְרֶע אַלֶע קְרֶעפְטִין אוּן זִיא הָאט נִיט גִיקֶענְט רֶעדִין אַוָוארְט :

יאזעף הָאט זִיךְ סַאלאמַאן אָן גֶערוּפֶען דָארְט וואו אִיר זֶענְט גִוֶועזֶען בַּייא דֶעם גְרַאף לַאפִּיצְקִי אִין הוֹיף הָאט אִיר זִיךְ מִן הַסְּתָם גִינוּג אָן גִהֶערְט וִויא זַייא שְׁפִּילֶען פִּיאַנָא , אָט וֶועט אִיר הֶערִין אוּנְזֶער שְׁפִּילֶען וֶועט אִיר זָאגְן מְבִינוֹת צוּ מִיר קֶענֶען עֶפֶּעס אַנְטְקֶעגִין לֵייטֶען , רַאזע שְׁפִּיל עֶפֶּעס אַגוּטֶע זַאךְ דֶער נָאךְ וֶועל אִיךְ עֶפֶּעס שְׁפִּילֶען , רַאזע הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט בַּייא דֶעם פָּארְטָאפִּיַאן אוּנ זִיא הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּא שְׁפִּילֶען אוּן הָאט גֶעזוּנְגֶען דִיא לִיעֶד :

1.

דיא וועלט איז טארטארום (*)
מען איז נאהר פאר פיהרט אין רייכטהום ,
דעם מענטשן טוט מען ניט פארשטיין .
דער וואס איז גרוס האלט מען איהם קליין .

2.

דיא זאננע מיט איהר שיין
זעהט מען פון דיא חמארע ארויס
איך וויל זיין דיין
ביא מיר וועט זיין דיא עהרע גרויס

3.

איך ליעבע דיך אהן אגרונד .
עס איז פאר מיר קיין וועג ניט פאר ; שטעלט .
מיר איז שווער ארויס ריידין מיטן מונד .
נאר דאס איינע מיר פעהלט .

4.

איך האב דער זעהן דעם „אמור" . (**)
אין חלום שוועבט ער פאר מיר פאר .
עס גייט אבער איבער וויא אטרויס .
איך וואלט וועלין דיר ארום געבן מיין געהיים .

(*) אין דער מיטהאלאגיע נענט זיך דער גהינם , טארטארום .
(**) אין דער מיטהאלאגיע איז דער גאט פון דער ליבע „אמור" אלעס אין בילדעס קינד אפ גימאלט ער האלט אין האנט איין בויגין און שיסט אהנע ציל דערום טרעפין זיינע פיילן זייער אפט אין פערשידענע ניכט קיין גלייכע מענטשן .

5.

אין שלאף טוסטו פאר מיינע אויגין שוועבין .
איך וואלט מיין הערצן וועלן פאר דיר ארום געבן .
בייא מיר אין הערצין ליגסטו טיף .
וויא אזו ארום געבן האב איך ניט קיין בעגריף .

זיא האט גזונגען מיט אזו אזיסע שטימע אונ מיט אזו אגעפיל אז סאלאמאן האט ניט גיקענט איין זיצן אויף זיין ארט, זיין הערץ האט אין איהם גירעדט, אה, דיא ווערטער, איך וואלט וועלן ארום געבן דעם געהיים' איז ריכטיג צו מיין הערץ איך טרייסט מיך מעהר ניט מיט דער האפענונג וואס איך האף אז בלומה וועט ארום גיין שבת זיך זעהן מיט מיר אונ עס ליגט בייא מיר אין הערצן איך וואלט דאס וועלן ארום ריידן אונ איך האב ניט פאר וועמען, ביי סאלאמאנען האט זיך צו וועקט זיינע גדאנקען עס האט זיך בייא איהם אן גהויבן גיסן טרעהרין, ער האט ניט גיקענט איין זיצען וואס ער האט זיך גשעמט אז זייא זאלן איהם ניט פרעגן וום ער וויינט, ער איז ארום גגאנגען פון זאאל אונ האט צו זיך אליין גרעט, איך האב נאך פון איהר קיין מאל ניט געהערט אזו זינגענדיג וויא זיא האט ערשט גזונגען, עס האט גקענט רירען אשטיין, בייא איהר ליגט פאר בארגעניש אין הערצן וואס זיא קען דאס ניט ארום רעדן, דיא ווערטער פון דיא ליעד איז ריכטיג וויא מיינע שמערצן וואס איך טראג, זיא האט אימיצען אוועק געגעבן איהר הערץ וואס זיא קען ניט ארום רעדן, איך קען איהר גלייבן, סאלאמאן איז ארום גגאנגען פון זאאל:

הערט יאזעף וואס איך האב אייך גוואלט פרעגן, האט זיך ראזע אהן גרופען, מען זאגט אז אהערץ פיהלט אהערץ איז דאס ריכטיג ? יא דאס קען זייער זיין האט יאזעף געענטפערט, נאר בייא גלייכע מענטשן, אבער דער ארומער קען ניט פיהלען דעם רייכענס הערץ אונ דאס נעבליכע קען דער רייכער ניט פיהלען דעם ארומענס הערץ, עס איז דא אסאך מענטשן ווס קענן ניט פיהלען איינעם בייא דעם אנדערן, דר בעדיגר מיט דעם ווירטה, דער בעדינער קען ניט פיהלען דעם ווירטהס הערץ, אונ דער ווירטה קען ניט פיהלען דעם בעדינערס הערץ:

אונ אז מען איז ניט רייך ? האט ראזע גפרעגט אדער מיא איז אבעדינער איז מען דער מיט ניט גלייכען ? מיר זעהן אפט אז דיא רייכטהום איז אזו וויא ארויף עס שוועבט אמאל אוועק פון איינעם אז מיא זעהט זיך גאר ניט ארום, אונ פון דינען איז קיין מענטש ניט באווארינט, עס קען טרעפן דעם גרעסטן מענטשן אז ער זאל דארפען דינען בייא דעם אנדערן, אין דיא רייד איז אריין גקומען סאלאמאן, עס שטייט שון טייא אויפן טיש, קומט יאזעף, ראזע, וועלן מיר טרינקען טייא ראזע איז ארום גגאנגען פון זאאל אזו וויא דער ארעסטאוועגער וואס גייט אוועק פון זיין סוד וואס האט זיך גיט גיקאנטשעט אונ ווייס ניט וואס מיא וועט איהם נאך פאר סודען, זיא האט זיך גשטארקט אז מען זאל אן איהר ניט דער קאנען, זייא האבן זיך גזעצט ארום טיש טרינקען טייא . האט זיך אוף געפנט דיא טיר אונ עס איז אריין גקומען ר' זימל דער שדכן מיט אגוט נאווינר, עפעס אנייעס ,

האט

האט ר׳ מרדכי זיך אן גרופען, וואס ר׳ זימל האט צוא אונז פאר בלאנדזעט, זיצט ר׳ זימל :

איר ווייסט ניט? אז איך קום וועט זיין נייעס האט ר׳ זימל געענטפערט, איך זאג אייך ר׳ מרדכי אז איך גידענק שון אליין ניט ווען איך האב אויס געפירט אשידוך עס איז היינט בעוונותינו הרבים גוואָרן אוועלט מיא האט אן גהויבן שפילן ליבעס אונ מען דארף שון קיין שדכן ניט אז איך בין שון גאר היינט אויס גוועפט גוואָרן, איך האב שון פאר געסן וויא אזוי מען הייבט אן פירען אשידוך, אין אמאליגע יאהרן וואס איך גדענק נאך איז טאקע גוועזן אוועלט חתן כלה האבן זיך גשעמט רעדן איינער צום אנדערן ביז דער חופה דער שדכן האט גדארפט רעדן פאר דעם חתן אונ פאר דער כלה, היינט אומשטיינס גזאגט איז גוואָרן אוועלט וויא מיא הייבט אן פיהרען אשידוך ווערן שון דער קאנט חתן כלה אונ דר שדכן האט שון ניט וואס צו רעדן :

אייך פאר דריסט וואס אייער פרנסה איז אונטער גשלאגן גוואָרן, האט זיך סאלאמאן אן גרופען דער איבער זאגט איר אז אמאל איז גוועזן בעסער, אונ איך זאג אז היינט איז מען גקומען צום שכל דאס וועט איר מיר מודה זיין ר׳ זימל אז יעדערער זוכט זיין טובה, קען מען פאר שטיין אז דער שדכן זוכט ניט דעם חתנס אדער דער כלהס טובה פון זיינעט וועגן מאכט ניט אויס צו עס איז גלייך צוא עס איז קרום אבי ער נעמט אפ זיין שדכנות געלט, אין אמסחר אז מען פאר לאזט זיך אויפן מעקלער אז עס מאכט זיך אז דער גשעפט איז ניט גוט קען מען מעהר ניט וויא דער לייגן געלט, אבער אין אשידוך אז מען פאר לאזט זיך אוף יענעם איז מען דאך מיטען גאנצען לעבן איין גשטעלט :

דוא רעדסט וויא אקינד האט זיך ר׳ זימל אן גרופן, עס שטייט גשריבען אין אונזער הייליגער גמרא ארבעים יום קודם היצירה מכריזין בת פלוני לפלוני, פערציג טאג איידער דער מענטש ווערט בעשאפן ווערט אויס גרופען ווער עס זאל זיין זיין זיווג, אונ מען רופט ניט אויס אז יעדערער זאל זיך אליין אויס קלויבן :

פון וואנען ווייסט איר? האט סאלאמאן גפרעגט, איר הערט וויא מיא רופט אויס אויפן הימעל? דוא פרעגסט אזעלכע נארישקייט האט ר׳ זימל געענטפערט, אז עס ווערט אן גיחתמית איינעם ער זאל אין דעם יאהר גליקליך ווערן, פאלט איהם ניט אראפ פון הימעל, עס קומט איהם דער גליק דורך אמענטשן אונ דער מענטש איז דער שליח דאס דורך איהם זאל ער גליקליך ווערן, אזוי איז מיטען זיווג גאט ניט מיר אריין אין דער דעה אז דער מיט דעם איז אבעשערטער זיווג און איך פיהר אוף אשידוך :

אבער אז עס ווערט אן גיחתמית אמענטשין אז ער זאל אין דעם יאהר אומגליקליך ווערין, האט זיך סאלאמאן אן גירופין, ווערט דאך דער אומגליק אויך געשיקט דורך אמענטשין קען מען שוין דאך ניט וויסין דער מענטש וואס זאגט אז ער פיהרט אריין אין אגליק טאמר פיהרט ער דאס גאר אין איין אומגליק, און דאס קענען מיר געבער גלייבין אז דיא ליעבע גיט גאט אריין אליבשאפט אין זייערע הערצער און זייא ווערין פאר ליעבט און דאס איז דער בעשערטער זיווג, און בייא זייא ווערט דער שידוך. אהן פאלשקייט, וואס מיא זאגט איז מיטין גאנצין הערצין, מיא נארט נישט מיט קיין נדן און מיא נארט ניט מיט קיין

זאכין

זאָבּין, מיא זאָל אַן לייען פְּרעמדע און מיא זאָל נאָך דער הופּה אַוועק גֶעבּין, און דעם שידוך וואָס ווערט גֶעפּירט דורך אַשׂדכן מוז ער זיין מיט פאַלשקייט, וואָרום אַשׂדכן קען זיך אַן אַליין ניט אַריהר טאָן און אויף פאַלשקייט גיט גאָט קיין דעה ניט.

סאַלאַמאָן דוא קענסט זיין אַגוטער אַדוואָקאַט, איך זעה שוין אַז איך וועל זיך מיט דיר ניט אויס טאַנען עס איז גוואָרין בּייא טיש אַפּאַטשערייא, בּראַוואָ! האָבּין זייא אַלע אוים גישריגין, ר׳ זימל האָט זיך אונטער גיגעבּין:

אָבּער דער פרומער יוד וואָס זייערע קינדער וועלין געווים קיין ליעבּעם ניט שפּילין, האָט זיך ר׳ זימל אָן גירופין, יענע דאַרפין דאָך האָבּין אַשׂדכן, אַזוי אַיוד וויא ר׳ שלומה׳לע, ר׳ מרדכי איהר קענט דאָך איהם וואָס פאַר אַטייערער יוד ער איז ער האָט אַזון דאַניאַל׳קע איז ער אַיין לייט. מיט איהם קלינגט דיא גאַנצע שטאָט.

איך האָבּ פון איהם גאָר ניט גיהערט, האָט זיך ר׳ מרדכי אָן גירופין, ער איז אַזאַ קענער? וואָס רעט איר ר׳ מרדכי. וויא הייסט איר האָט גאָר פון ר׳ שלומה׳לעם זון ניט גיהערט? יענער זיצט גאַנצע טעג איבּער דער גמרא ער איז נאָך יונג, ווייטער וואָלט ער שוין גיהאַט סמיכות אויף רבנות.

איך האָבּ פון איהם גאָר ניט גיהערט האָט ר׳ מרדכי גיענטפערט מיט אַשמייכיל.

איך בּין דאָך אייך אַיין אַלטער גוטער פריינד, האָט זיך ר׳ זימל אָן גירופין איך מיין ניט חס ושלום מיין טובה, אַזוי וויא אייער זון סאַלאַמאָן האָט גזאָגט אַז יעדער זוכט זיין טובה, איך זאָג אייך על פּי גוטע פריינדשאַפט אַז ר׳ שלומה׳לעם זון איז פאַר אייך אַיין טייערער שידוך, און מיט ר׳ שלומה׳לען אַליין האָט מען זיך אויך עפּעס ניט וואָס צוא שעמען:

איך זאָג אייך ר׳ זימל אַז איר קענט גאָר קיין שדכן ניט זיין אַז בּייא אייך קען זיך לייגין אויפין מוח אַז איך וועל טאָהן מיט ר׳ שלומה׳לען, און מיין זאָלט איר אַזעלכע נאַרישקייט ניט ריידין און איך וויל ניט אַז איר זאָלט דאָס מיר נאָך אַמאָל דער מאַנען.

מיין כוונה איז גיווען צוא גוטין, האָט ר׳ זימל גיענטפערט, זיך אויף הייבּינדיג פון שטול, און גיזאָגט אַגוטע נאַכט, אַרויס גייענדיג פון טיר האָט ער צוא זיך גירעט איך האָבּ זיך אויף דערויף גאָר ניט גערעכט אַז בּייא איהם זיצט מען אָן היטלען און זייא גייען שבת מיט דיא זאַנטיקעס אין דיא העמד זאָל ער נאָך ניט וועלין טאָהן מיט ר׳ שלומה׳לען מיט אַזוי אַכשערין יוד.

ז

דיא ענטדעקונג פון דער ליבע

עס איז דא אסאך ראזגאווארין וואס מיא רעט אמאהל און דער אנדערער זיצט דער בייא און קען דאס ניט הערין, ער ווערט פון דיא רייד צוא טראגין און קען ניט זאגין יענעם אין דיא אויגין אז ער קען דאס ניט זעהן און קען דאס ניט הערין, ווען אפילו אז ער הערט אזעלכע רייד וואס איהם אינטערעסירט דאס, איז דא פיל איידעלע מענטשין וואס זייא שווייגין איבער און ווילין יענעם ניט זאגין אין דיא אויגין. אין דאס ליגט אין דעם מענטשענס נאטור, אזוי וויא מיר זעהן איצטער בייא רויזען, זיא איז גיזעסין און עס האט זיך אין איהר געמיטה אלערלייא קאלערין, זיא איז גיווארין צוא טראגין און עס האט איהר אינטערעסירט וואס זיא האט ניט גיקענט בייא זיך רעכט מאכין אז זיא זאל ענטפערין ר' זימלן אנטקעגין, דאס הערץ האט אין איהר גירעט, אוי זיינעה רייד שטעכין מיך אזוי וויא מיט מעסערס, צוא וואס איז ער נאך גיקומען, און פיהרין דעם פאטער אז ער זאל טאהן אשידוך מיט מיר וויא דער לעב איך שון ער זאל אוועק גיין איך וועל דאס ניט דער האלטין, נאר פיל פרייער איז זיא גיווארין וויא ר' זימל איז אוועק גיגאנגען, האט זיך ר' מרדכי אן גירופין. דיא שדכנים זענען אזוי וויא דיא שקלאווין הענדלער וואס זייא פלעגין אמאל ארויס פיהרין מענטשין אויף פאר קויפין, ער איז גיקומען און האט אן גיהויבין לויבין אזוי וויא אקרעמער וואס לויבט זיין סחורה אז מען זאל בייא איהם קויפין.

וואס האסטו איהם נאך גבעטין זיצין האט רויזע גיפרעגט.

מען קען דאך קיין מענטש קיין פאטש אין פנים ניט געבין האט ר' מרדכי גיענטפערט, וואס קען מיך הארין אז יענער רעדט, דער אווינד איז אוועק גיגאנגען עס איז גיווארין שפעט, יאזעף האט זיך מיט אלעמען צוא זעגינט.

קומט מארגין אויך צוא גיין אביסל, יאזעף, האט רויזע גיזאגט אן געמענדיג בייא איהם דיא האנט, עס איז דאך אייך אונמוטהיג אויף אייער קוואטיר איר שטייט דאך אייגער אליין אין איין נומער, וועט איר אין אווינד בייא אונז פאר ברענגען:

איך דאנק אייך זייער, האט יאזעף גיענטפערט וואס איר נעמט מיך צוא קאמפאניע אגוטע נאכט, און ער איז אוועק גיגאנגען.

יאזעף איז גיקומען צוא ר' חיים שטיינוואס אייגפאר הויז אויף זיין קוואטיר, ער איז אריין אין זיין צימער, ער האט זיך גיוואלט זעצין לעזין עס האט איהם ניט גילאזין, איך פיהל עפעס אן זיך און איך ווייס ניט וואס דאס איז, האט ער צוא זיך אליין גירעט עס ציהט מיך צוא ר' מרדכ"ס הויז איך וואלט שוין וועלין דארט זיין נאך אמאהל, וויא פריינדליך רויזע האט מיך גיבעטין אז איך זאל קומען, וואס קלעהר איך אזעלכעה זאכין וואס דאס קען ניט זיין וויא קום איך צוא רויזען איך בין דאך בייא זייא אדינער, און נאך דעם ליעד וואס זיא האט גיזונגען, איך ליב דיך אהן אגרונד, האט זיא איר הארץ איבערצין אוועק גיגעבין

האאב

האב איך שוין קיין האפענונג ניט און ווען איך זאל האבין עפעס איין האפענונג בין איך אויך אומגליקליך, אז ר' מרדכי וועט זיך דער וויסין אז איך האב גאר אין דיא געדאנקען ראזען וועט ער מיר אוועק טרייבין, און איך וועל בלייבין אהן אשטעלע איין עלענדער בין איך וואס וואלט איך גיטאהן.

אך, איך וואלט דעם אומגליק גירעכינט פאר דאס גרעסטע גליק אז איך וואלט פאר ראזען אומגליקליך ווערין מיין לעבן איז שוין צוא לאסט, איך בין שטערבליך פאר ליעבט צוא אזוי אגרוסע זאך וואס איך קען זיך גאר ניט גלייכין, ווען ראזע זאל וויסין מיינע גידאנקען וואלט זיא מיר פאר האסט, וויא קום איך פון איהר קלערין, א גיין, זיא איז איין איידיל קינד זיא וועט ניט פאר האסין קיין מענטשן, זיא האט אוף גיוויזן מיט איהרע גדאנקען אז אדינער איז קיין שאנדע ניט זיא האט מיך מיט דער מיט גיטרייסט, זיא האט אוף מיר מיטלייד איך וועל מארגן גיין צוא איהר און איך וועל אויס ריידין פאר איהר גאר מיין הערץ, מיט דיא געדאנקען איז יאזעף ארום גיגאנגען אין זיין צימער.

אין דר אייגענער צייט איז בייא ר' מרדכין אין הויז אין אפאר מאכטען צימער געזעסן ראזע אונ האט געשריבען דעם בריף. ענטשולדיק מיר טייערער יאזעף, וואס איך בעט דיך אז דוא זאלסט זעהן צוא איך שרייב פראווילנא אונ איך זאג דיר ניט דיא ווארהייט אז דאס איז מיין בריף וואס איך שרייב צו דיר, דער מענטש איז שטארקער וויא אלע מעטהאלען אונ ער קען אויף זיך אלץ אריבער טראגן, אבער ער איז מעהר ניט שטארק אויף פאר טראגן בייא זיך אין הערץ, קאם קומט אז ער וויל פאר איינעם אויס רעדין זיין הערץ אזו זענען אלע שטארקע קרעפטן וואס קענן אוף זיך אלץ פאר טראגן ווערן אפ געשוואכט אונ בלייבן אהנע מאכט און ער קען ניט ארום געבן זיין הערץ, איך האב נישט גיגלייבט אז איינער פלעגט אמאל דער ציילין אז איהם האט גטראפן ער הט זיך אן גיגרייט מיט רייד אז ער זאל גיין זיך מיט יענעם אויס רעדין, וויא ער איז צו יענעם גקומען איז ער געבליבען שטיין אונ האט ניט גיהאט וואס צו רעדין, איך האב גפרעגט וויא אזו קען דאס זיין, אז איר האט זיך אן גיגרייט מיט רייד פאר וואס האט איר ניט גרעט, איך זעה איצט אז מיין פראגע איז גוועזן פאלש איך קען איצט גלייבן איך האב זיך גשטארקט מיט אלע מיינע קרעפטן און איך האב זיך אן גיגרייט מיט מיינע גדאנקען, אזו וויא איך וועל דיך דער זעהן יאזעף וועל איך פאר דיר אויס גיסען מיין גאנצע הערץ וויא עס רוישט בייא מיר אין מיינעם הערץ פון דעם געשרייא וויא עס שרייט, איך וויל זיין דיין, און איך ווייס אליין ניט וואו זענן אהין געקומען מיינע אלע קרעפטן וואס איך האב זיך גשטארקט, וויא איך האב דיך דער זעהן זענן מיינע ליפען גווארן צוא גשלאסען, מיינע געדאנקען האט אין מיר געטריבען אזו וויא דיא וואסער אין טייך אום ווינטער צייט אונטער דעם גפרארענעם אייז וואס דער אייז פאר דעקט איהר אונ דיא וואסער קען איהרע חוואליעס ניט ארום געבן. מיט מיינע לעצטע קרעפטן האב איך צוא דיר ארום גרעט וואס איך האב דיר גפרעגט צוא אהארץ פילט אהארץ, איך האב גרעכינט אז דיין הערץ פיהלט מיינע וויא זיא בעט זיך בייא דיר. ליעב מיך יאזעף אוף דיין ווארט בעשטייט מיין גאנצער גליק, יאזעף דוא האסט מיר גזאגט אז דער ארומער קען ניט פיהלען דעם רייכענס הערץ פאר שטייא איך ניט פאר וואס זאל ער ניט פיהלען צו איז ער ניט דער אייגענער מענטש וויא דער רייכער,

דער

דער ארומער האט דאך דיא אייגענע געפיהלען ער זעהט דאך אויך מיט זיינע אויגען דיא אלע פארגעניגען וואס דיא פארזעהונג האט ארום געגעבן, און אין דיא אלע פאר גיניגען זעהט מען דעם מענטשען מיט דעם רייכטהום, צום ביישפיל, אז מען טוט אבליק אויף דעם בוים מיט איהרע בלעטעליך. וויא שיין זיא איז בשעת אז זיא בליהט מיט איהרע בליהונג, איהרע געשמאקע ריחות וואס זיא גיט ארום, יעדערער גייט ארום איהר שפאצירען, מען זעטיגט זיך אהן פון איהר מיט פערגעניגען בליקונדיג אויף איהרע גרינע בלעטעלאך, אט דיא אייגענע שיינע בוים אז איהרע בלעטעלאך ווערין געל אונ זייא הייבן אן פון איהר פאלין איז יעדער אנטלויפט פון איהר, אונ קיינער וויל גאר ניט אשמעק טאהן צוא איהר, אזוי איז דער מענטש מיט דעם רייכטהום, בשעת אז ער איז רייך איז יעדער גייט ארום איהם, מען וויל זיך אן נעמען מיט פארגעניגן מיט איהם פאר ברענגען דיא צייט, און מען רעכינט דאס נאך פאר דער גרעסטער עהרע, אז דער רעדיל גיט זיך נאר אדרייא איז אלע אנטלופן פון איהם אונ מען טוט איהם שוין גאר ווייבען, טהייערער יאזעף איך בין ערשט ניט אומשטאנד ארום שרייבען דיר מיין גאנצע הערץ וואס עס שטורימט אין מיר פאר שרעק, דער פאפיר איז נאס פון מיינע טרערן וואס פליסן פון מיר. מיינע געדערין ציטערן אין מיר, אוף דעם בריף וואס איך שרייב וואס שטייט אוף דערוף מיין גאנצער לעבן, ווען דוא יאזעף זאגסט מיר אפ דעם בריף, איז דיא וועלט פאר מיר גאר נישט, דיא זאנגע מיט איהר ליכטיגער שיין וואס זיא שיינט פאר דער גאנצער וועלט, איז זיא פאר מיר פינסטער. איך קען שוין מער ניט שרייבען, פון מיר דיין עוויג געליבטע, ראזע פרידמאן:

זיא האט געענדיגט דעם בריף איז שוין געוועזן שפעט אין דער נאכט זיא האט זיך געלייגט אוף איהר געלעגער מיט דעם בריף אין האנט זיא האט איהם געלעזן אונ זיא איז געווארן מאט פון איהרע געדאנקען טראכטענדיג, דער שלאף האט איהר אן געהויבן שלעפערן זיא האט אלע מאל דיא אויגען אוף געמאכט אונ פאר מאכט און דעם בריף געהאלטען אין האנט, דער לאמפ איז אויס געלאשן געווארן אונ דער שלאף האט איהר פאר שפרייט מיט זיינע פליגלען אונ זיא איז איינגעשלאפן געווארן מיט דעם בריף אויפן הארצען:

אין דער אייגענער צייט אין דעם אנדערן צימער איז סאלאמאן געלעגן אוף זיין געלעגער אונ האט צוא זיך אליין גערעט, איך וואלט שוין גערין אז דיא נאכט זאל שון אוועק גיין מיר נעמט גאר ניט קיין שלאף, איך קען גאר ניט רוהען ראזע האט מיט איהר ליעד מיר ערוועקט מיינע שמערצן וואס איך טראג, אונ איך קען זייא פאר קיינעם ניט ארום געבן, מיין גאנצער האפענונג איז, אז בלומה וועט ניט פאר זאגן מיין בריף אונ זיא וועט ארום גיין זיך אום רעדין מיט מיר, דאן וועל איך פאר איהר עפענן מיין גאנצע הערץ אונ איך וועל איהר בעטן מיט דיא טרערן וואס איך קען זייא ניט איין האלטן וואס זייא פליסן בייא מיר פון דעם שרעק וואס עס קומט מיר פאר אין דיא געדאנקען אז זיא וועט דעם בריף אפ זאגן, וויא מיין אומגליק וועט זיין גרויס אז איך וועל דאס גאר ניט קענן אריבער טראגן, דיא טעג זענען מיר וויא פאר וואלקנט וואס מיא וויל גיכער אז דער וואלקין זאל אוועק גיין אונ דיא זאנגע זאל קענין שיינען וויא ראזעס ווערטער וואס זיא האט געזונגען זענן מיר ריכטיג צו מיינעם הערץ, מיר טוט זייער באנק וואס איך האב ראזען ניט געפרעגט וואס זיא גייט אום אזוי פאר זארגט, נאך דעם ליעד וואס זיא האט געזונגען האט זיא איהר הארץ שוין

אימיצען

אימיצען אוועק געגעבן, אונ עס קען זיין אז זיא קען זיך גאר מיט יענעם ניט זעהן עס איז אויף איהר אשרעקליכער רחמנות זיא איז דאך מעהר ניט וויא אשוואכע נקבה, איך קען איהר גלייבן וויא מיר איז שלעכט איך שלאף ניט אונ איך רוה ניט, איז דאך איהר אויך אזוי, וואס זיא גייט ארום פאר זארגט איך וואלט שון גערין אז עס זאל שון ווערין טאג, אונ איך וועל אריין גיין צוא ראזען און בעטן איהר אז זיא זאל פאר מיר דער ציילן איהר הערץ, אפשר קען זיא זיך גאר מיט יענעם ניט זעהן וועל איך איהר דינען מיט מיינע אלע קרעפטן, אין דיא געדאנקען האט סאלאמאן פאר בראכט אונ האט ניט געקענט איין שלאפען ווערן:

דיא נאכט איז אוועק געגאנגען, עס איז אן געקומן דר ליכטיגער טאג, דיא זאנגע האט אן געהויבען צוא שיינען בעל מלאכות זענען אויף געשטאנען גיין צוא זייער ארבייט האנדלס לייט האט אן געהויבן דרייען דער מוח פון זייערע געשעפטן, דיא רוהיגע מענטשין האבן זיך אן גינומען מיט פאר געניגען פון דעם שיינעם פריא מארגן, סאלאמאן איז אויף געשטאנען אונ איז אריין געגאנגען צוא ראזען אין צימער ער האט געזעהן וויא זיא שלאפט אונ מיט איהר קלאהר ווייסע הענט האט זיא געהאלטן דעם בריף צו גיטוליעט צו איהר הערץ, איהרע שיינע לאקען זענין גוועהן בייא איהר צוא שפרייט, זיא האט פרייא גיאטהעמט אונ אויף איהר איידעלעם געזיכט האט זיא געוויזען אשמייכל אונ האט גרעט, יאזעף. וויא זיס איז בייא איהר דער חלום, האט סאלאמאן צוא זיך גירעט כען זעהט וויא עס קומט איהר צוא קרעפטין, מיך פרייט דאס הערץ אז זיא ליבט יאזעפין ער איז ווערט אז מען זאל איהם ליבען דעם בריף וואס זיא האלט איז דאס מן הסתם אויך צוא איהם, ער וועט דאך היינט זיין דא, נאר וואס האב איך צוא קלעהרן וויא גליקליך וואלט איך געוועזן אז איך זאל זיך אזוי קענען זעהן מיט בלומע'ן וויא זיא קען זיך אלע מאהל זעהן מיט יאזעפין, סאלאמאן האט איהר גיזאלקעוויט אויף וועקין פון איהר זיסען שלאף, ער איז ארום געגאנגען פון איהר צימער:

מיר זעהן אפט אז דער מענטש חאפט זיך אויף פון אשלעכטן חלום ווערט ער בערוהיגט מיט דער מיט וואס ער דער מאנט זיך אז ער האט דאס גרעט בייא טאג אדער ער האט דאס גיהערט פון איין אנדערן רייעדענדיג מיט וויפיל חדשים צוריק נאר דער כות הדמיון האט איהם אויף געוועקט דעם געדאנק אונ עס איז איהם פאר געקומען אין חלום, פון אגוטען חלום אז דער מענטש חאפט זיך אויף טוט איהם באנק פאר וואס דאס איז געוועזן אחלום, ראזע האט זיך אויף גיכאפט וויא שרעקליך מיר איז האט זיא צוא זיך גרעט, איך זעה אז דאס איז נאר אחלום מיט וואס פאר אפארגעניגען איך האב ערשט מיט איהם גרעט איך האב איהם געגעבן דעם בריף וויא ער האט מיר געגעבן זיין ווארט אונ איך האב איהם גזאגט יאזעף דוא ביסט מיין גאנצעם לעבן, וויא איך האב זיך גיפרייט אז מיין גליק איז שון אין גאנצין, אך! ווען דאס זאל ניט געוועזן זיין קיין חלום וויא גליקליך וואלט איך שון געוועהן איך וועל ציילן דיא סעקונדין פון היינטיגען טאג איך וואלט שון גערן אז דער טאג זאל שון אוועק גיין אונ זאל שון ווערין נאכט, אויף היינטיגן אבינט בעשטייט מיין גליק, דער טאג גייט זיך מיט זיין גאנג ניט ער לופט פר דעם מענטשן וואס ארבייט אופין טאג אונ וויל ער זאל שון גיכער אוועק גיין, ניט ער שטייט אויף איין ארט פאר דיא וואס האלטען מענטשן אופין טאג און ווילען אז דער טאג זאל זיך מעהר אויס ציהען, עס איז דא פיל מענטשן וואס וואלטן וועלן אוועק שפארין דעם טאג ער

זאל

זאל שון גיכער אוועק גיין, דעם ווערט דער טאג צוא גנעסין פון דיא בעלי חובות וואס קומען מאנען אונ ער האט זייא ניט וואס צוא געבען. דער גיפאלענער מענטש אז ער איז אין דער שלעכטער לאגע אונ ער האט ניט מיט וואס צוא ערנעהרין זיין געזינד אונ דיא קינדער שרייען עסין, ער וואלט גערין דעם טאג אוועק שפארין ער האפט אז יענע טעג וואס וועלן קומען זאלן זיין בעסערע. אגרויסער פאעט האט גזונגען:

וועו דער גליק איז קליין,
קען קיין גרוסער אומגליק ניט שטיין,
ווען דוא האפסט אויפין גרויסין גליק מיט אמאל,
קען זיין דער אומגליק גרויס אן אצאהל.

דיא ווערטער זענען זייער ריכטיג דיא מענטשין וואס זייא מיטשען זיך אין זייא ווילין אז דער טאג זאל גיכער אוועק גיין איז בייא זייא דער האפענונג קליין, דיא ליעבע האט אין זיך אזוי אקראפט דעם טאג וואס זיא וויל אז ער זאל אוועק גיין אין איין אויגענבליק האפט זיא דאמאלס אוף איהר גרויסין גליק, דערום טרעפט אין דיא ליעבעס וואס זייא האבין אויפין גרוסין גליק מיט אמאהל, מאכט זיך אז דער אומגליק איז גרויס אהן אצאהל, איך האב זיך דאה פאר רעדט און מיר קענין פאר געסין וואו מיר האלטין, וועלין מיר זיך ווענדין צוא דער געשיכטע, דער טאג איז אוועק גיגאנגען און דיא נאכט האט פאר שפרייט איהרע שווארצעה פליגלען, ראזע איז גיזעסין אין איהר צימער בייא אקליין טישיל, דער לאמפ האט גיברענט זיא האט גיהאלטין דעם בריף און האט צוא זיך אליין גירעט אויף דעם שטיקעלעה פאפיר בעשטייט מיין גאנצער לעבין, יאזעף וועט באלד קומען וועל איך איהם געבין דעם בריף און איך וועל איהם בעטין אז ער זאל איהם לעזין און ער זאל זעהן צוא איך שרייב פראווילנא ווארום וויפיל איך וועל זיך שטארקין וועל איך איהם נישט קענען זאגין אז דאס שרייב איך צוא איהם,

יאזעף איז דעם גאנצין טאג גיוועזין צוא טראגין ער האט קאם דער הארט דעם נאווינד וויא דער מאגאזין האט זיך צוא גימאכט איז ער אוועק גיגאנגען צוא ר' מרדכין, איך וויים ניט וואס מיט מיר איז האט ער צוא זיך גירעדט אין וועג, איך קען ניט רוהען עס פעהלט מיר עפעס, וואס ציהט מיך אזוי צוא ר' מרדכ'ס הויז, ראזע וועט דאך כון מיר לאכין אז איך וועל פאר איהר אויס ווייגען מיין הערץ, וויא קום איך צוא איהר אז איך זאל פאר איהר ווייגען, איך בין דען איהר גלייכין, ניין ראזע איז איין איידיל קינד זיא וועט ניט לאכין פון קיין מענטשין בעת אז ער גיסט מיט טרערין, איך וועל אריין גיין גלייך צוא איהר, און וועל אויס ווייגען פאר איהר מיין הערץ, מיט דיא גידאנקען איז ער אריין גיגאנגען צוא ר' מרדכ'ן אין הויז, ר' מרדכי מיט סאלאמאנין זענען נאך ניט גיקומען, מלכה איז גיזעסין אין פאדער צימער ראזע האט דער הערט אקלאפ מיטין טיר איז זיא ארויס גלאפין זעהן ווער עס איז גיקומען, יאזעף הט זיך צו איהר פאר נייגט. און האט איר גיגעבין זיין האנט, קומט יאזעף אין מיין צימער

מִיא וֶועט בַּאלְד אָן צִינְדְרִין דֶעם לָאמְפּ אִין זַאאל . סאלאמאן וֶועט אויךְ בַּאלְד קוּמֶען , זַייא זֶענֶען אַרַיין אִין אִיהְר צִימֶער , ראזע הָאט אִיהְם גִיבֶּעטִין זִיצִין נֶעבְּן טִישִׁיל , מִיט צִיטֶערְדִיגֶע הֶענְט הָאט זִיא אַרוֹיס גִינוּמֶען דֶעם בְּרִיף , זֶעהְט יאזעף לֶעזְט אִיבֶּער צוּא אִיךְ שְׁרַייבּ פְּרַאווִילְנַא יאזעף הָאט בַּייא אִיהְר גִינוּמֶען דֶעם בְּרִיף פוּן הַאנְט אוּן הָאט אִיהְם גִינוּמֶען לֶעזִין , ראזע אִיז גִישְׁטַאנֶען אַזוֹי וִויא דֶער וָואס שְׁטֵייט אִין סוֹד אוּן וַוארְט אויף זַיין אוּרְטְהֵייל מִיט וָואס מִיא וֶועט אִיהְם פַּאר סוּדֶען , יאזעפִין הָאט גֶעצִיטֶערְט דִיא הֶענְט הַאלְטֶענְדִיג דֶעם בְּרִיף עֶר הָאט אִיהְם קָאם גֶענְדִיגְט אוּן אַקְוַואל טְרֶערִין הָאט אִיהְם אַרוֹס גִשְׁפַּארְט פוּן זַיינֶע אוֹיגִין .

יאזעפקע וָואס ווֵיינְסְטוּ ? הָאט אִיהְם ראזע גִיפְרֶעגְט אִיךְ בִּין אָן גִיבּוּנְדְרִין אָן דִיר , אַז דוּא וֵויינְסְט וֵויינְט מַיין הֶערְץ אויךְ , מַיין גְלִיק אִיז גְרוֹיס הָאט יאזעף גִיעֶנְטְפֶערְט , עֶס קֶען שׁוֹין גָאר גְרֶעסֶער נִיט זַיין אוּן אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז מֶען זָאל אִיהְם נִיט אִיבֶּער שְׁלָאגִין , אַייעֶרֶע עֶלְטֶערִין וֶועלִין דָאס נִיט דֶער לָאזִין , זַייא וֶועלִין זִיךְ דֶער וִויסִין וֶועלִין זַייא מִיר פוּן דֶער שְׁטֶעלֶע אָפּ זָאגִין .

נַיין מַיין טְהַייעֶרֶער יאזעף שְׁרֶעק זִיךְ נִיט דֶער פַאר , דוּא הָאסְט דָאךְ גִיהֶערְט אַז דֶער שַׁדְכָן אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגֶען וִויא דֶער פָאטֶער הָאט גִיזָאגְט אַז זַייא זֶענִין אַזוֹי וִויא דִיא שְׁקְלַאוִוין הֶענְדְלֶער , וִויל דָאךְ דֶער פָאטֶער קֵיין שַׁדְכָן נִיט לַיידִין , וֶועט דָאךְ דִיא עֶלְטֶערִין נִיט הַארִין אויף אוּנְזֶער לִיעֶבֶּע .

רָאזֶע , וֶועט אוּנְזֶער לִיעֶבֶּע קֵיינֶער נִיט שְׁטֶערִין ? נַיין מַיין טְהַייעֶרֶער יאזעף , קֵיינֶער וֶועט אוּנְז נִיט שְׁטֶערִין הָאט ראזע גִיעֶנְטְפֶערְט , אוּן זַייא הָאבִּין זִיךְ בֵּיידֶע אַרוֹם גִינוּמֶען אוּן עֶס אִיז בַּייא זַייא אַרוֹיס אַהַייסֶער קוּשׁ פוּן זֵייעֶר לִיפִּין , דִיא טְרֶערִין הָאט זִיךְ בַּייא זַייא גִיפְלִיסְט אוּן זַייא הָאבִּין זִיךְ אָן גִיטְרוּנְקֶען פוּן דֶעם בֶּעכֶער פוּן לִיעֶבֶּע , זַייא הָאבִּין זִיךְ אָפּ גִיווִישְׁט דִיא טְרֶערִין אֵיינֶער בַּייא דֶעם אַנְדֶערִין .

סאלאמאן אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען פוּן גַאס אוּן אִיז אַרַיין גְלַייךְ אִין ראזעס צִימֶער , זַייא זֶענֶען גִיוָוארִין פַאר שֶׁעמְט , אִין זֵייעֶרֶע גֶעזִיכְטִין הָאט זִיךְ גֶעוִויזִין אַרוֹיטֶע קְרַאסְקֶעה .

טְרָאגִין אַשְׁנָאָה אויף יֶענֶעם אִיז אַשַׁאנְדֶע , הָאט זִיךְ סאלאמאן אָן גִירוּפִין מִיט אַשְׁמֵייכִיל , לִיעֶבּ שַׁאפְט טְרָאגִין אִיז קֵיין שַׁאנְדֶע נִיט , אִיר דַארְפְט זַיין רוּהִיג קוּמְט אַרַיין אִין זַאאל אוּן מִיר וֶועלִין עֶפֶּעס שְׁפִּילִין אַפְּרֵייליכֶע זַאךְ , זַייא זֶענִין אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין זַאאל , ראזע הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט שְׁפִּילִין פִּיאַנֶע סאלאמאן מִיט יאזעפִין הָאבִּין זִיךְ גִיזֶעצְט נֶעבִּין אִיהְר אוּן הֶערִין וִויא זִיא שְׁפִּילְט שֵׁיין .

8

אַשְׂנָאָה פוּן דֶעם שַׁדְכָנְס עֶנְטְפֶער

עֶרְשְׁט וֶועלִין מִיר זִיךְ וֶוענְדִין צוּרִיק צוּא דֶעם אָווִינְד ווִיא ר׳ זִימל אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן ר׳ מרדכי׳ן עֶר הָאט זִיךְ נִיט גִיקֶענְט קֵיין עֵצה גֶעבִּין וָואס זָאל עֶר עֶנְטְפֶערִין ר׳ שלומה׳לען, עֶר הָאט צוּא זִיךְ אִין וֶועג גִירֶעט, זָאל אִיךְ אִיהְם זָאגִין אַז ר׳ מרדכי וויל מִיט אִיהְם נִיט טָאהְן אִיז עֶפֶּעס נִיט שֵׁיין, וִויא אַזוֹי טוּט מֶען אַזוֹי אַיִדִין אַפַּאטְשׁ אִין פָּנִים, זָאל אִיךְ אִיהְם גָאר נִיט עֶנְטְפֶערִין וֶועל אִיךְ שׁוֹין נִיט קֶענֶען דִיא אוֹיגִין ווַייזִין מֶעהְר צוּא אִיהְם, אוּן עֶר וִויל דָאךְ אַשִׁידוּךְ פַאר זַיין זוּן אִיז נִיט מִיט דֶעם וֶועט זַיין מִיט אַיין אַנְדֶערִין, וֶועל אִיךְ נָאךְ אִין יֶועדִין אַפַארְדִינְסְט, אוּן ווִידֶער וָואס קֶען מִיךְ הַארִין אַז ר׳ שלומה׳לע וֶועט זִיךְ שֶׁעמִין, פַאר מִיר אִיז נָאךְ אַטוֹבָה וָואס ר׳ מרדכי וִויל נִיט, אוּמְשְׁטֵיינְס גִיזָאגְט וָואס הָאבּ אִיךְ דָאה גִיקֶענְט פַאר דִינֶען בַּייא אַזְרֵייטִין שִׁידוּךְ וָואס מִיא הָאט מִיךְ גִישִׁיקְט רוּפִין אוּן בִּיא הָאט מִיר פִינַאנְדֶער גִיזָאגְט, נָאר גֵיין אוּן אוֹיף פִיהְרִין, עֶרְשְׁט אַז עֶס הָאט זִיךְ אַזוֹי גִימַאכְט אִיז פַאר מִיר אַסַאךְ בֶּעסֶער, אִיךְ וֶועל טַאקִי זָאגִין ר׳ שלומה׳לען אַז ר׳ מרדכי וויל מִיט אִיהְם נִיט טָאהְן, וֶועט עֶר וֶוערִין מִיט דֶער מִיט בַּיי זִיךְ גִיפַאלִין וֶועט עֶר שׁוֹין טָאהְן אַשִׁידוּךְ וָואסֶערִין אִיךְ וֶועל אִיהְם גֶעבִּין, אָה דָא וֶועל אִיךְ עֶרְשְׁט קֶענֶען פַאר דִינֶען שֵׁיינֶע עֶטְלִיכֶעה קֶערְבְּלַאךְ, מִיט דֶעם פְּלַאן אִיז ר׳ זימל אַוֶועק גִיגַאנְגֶען זָאגִין עֶנְטְפֶער, ר׳ שלומה׳לע אִיז גִיזֶעסִין מִיט זַיין פֵייגֶע רחעל׳ען אוּן הָאט גִיקְלֶערְט וָואס קָאן דָאס זַיין וָואס זימל אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אִין דֶער פְרִיא אוּן עֶר הָאט קֵיין עֶנְטְפֶער נִיט גִיבְּרַאכְט.

אִיךְ ווֵייס נִיט וָואס דַארְפְסְטוּ קְלֶערִין, דָאט זִיךְ פֵייגֶע רחעלע אָן גְרוּפִין, דוּא הָאסְט מוֹרָא אַז ר׳ מרדכי זָאל אֶפְשַׁר נִיט וֶועלִין, וָואלְטֶען מִיר אַזוֹ זַיין בַּאוָוארִינְט מִיט אַלְדָאס גוּטֶס, וִויא אִיךְ בִּין בֶּעוָוארִינְט אַז ר׳ מרדכי וֶועט זִיךְ נָאךְ אָן הַאפִּין, דוּא דַארְפְסְט ווִיסֶען קֵיין סַאךְ בעלי בתים וִויא מִיר זֶענֶען, אִיז גִימָא אִין שְׁטָאט ווֵינְצִיג צוּא טוּעֶן מִיר, דָאס אִיז אִין בַּאלְנִיצֶעה דָאס אִיז אִין תלמוד תורה אִין מִיטֶען בַּייא אִיךְ אַוֶועק צוּא אָרוּמֶע קִינְפֶּעטָארִן, אַיי דָאס וָואס מִיר ווֵייסֶען ..... פֶערְשְׁטֵייט דָאךְ קֵיינֶער נִיט, נָאךְ אוּנְזֶער כָּבוֹד וָואס מִיר הָאבִּין דָא אִין שְׁטָאט הָאבִּין מִיר גִיקֶענְט טָאהְן מִיטְן גְרֶעסְטְן רַב, נִיט מִיט אַזאַ ר׳ מרדכין וָואס מִיא רֶעדְט אַז בַּייא זַייא זִיצְט מֶען אִין הִימְלֶען, אוֹךְ מִיר אַיוּד, אִיךְ פַאר שְׁטֵייא גָאר נִיט וָואס דִיר ווִילְט זִיךְ אַזוֹ מִיט אִיהְם טָאהְן אַשִׁידוּךְ:

דוּא דַארְפְסְט ווִיסֶען פֵייגֶע רחעלע אַז אוּנְזֶער דאניאלקע וֶועט נָאךְ צוּם שְׁפְּרִינְגֶען פוּן דֶער הָאזֶעה, עֶר אִיז דָאךְ בַּייא אוּנְז גִיהָאדֶעוֶועט גִיוָוארִן נִיט וִויא מִיא פִיהְרְט אִיהְם הַיינְט בְּעֵת מִיר הָאבִּין גִיהַאלְטֶען דֶעם שֶׁענְק בַּייא דֶעם גְראף לאפיצקי, אוּן חֶבְרָה פְּלֶעגְן צוּא אוּנְז פַאר פָארִן, דאניאלקע אִיז דַאמָאלְס אַלְט גִיוֶועהְן זֶעקְס זִיבְּן יָאהְר הָאט עֶר שׁוֹין גְלֶעבְּט מִיט חֶבְרָה אוּנ הָאט גִיגוּלַאיֶעט אוּן גִיקְלֵיידֶעט זֶענֶען מִיר אוֹךְ גִיגַאנְגֶען אַנְדֶערְשׁ, נִיט וִויא הַיינְט, מִיר הָאבִּין אִיהְם גִיזָאגְט אַז עֶר זָאל אָן טָאהְן אַלַאנְגֶען קַאפְּטְן אוּן גֵיין אִין לַאנְגֶע פֵּאוֹת וֶוען מִיר זֶענְן אַהֶער צוּא אַרַיין

גפארן האט ער אונז גפאלגט, ווערליג ער איז ביא אונז גוואונט גווארן איז דאס ביא איהם גאנץ שווער, דער סוף וועט זיין אז ער וועט נאך ארוס שפרינגען פון דער האזעה אונ ער וועט אונז ניט וועלן פאלגן אונ ער וועט נאך אן הייבן טאהן אוף אמאליגען סטרוי וועלן מיר נאך האבן דיא גרעסטע בזיונות, היינט פאר שטייסטו שון וואס איך וויל אז מיר זאלן טאהן מיט ר מרדכין, דאניאלקע וועט אן קומען צוא איהם פאר איין איידים וועלן זייא איהם פירען נאך זייער גאנג, ביא זייא לעבט מען פרייהער, איז דאס פאר אונז אגוטער שידוך, ווארום פאר אונז פאסט ניט אז מיר זאלן פיהרען דאניאלקען אנדערש גקליידעט און מיר זאלן איהם לאזן זיין אביכל פרייהער:

איך האב דאס גאר ניט פאר שטאנען, האט פייגע רחעלע גענטפערט, האבין זאל איך דיר, דוא ביסט טאקע אחכם, דאס איז פאר אונז אזעלטענער שידוך, אין דיא רייד האט זיך אוף געפינט די טיר אונ עס איז ארײן גקומען ר׳ זימל דער שדכן:

מיר האבן אייך ערשט דער מאנט, האט זיך פייגע רחעלע אן גערופען, מן הסתם זענט איר שון גקומען אן זאגן אז מען דארף זיך גרייטען, עס מאכט ניט אוים, האט ר׳ זימל גענטפערט גרייטן דארף מען זיך, ווארום איך האב שון אשידוך פאר אייך, איך זאג אייך אז דאס איז איינס אין דער וועלט:

איך וויים ניט ר׳ זימל וואס רעדט איר? האט פייגע רחעלע ופרעגט, מיר האבן דאך אייך גשיקט צוא ר׳ מרדכין, וואס דרייט איר אונז אמוח מיט אנדערע שידוכים:

איך שלאג אייך איבער דיא רייד, לאמיר ביידע האבן נחת אין פרייד, האט ר׳ זימל זיך אן גרופען, איר זאגט וואס איך רייד פון איין אנדער שידוך, איך זאג אייך אז אשדכן דארף האבן איין אייזערנע קאפ אויף זיך, אז ער האלט דאס אום קלערענדיג, וואס איך האב צוא קלערט פון אייערט וועגן אשידוך אונ איך האב ניט גקענט דער קלערן פאר אייך ווערליג אייך שטייט אן, איר האט מיר גשיקט צוא ר׳ מרדכין בין איך גוועזן ביא איהם, אט איצט ערשט גייא איך פון דארט ער האט גזאגט אז ער וויל מיט אייך ניט טאהן:

וואס זאגסטו שלומהלע דער צוא? האט פייגע רחעלע זיך אן גרופען, עס איז גוטע יאהרין עס איז שון אזאך און ווייא צוא דיא פאטראכעם, אז ער וויל נאך מיט אונז נישט טאהן:

זאל דאס אונז זיין דיא לעצטע דאגה, האט איהר ר׳ שלומהלע גענטפערט, וואלט אזוי זיין אדאגה מיט אלדאס גוטס, האט זיך ר׳ זימל אן גערופען וויא עס איז אדאגה מיט אשידוך, איך האב זיך דער מאנט אנטקעגן וואס איך האב אייך פריער גזאגט איך האב ניט גקענט דער קלערן פון אייערט וועגן אשידוך ווערליג אייך שטייט אן, נאר איך זעה אז עס קומט דער בעשערטער זיווג פאלט ביא מיר אויף דיא גדאנקען גאר ניט קלערענדיגער הייט, אט דא איצטער אז איך בין גגאנגען צוא אייך זאגן דעם ענטפער איז מיר אין וועג ארויף אופען גדאנק פאר אייך אשידוך נאך אייער כבוד וויא אייך שטייט אן, אמשפחה פון הוילע רבנים, דאכט זיך אז איר קענט ר׳ וועלוויל זלאטעס, זיין שווער איז דער לובקינער רב איז דאס פון איהר צד, אונ פון זיין משפחה איז דער חעלעוויצער דיין איז זיינער

אזוידעה

אזוירעה, און ר׳ וועלוועלען אליין קענט איר דאך פר ווס אטייער איד דאס איז :

איך האב זיך ניט וואס צו היילען, האט זיך ר׳ שלומהלע אן גערופען מיין דאניאלקע איז ביי מיר ניט איבעריג אז איך זאל זוכין אביא איהם ארום שפארן, מיינט ניט ר׳ זימל אז דאס וואס איך האב אייך געשיקט צוא מרדכין זוך איך דאס אזוי שטארק אשידוך פאר מאן זון, דאס האט איר דאך אוך מן הסתם געהערט ר׳ זימל וויא מיא פיהרט זיך אוף ביי ר׳ מרדכין אין הויז זייא גייען אגאנצע וואך ניט דאווענען, אחוץ שבת, מיא זיצט ביי זייא אן היטלען אזויגע איז אמצוה ארוף פיהרן אופען וועג אז זייא זאלין ווערן אביסל פרומער, איך האב גירעכינט אז מיין דאניאלקע וועט צוא זייא אן קומען פאר איין איידים אונ איך וועל זיין זייער מחותן וועלין מיר זייא איבער שטעלין אז זייא זאלין זיך אוף פיהרן אזוי וויא ערליכע אידין, יעדער איד איז מחויב צוא זוכען מאהן אמצווה, איך האב אוודאי געוואלט טאן דיא מצוה אונ ארוף פיהרן זייא אופין וועג אז זייא זאלין ווערן ערליכע אידין, נאר איר זאגט ר׳ זימל אז ער וויל מיט מיר ניט טאהן קאן מען דאך קיין מצוה מיט געוואלד ניט נעמען :

מיר איז אוך געוועזען אחידוש, האט זיך ר׳ זימל אן גירופען, וואס איר האט געוואלט טאהן מיט ר׳ מרדכין נאר ערשט פאר שטייא איך שון, וואס זאגט איהר ר׳ שלומהלע וועגן דעם שידוך וואס איך האב אייך גזאגט, מיר האבן נאך צייט האט ר׳ שלומהלע געענטפערט, זאל נאך זיין דער ווייל, מיר האבן זיך ניט וואס צוא היילען :

מיר מאכט ניט אויס אז עס וועט זיין שפעטער, האט ר׳ זימל געענטפערט נאר איך וויל זיין דער שדכן ביי אייך, עס מוז שון זיין גאנץ שפעט מיא דארף שון גיין, אגוטע נאכט האט ר׳ זימל גזאגט, און איז אוועק גגאנגען, אגוט יאהר גייט געזונטער הייט האט פייגע רחעלע געענטפערט און זיא איז נאך גגאנגען פאר מאכען דיא טיר :

זיא איז צוא גגאנגען צוריק צום טיש זיא האט זיך אנידער געזעצט, וואס זאגסטו אוף דערוף, האט זיא זיך אן גערופען, וויא ר׳ מרדכי האט דאס אונז געגעבן אפאטש אין פנים דו וועסט דאס איהם שווייגן, דאגה ניט האט ר׳ שלומהלע געענפערט, איך וועל איהם מאכן אז ער וועט ווערן גפאלענער ביי זיך ער וועט זיך נאך ביי אונז בעטן מיר זאלן מיט איהם טאהן :

דוא ווייסט שלומהלע וואס מיין עצה איז, אט דיא זילבער מיט דיא גאלד ווארג וואס מיר האבן פון לאפיצקין זאל מען עטליכע שטיקלך אונטער ווארפן איהם און ער האנדילט דאך מיט דער מיט, אונ אוועק שרייבען אבריף צוא לאפיצקין אז זיין גנבה וואס מען האט איהם בעגנבעט געפינט זיך ביי איהם, און דער בריף זאל זיין אן אנאמען מיא זאל זיך אונטער איהם גאר ניט אונטער שרייבען וועט ער ניט וויסען פון וואנען די קאהל האט איהם גישאסען :

איך זאג דיר פייגע רחעלע אז דאס איז ניט קיין פלאן, איך האב דאמאלס מורא געהאט אז לאפיצקי זאל זיך ניט פאר שמיין אז דאס איז אונזער ארבייט, האב איך באווארינט מיט דעם וואס איך האב גזאגט אוף אברהם צוקערבערג אז ער האט דאס איהם בעגנבעט, און אברהם צוקערבערג איז דאך טאקי אין דעם

אייגענעם

אייגענעם טאג אנטלאפן גווארן, עס קען זיין אז ביא לאפיצקין איז אנדערש גיט פארעכענט גווארן אז ער האט דאס איהם בעגאנבעט, צוא וואס דארפן מיר דאס אוף וועקן אז לאפיצקי זאל נאך קומען אהער צוא פארען אונ זאל אונז דא זעהן אונ אין דער שטאט וואו מיר זענן זאל ער דער גיין זיין גנבה, מיר קענען נאך אליין זיך אן מאכן איין עסק, פאר שטייסטו שון אז דאס איז ניט קיין פלאן, זארג ניט פייגע רחעלע, איך האב שון בעקלערט וויא אזוי מיר זאלן זיך מיט איהם אפ רעכענען, ער וועט האבן איין אומגליק אונ מיר וועלן פאר דינען עטליכע טויזענט קערבלאך, דוא ווייסט וויא אזוי? אונזער בערקע וועט זיך פאר שטעלן פאר אגרוסן סוחר אונ ער וועט פארן צוא ר׳ חיים שטיינוואס אין איינפאר הויז, ער וועט זיך זאגן אז ער האט געהערט אז דאה אין שטאט איז דאה אגרוסער סוחר וואס האנדילט מיט זילבער און מיט גאלד, איז ער גקומען אהער צו פארן קופין סחורה, און ער וועט בעטן ר׳ חיים שטיינוואס אז ער זאל מיט איהם גיין, און ביא אונז אין שטאט האנדילט קיינער דער מיט ניט גאר ר׳ מרדכי, און ר׳ חיימין קען ער דאך פאר איין ערענטליכען מאן, בערקע וועט אוים קלובן פאר עטליכע טויזענט קערבלאך סחורה און ער וועט זאגין אז ער וויל געמן צוא זיך אוף בעטראכטען, ר׳ מרדכי וועט גיטרוען אוף ר׳ חיימין וועט ער איהם געבן, נאך דעם וועט זאגן בערקע אז ער האט זיך בעטראכט אז דיא סחורה געפעלט איהם ניט, וועט ער איהם פאר בייטען אוף דיא פאלשע גאלד און זילבער מיט דיא נאכגעמאכטע קלייטעס וואס ביא אונז איז דאה, אז ער וועט איהם אפ געבן וועט ער אוועק פארן פון דעם איינפארהויז אונ וועט אריין גיין אין פאליציע זא יאוועט אז ר׳ מרדכי פאר קויפט פאלשע גאלד מיט זילבער פאר גוטע, און געפינען וועט מען דאך ביא איהם גינוג, ער וועט אפילו ניט וויסען פון וואנען דער אומגליק איז איהם געקומען, און מיר וועלן נאך האבען פאר עטליכע טויזענט קערבלאך גאלד מיט זילבער :

געזונט און שטארק זאלסטו מיר זיין, האט פייגע רחעלע זיך אן גערופען, האבן זאל איך דיך, איך זעה אז דוא ביסט טאקע אחכם, איך בין טאקע גאר איידענע איך האב אוף דערוף גאר קיין שכל ניט גהאט. איך וויים ניט שלומהלע צוי מיא וועט דאס אבער מיט בערקען קענען אום פיהרען :

דוא רעדסט וויא אקינד, האט ער איהר גיענטפערט, מיר האבן שון מיט בערקען אום געפירט גרעסערע זאכן, ביא לאפיצקען איז דאך דאס אוך געווען בערקעס ארבייט, אט רוף איהם אריין וועסטו הערן וואס ער וועט זאגן אז ביא איהם איז דאס גאר ניט, בערקע! האט זיא אום געשריגן קום אריין מיר דארפן דיך עפעס האבן, אוף וואס דארפט איר מיך? האט בערקע געפרעגט אריין גייענדיג צוא זייא, מיר דארפן זיך מיט איינעם אפ רעכענען, האט פייגע רחעלע זיך אן גערופן און דער ביא שטייט נאך אגרוסער פאר דינסט, דוא ווייסט וואס מיא דארף דא טאהן? דיא פאלשע גאלד און זילבער וואס מיר האבן ביי אונז דארפמין איינעם פאר בייטען אוף גוטעה אונ נאך דעם זא יאוועט דאס אין פאליציי, אז יענער האנדילט דער מיט, וואס זאגסטו בערקע וואס קען יענער האבען דער פאר?

איר פרעגט וואס ער וועט האבן? האט בערקע זיך אן גערופן מיט אגלעכטער,

אז

אז מען וועט ביי איהם געפינען געלד מיט נאך געמאכטע קליימעס וועט מען איהם געבן פיש מיט הריין:

דוא געמסט זיך אונטער בערקע אז דוא זאלסט דאס מאכען, אז דער געשעפט זאל זיין אפ גיארבעט גלאט, פון דער פון האט איר ניט וואס צו רעדן האט איר בערקע גיענטפערט, איר דארפט שון מיר ניט לערנן וויא אזוי צו טאהן, איר רעדט מיט מיר אזוי וויא ביי מיר איז דאס דער ערשטער מאהל, דאכט זיך אז איר ווייסט אליין אז איך האב שון עפעס אפ געארבעט גרעסערע געשעפטן, זאגט מיר ווער איז דאס וואס איך וועל איהם דארפען אפ ארבעטן:

דאס וועסטו שון וויסען, האט פייגע רחעלע גיענטפערט, מיר וועלן דיר שון זאגען ווען מען וועט דאס דארפען טאהן, מיהר מאכט ניט אויס ווער דאס איז, האט בערקע גיענטפערט אוועק גייענדיג, ער וועט שון פון מיינע הענט גוט ניט אפ שניידען:

מיר מוזען יעצט דיא ליבע לעזער בעקאנט מאכן מיט דעם משרת בערקע, ווארום ער וועט ביי אונז אין דער געשיכטע קיין קליינע ראליע ניט שפילן. ער איז געוועזן איינגער מאן אונגיפעהר 27 יאהר ער איז גיהאדעוועט געווארן ביי זיינע עלטערן וויא אין דיא קליינע ליטווישע שטעטלך ווערן גיהאדעוועט קינדער, זייא האבן איהם געוואלט מאכן פאר איין רב און בערקע האט דער צוא קיין חשק ניט געהאט, אז ער איז אלט געוועהן צעהן יאהר האט ער שון ליעב געקריגן אקערטל אגלעזל וויין און נאך עפעס האט ער אויך ניט פיינט געהאט, זיינע עלטערן האבן געהאט אקלייט פון גיוואנט. אז בערקען האט ניט גיסטייעט אויף דער געבן זיין תאוה האט ער געטראגן פון קלייט, און פלעגט אפ שניידן עטליכע ארשין גיוואנט אויף אפאלטא און פרעגט דאס פאר קופען זיינע גוטע ברידער, און מען האט דאס געלט פאר לעבט צו זאמען, גוטע ברידער האבן דער זעהן אז זייא קענען פון בערקען ציהען אקערבל האבן זייא איהם געגעבן צוא פאר שטיין אז טראגן שטיקלאך ווייס איז ניט קיין פלאן, וואס קען מען מיט אזוי אביסל געלט גולאייען, עס איז מעהר ניט אויף ארעכטן טרונק בראנפען און אויף אגלעזל וויין, זייא האבן איהם געהייסן ער זאל אן קריגען דעם שליסעל פון קלייט אויף דער נאכט און זייא וועלן איהם העלפן אז מען זאל ביי נאכט ארוס גאנבענען דיא גאנצע סחורה, בערקע האט זיך לאנג ניט גלאזט אן רעדין אונ ער האט גפאלגט דיא גוטע ברידער און מיא האט פאר נומען אין גאנצן פון קלייט דיא סחורה, און דיא שטאט וואו בערקעס עלטערן זענן גזעסן האט מען גערופן נאווקע, זיא איז געוועזן ניט ווייט עטליכע מייל פון לאפיצקעס הויף וואס ר׳ שלומהלע האט דארטן געהאלטן דעם שענק, בערקעס גוטע ברידער האבן זיך מיט ר׳ שלומהלען גקאנט גאנץ גוט זייא פלעגן ביי איהם אפ זעצן זייערע סחורה וואס זייא פלעגט זיך אמאל מאכן, בערקע האט ניט גיוואוסט וויא מיא קערעוועט זיך מיט אזעלכע סחורה איז ער געפארען מיט זייא וואהין זייא האבן איהם געהייסן, זייא זענן אוועק געפארן אין זייער אלטען ארט צוא ר׳ שלומהלען פאר קופען דיא סחורה, זייא האבן גענומען דיא געלט און זייא האבן בערקען ניט געגעבן אקאפיקע נאר זייא האבן אויף גיוויזען ר׳ שלומהלען אז מען טאהר אים קיין געלט ניט געבן ער וועט נאך פארין צוריק אהיים וועלן זיך זיינע עלטערן צוא טשעפן וועט ער נאך זייא געבן צונג וועלן מיר אלע זיין אומגליקליך, און איר ר׳ שלומהלע קענט נאך אויך האבן אגרויסן עגמת נפש דער

פון

פון , װעלן מיר לאָזן עטלכע קערבלאך ביא איך פאר איהם װאס ער װעט זיצען
און עסן און איר זאָלט איהם ניט לאָזען פאהרן, ער דארף מער ניט האבן אגוטען
אן בייסן מיט אטרונק בראנפן איז שון פאר איהם גינוג , דיא חברה זענן אװעק
גפארן און בערקע האט זיך אפּ גישטעלט ביא ר׳ שלומהלען אהן אקאפּקע , ער
האט אפילו גאנץ גוט געשריגען נאר זייא האבן איהם ניט גיהערט, ר׳ שלומהלע
האט איהם גגעבן צוא פאר שטיין אז ער זאָל זיך ניט זארגן װאס זייא האבן איהם
ניט גגעבן קיין חלק , צי נאר ביי אטאטין דארף מען קענען גנבענען ? אז דוא װעכט
זיין אמענטש װעסטו האבן אנדערע געלט מיא דארף ביא פרעמדע אויך קענען ,
בערקען איז דער פלאן זייער געפעלן גװארן און ער האט זיך גענומען שטארק צוא
דער ארבייט, ר׳ שלומהלע האט גזעהן אז ער טויג צום גשעפט און ער פאטערט
אים מיט אטרונק בראנפן , אונ עס שטעלט זיך אפּ ביא איהם אין גאנצען האט ער
איהם פון זיך ניט אװעק גילאָזען זייא זענן אריין גפארען אין רים האט ער אפּ
גירעדט מיט בערקען אז ער זאל הייסן זייער משרת און זייא װעלן אן הייבען
פירען אפרומעה ראליע אונ ער װעט זיין ביא זייא װעט נאך זיין פאר איהם
בעסער צוא ארבעטן אין געשעפט , װיא מיר האבן דאה דיא לעזער בעקאנט
געמאכט מיט בערקען , קען מען פאר שטיין אז ער טויג צוא ר׳ שלומהלעם
פלאן.

9.

קום אהער טהייערע פייגעלע

דאס איז איך שון בעװאוסט ליבע לעזער װיא דער אוף פיהרונג איז אין
דיא ליטװישע קליינע שטעטלעך אין מיטען װאך האט זיך יעדער מורא אן טאהן
װיא דער רעכט איז און גיין צוא געפוצט , דער מענטש װאס האט דער פון דיא
גרעסטע פארגעניגען , גייט ער ארום מיט אלעמען גלייך פאר שלומפערט און פאר
פאצקעט װאס ער האט מורא פאר ליטישע רייד אז מען זאָל איהם ניט בערעדן ,
גייט איינע פון רייבען גראד ארום אנגעטאהן און פאר פוצט אזו באלד װערט דיא
זיסע רייד געפאלן , װאס פאר אקאפּ װייטאג האט זיא , עס ליגט איהר עפּעס
אנדערש אין זינען , אנאר סטרויען זיך, אז מען זעהט פון בעלי באטעשען גראד
איינע ארום גייענדיג אן געטאהן אין אשיינעה קלייד טראכט מען שון פון װאנען
סטייעט דאס איהר אוף אזעם דינג , דאס איז ניט פון איהר מאנס פראצע , דאס
האט מען איהר מן הסתם אימצער גימאכט װאס ער האט איהר ליעב אונ
מען שװערט שון אז דאס גייט זיא אװדאי צוא איהם , פון געמיינערן גראד אז
איינע גייט ארום זיך ריין אנגעטאהן קען זיא דיא אוגען ניט אוף הייבן פון
דיא רייד װאס װערט אוף איהר גפאלען , װאס זאגט איר אוף דער שלעפּערקע װיא
זיא האט זיך אקאפּ אוים געפּרינדעט , ערשט דא ניט לאנג איז זיא גגאנגען
פערשלומפערט ביז אין האלז , זעהסט אוף איהר װיא זיא האט זיך אום געסטרויעט ,
זיא איז גװארן אגאנצע פרינצעסין , װאס עס האט גזאלט זיין אונ װאס װעט זיין

זאָל

זאל זיין צו איהר קאפ , דיא אלע ליבע הארציגע רייד אז עס קומט דער היילינגע שבת ווערן זייא ניט דער מאנט , דער טאג שבת איז דא וואס צוא רעדן ווענן אנדערע זאכן, עס איז פרייא אוף אנטאהן זיך ווארום דאס איז פארעכענט אז דאס איז לכבוד שבת, דעם טאג זענין אלע לידיג אונ מען האט ערשט צייט יענעם ארום ריידן, מען דער הארט קאם אפ עסין דעם טשאלינט, דיא רימער איינוואונער זענין ארום גגאנגען אין דיא גאסן שפאצירן און אוף דיא בריקלאך זענין גשטאנען ווייבער און האבן פון יעדערן גערעדט און מיא האט גיטייטילט מיט דיא פינגער , בייא איינע זעהט זיך ארום אביסל איהרע איינענע האר , דיא גייט דיא קלייד אום גיגארסטעוועט צוא פיל, אוף דער פאסט גאר דיא קלייד ניט, דיא דער ציילט אז איהר שכנה איז אפרעסערקע זיא באקט אהן אוף שבת אזוי פיל חלה אז עס בלייבט איהר נאך אוף אגאנצע וואך צוא עסין, דיא אנדערע דער ציילט אז זייהר שכנה איז אגאר נישט , זיא באקט אוף שבת מעהר ניט וויא דרייא קליינע חלעלעך אז עס קטייעט קאם אוף המוצעת, וויפל דער מאן איהרער פאר דינט זעהט זיא גאר אז מען זאל זיך קליידן שיין , דיא בעלי בתים זענען ארום גגאנגען שפאצירן , אנדערע זענין גשטאנען רעדליך וויים אונ האבן גערעדט פון וועלטליכע זאכן אונ פון פילאזאפי , איינער האט זייא אוף געוויזען פון וואגען עס נעמט זיך דיא ערד ציטערניש , וויל דיא גאנצע ערד שטייט אופין לויתן און ער טוט זיך אקעהר אופין אנדערן זייט , דעריבער גיט אציטער דיא ערד, אנדערע האבן דער ציילט נייעס פון מלחמות אז אין דער מלחמה פון דעם רוס מיטען טערק האט מען בייא אסאך גיהארגיטע טערקן געפונען שמירות פון גוטע יודין, אונ מען הט גערעדט פון דעם אינגעלע וואס ער איז אלט זיבין יאהר און זאגט נביאות אז אין דעם יאהר תרל"ח וועט קומען משיח, ער ווייזט אוף אז דער ווארט, גאולה, איז בגימטריא פינף אין פערציג און פון דעם יאהר תרל"ח בעטרעפט דער למ"ד מיט ח"ית אכט אין דרייסיג און מיא וועט צוא לייגין דיא זיבין טעג פסח, וואס אין דיא טעג איז אוך גוועזן אגאולה , איז מיט דיא זיבין טעג וועט ווערן בגימטריא גאולה, אנאר מיר רעדן ניט פון דיא וואס שטייען רעדלאך וויים, אדער דיא וואס האבן גערעדט פון דעם נייעם מגיד וואס האט גידרשינת גוט אין קלויז, מיר וועלן זעהן אונטערן שטאט אופן פרייעהן פעלד, וואו ניט וואו אין ערטער ווארפן זיך דורך קליינע בוימעלאך, יאזעף צוקערבערג מיט סאלאמאנען זענן ארום גגאנגען, איך רעכין אז בלומה וועט געוויס קומען האט סאלאמאן גזאגט, זיא איז איין איידיל קינד איך האב איהר גשריבען אין בריף אז איך וועל איהר היינט דא ערווארטן וועט זיא ניט לאזן קיין מענטשן ווארטן און ניט זאגן איהם קיין ענטפער, אויסער זיא וועט אפ זאגן דעם בריף וועט זיא אויך קומען אוף ווייזען פאר וואס זיא זאגט אפ :

אט גייט זיא דוכט זיך פון ווייטען, גייא אפ יאזעף אהן אזייט און ווארט אויף מיר ביז וואנען איך וועל זיך מיט איהר אום רעדן , יאזעף האט איהר גוואלט זעהן איז ער דורך גגאנגען לעבן איהר , זיא איז ווערט אז מען זאל איהר ליבען האט ער צו זיך גערעדט ערשט האף איך אז מיין ליבע צוא ראזען וועט ניט איבער געשלאגען ווערן , אז סאלאמאן רעכינט אז דער פאטער וועט איהם דאזוואליען מיט בלומען הייראטען קען איך האפן אז איך וועל הייראטען מיט ראזען, איך שטעל זיך פאר וויא גרוס דער פאר גענינגען וועט זיין אז מיר וועלין זיין שוואגער און שוועגערן און מיר וועלן גיין צו זאמען שפאצירן וועלן אונז גאט און לייט מקנא זיין :

סאלאמאן

סאלאמאן איז גגאנגען איהר אנטקעגן קום אהער מיין טייערע פייגעלע אגאנצע וואך זיצטו דאך אזו וויא אין איין שטייגעלעה.

איך ווייס ניט וואס האט איר סאלאמאן געהאט צוא מיר? איך האב פאר בראכט מיינע יאהרן בייא חנה דער ליכטציערקע. איך האב שון זיך גערעכינט פאר איינע אונגליקליכע וויא אייער פאטער האט מיהר גליקליך געמאכט זייא האבן מיהר אפ גגעבען צוא דער נייטארן און געהייסען גיין אלעהערער זאל מיר געבן אשעה, האב איך ערשט דער זעהן אוועלט פאר זיך, און איר האט מיהר מיט אייער בריף וואס איר האט מיר גגעבן, וויא איך האב איהם איבער גילעזין, האב איך ניט געוואוסט אוף וואסער וועלט איך בין, אין מיר האט זיך גיוועקט אלע מאהל אנדערע גידאנקן, דאס איז מיהר פאר געקומען אופין געדאנק אז איר ווילט מיט מיר הייראטין וויא גליקליך איך וועל זיין פאסט שון פאר מיר גאר ניט אז איך זאל זיצען און נייען, ווידער האב איך בערעכינט, אז דאס איז אזו אזאך וואס קען גאר ניט זיין איך רעכין ניט חס ושלום אוף אייך אז איר מיינט מיהר פאר פיהרען עס קען זיין אז איר מיינט דאס מיטין גאנצן הארצען, גאר דאס קען דאך ניט זיין, אייערע עלטערן וועלין דאס ניט דער לאזין, איך זאל אייך דער ציילן וויא אזו מיט מיהר האט זיך גיפאסירט, וואלט איר מיהר גלייבען אז איר האט מיר געשטערט מיין גאנצען פאר זעניגין:

דער צייל טייערע בלומה, איך וויל וויסען און אוף ווייזין דיר אז עס קען אלץ זיין, דאס ווייסט איר דאך שון אז איך בין גיהאדעוועט גווארן בייא חנה דער ליכטציערקע האט זיך בלומה אן גערופן, אז איך בין אלט גיוועזן פיר יאהר איז מיין מוטער פון מיר אפ געשטארבען איך האב איהר נאך גוט ניט געקענט, אונ מיין פאטער ווייס איך אוך ניט צוא ער לעבט צוא ער איז געשטארבען, קענען האב איך איהם ניט געקענט, מיין מוטער איידער זיא איז געשטארבען האט זיא מיהר געלאזען בייא חנה׳ס אשוועסטער, נאך דעם איז זיא קראנק גווארן איז חנה גקומען צוא פאהרן צוא איהר גוואר ווערן זיא האט געדארפט פארען קיין אוקלאנד קורירין זיך, האט זיא געבעטן חנה׳ן אז זיא זאל מיך צוא נעמען צוא זיך, איך בין בייא איהר געהאדעוועט גוואהרן מיט קלעפ און מיט שלעק, לערנען עפעס איין נוצליכע זאך האט מען מיך ניט געלערינט, אום קעהרין און וואשין אונ אוף נאך שווערע ארבייט האט מען מיך געלערינט, אז איך האב גענומען אמאהל איטיקעל פאפיר איך זאל זיך אליין לערנן שרייבען האט מען בייא מיהר ארוס געריסען פון האנט אונ מען האט מיך נאך געשלאגען דער פאר וויא קום איך זיך לערנען שרייבן, אגאנצע וואך האט מען מיט מיר גיארבייט אזו וויא אין טאצקעם איך האב קיין צייט ניט געהאט צוא פאר קאמען זיך אמאהל, איך פלעג שון קאם דער לעבן דעם שבת וואס אין דעם טאג איז יעדער פרייא פון זיין ארבייט איך בין אין דעם טאג אוך גוועזן אביסל פרייעהר האב איך זיך גוואלט אמאהל פאר קאמען האט מען מיך אוך ניט גלאזט, זיא האט נאך אוף מיר געשריגן אז איך בין דר פאר אהולטייקע וואס איך וויל זיך קאמען אום שבת, אונ אז עס איז גוועזין אין שטאט דיא חולירע האט מיך חנה ארויין געפירט צוא ר׳ שלומהלען דאס ווייסט איר דאך שון וויא מיא האט מיך גוואלט אומגליקליך מאכן, קענט איר פאר שטיין אז איך האב אין מיין ביסעלע יאהרן געגוג אום געליטן, אין דיא גאנצע צייט בין איך אין דער פינסטער גילעגן. אז אייער פאטער האט מיך אפ גענומען פון ר׳ שלומהלען האב איך איצט

דער זעהן אנוועלט פאר זיך. איך האב דער זעהן מענטשן מיט אידעלע הארקטארן וואס מען קען זיך פון זייא אפ לערנן. איך האב אן געהויבן צוא פאר שטיין וואס אין מיר פעהלט. איך האב זיך שון אוף אזו אגליק ניט גערעכט אז מיך זאל דאס טרעפן אז אלעהער זאל גיין צוא מיר געבן אשעה און איך זאל קענן לעזין אבוך איך קען זיך גאר ניט אן זעטיגן מיט דעם פאר גענינגען וואס איך נעהם איין דער פון. איך האב איצט אן געהויבן פיהלען וויא איך בין ביז דער צייט געווען צו ווישין פאר דארבענע מענטשן. אזעלכע וואס זענן ניט ווערט צו טראגען אוף זיך דעם נאמען מענטש. איך האב זיך נאך ניט רעכט אן געזעטיגט מיט דעם גליק. האט איר מיהר איהם געשטערט. איך האב אנאנצע וואך ניט געקענט רוהען איך האב קאם דער הארט דעם שבת אז איך זאל גיין אום רעדן זיך מיט אייך. אז איך בין נידעריג צוא אזו אגרויסען גליק וויא איר האט מיהר פאר געשטעלט:

ליבע בלומה וואס רעדסטו זיך איין אזו אזאך. מיט וואס בין איך דאס גרוס אנטקעגן דיר. וייל דוא האסט שון אסאך צרות אום געליטן. אין דערינען ביסטו דאך ניט שולדיג. דאס האט דאך דיא צייט געבראכט דער צוא. פון דעם איז דאך קיין מענטש ניט בעווארינט. דער מענטש איז דאך ניט בייא זיך אין האנט. און מיט רייכקייט קען מען אוך זיך ניט האלטען גרוס. ווארום מיר זעהן דאך אז רייכטהום איז אזו וויא ארויך עס שוועבט אמאהל אוועק אז מען זעהט זיך גאר ניט ארום. און אנטקעגן יחוס זאגט שון דאס יעדער אז יחוס נא קברות. און ווידער קענסטו דאך ניט דיין פאטער און דוא ווייסט דאך ניט פון וואס פון אפאמיליע דוא וואקסט. עס קען זיין אז דיין פאמיליע איז אזו אגרוס ארטיגע אז עב וואלט זייא ניט אן שטיין אז איך זאל זיין פאר דיר אחתן. ליבע בלומה דוא קענסט דאך מיין פאטער וואס פאר אקלוגער מענטש ער איז און וואס פאר אגוטען נאטור ער האט איך פאר האף אז ער וועט אונזער ליבע ניט שטערן. עס וועט דארפין געדאווערן אקליינע צייט. איך וועל איהם אליין בעטן. אבער איך פאר האף אז ער וועט מיהר ניט אפ זאגען:

וואס וועט איר טאהן סאלאמאן אז אייערע עלטערן וועלן אייך דאס ניט ערלויבן און זייא וועלן אייך דאס גאר ניט דער לאזן?

ניין ליבע בלומע, עס וועט ניט קומען דער צוא. ער האט אהן גענומען איהר קלאהר ווייסע האנט און איז געפאלן פאר איהר אוף דיא קניא. טהייערע בלומה, שענק מיהר דאס גליק, און זאג מיהר דיין ווארט מיט דער קראפט פון ליבע וויא איך בין צוא דיר צוא געבונדן געווארן מיט דער אייגענער קראפט זאלסטו ווערן צוא געבונדן צוא מיהר, גאט זאל מיך שטראפן אויב איך מיין חס ושלום דיך נארין. איך שווער דיהר בייא גאט וויא מיר שטייען דא איצט אויפין פרייען פעלד אונטער דעם ריינעם הימעל און קיין אנדער עדות איז דא ניטא זייא זאלן זיין דיא עדות אז איך שווער דיר צוא אז קיינער וועט אונז ניט שיידין. נאר דער שרעקליכער טוט וואס קומט אויפין מענטשן. און פון זיינע אויגען זענן געפאלן הייסע טראפין טרערין אוף איהר האנד. זייא זענן ארויף געפאלן איינער דעם אנדערן אופען האלז און עס איז פון זייערע ליפין ארום אהייסער קוש. און זייא האבן זיך אן געטרונקען פון גאטמעס בעכער פון דער ליבע. זיא הט אפ געווישט איהרע טרערן וואס האט

בייא

בַּייא אִיהְר גִיגָאסְן , גִיבּ גָאט , הָאט זִיא גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל אוּנְז נִיט צוּא שֵׁיידִין :

בּלוּמה , זָאג מִיר דוּא וֶועסְט קֶענֶען קוּמֶען אַהֶער צוּא גֵיין אַלֶע פַאר נַאכְט מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען זֶעהְן ? אִיר דַארְפְט נָאךְ פְרֶעגִין , הָאט בּלוּמה גִיעֶנְטְפֶערְט , אִיךְ וֶועל אַלֶע טָאג קוּמֶען אַהֶער , אוּף דֶעם אָרְט אִיז מַיין גְלִיק אוּף וֶעבּוּיעֶט גְוָוארְן , וֶוער אִיז דֶער יוּנְגֶער מַאן סאלאמאן ? וָואס אִיר זֶענְט נִיט לַאנְג אֵיידֶער אִיךְ בִּין צוּא גְגַאנְגֶען צוּא אַייךְ אוּם גְגַאנְגֶען מִיט אִיהְם ? עֶר וַוייזְט אוּיס פַאר אַפַיינֶעם מֶענְטְשְׁן :

דֶער יוּנְגֶער מַאן אִיז בַּייא אוּנְז אַפְּ־יקַאזְצִיק , הָאט סאלאמאן גִיעֶנְטְפֶערְט , דוּ קֶענְסְט דָאךְ בּלוּמה מַיין שְׁוֶועסְטֶער ראזע , עֶר וֶועט זַיין אִיהְר חָתָן , זֵייא לִיבֶּען זִיךְ בֵּיידֶע , אִין דִיא צֵייטִין וֶועט בַּייא זֵייא זַיין קְנַאסְמָאהְל :

אַגַאנְץ גְלַייכֶעה פַארְטֵיי , הָאט בּלוּמה גִיעֶנְטְפֶערְט עֶר וַוייזְט אוּס פַאר אַבְּרַאוִוין מֶענְטְשְׁן :

לָאמִיר זִיךְ צוּא זֶעגֶענֶען בּלוּמה , אִיךְ וָואלְט וֶועלְן זִיךְ אָן זֶעטִיגֶען אוּן רֶעדִין מִיט דִיר נָאךְ אַבִּיסְל , נָאר עֶס אִיז שׁוֹן בַּאלְד נַאכְט , זֵייא הָאבְּן זִיךְ אַרוּם גְנוּמֶען אוּן עֶס אִיז בַּייא זֵייא אַרוּם אַגִישְׁמַאקְעֶר קוּשׁ פוּן זֵייעֶרֶע לִיפִּין , נוּא וֶועסְטוּ שׁוֹן זַיין בּלוּמה אוּף דֶעם אָרְט אַלֶע טָאג אַז מִיר זָאלְן זִיךְ זֶעהְן . אַלֶע פַאר נַאכְט , הָאט זִיא גִיעֶנְטְפֶערְט אַוֶועק גֵייעֶנְדִיג , וֶועל אִיךְ עֶרְוַוארְטְן אוּן זִיא הָאט זִיךְ אַרוּם גֶעקוּקְט אַהִינְטֶער אוּף סאלאמאנען :

דֶעם גְלִיקְלִיכֶען אָרְט הָאט זִיא צוּא זִיךְ גֶערֶעדְט גֵייעֶנְדִיג , וֶועל אִיךְ אַלֶע טָאג בֶּעזוּכֶען , אַז סאלאמאן וֶועט אַכָאהְל קַיין צֵייט נִיט הָאבְּן קוּמֶען אַהֶער , וֶועל אִיךְ אוּךְ דָאה זַיין , אוּף דֶעם שְׁטִיקֶעלֶע פְּלַאץ אִיז מַיין גְלִיק אוּף גִיבּוּיעֶט גֶעוָוארֶען :

יאזעף הָאט עֶרְוַוארְט פוּן וַוייטֶען אוּף סאלאמאן עֶר הָאט גְזֶעהְן פוּן וַוייטֶען וִויא זֵייא הָאבְּן זִיךְ גֶעשֵׁיידֶעט אִיז עֶר צוּא גְגַאנְגֶען צוּא אִיהְם אוּן זֶענִין גְגַאנְגֶען צוּא זַאמֶען אַהֵיים , אוּפְן וֶועג הָאט סאלאמאן דֶער צֵיילְט יאזעפִין פוּן זַיין פְרֵייד אוּן פוּן דֶעם פַאר גֶענִיגֶען וָואס עֶר וֶועט הָאבְּן אַז עֶר וֶועט אַלֶע טָאג זִיךְ קֶענִין זֶעהְן מִיט אִיהְר :

10

דֶער פַאר פָארִין אִין אַיינְפָאר הוֹיז

נִיט שְׁטֶענְדִיג זָאגְט דָאס הֶערְץ דֶעם מֶענְטְשִׁין אָן , פִיל מָאל טְרֶעפְט אַז עֶס קוּמְט אָן דֶער גְלִיק אָדֶער דֶער אוּמְגְלִיק גָאר אוּמְגֶעריכְט וָואס מֶען רִיכְט זִיךְ גָאר נִיט אוּף דֶערוּף , סאלאמאן אִיז גְקוּמֶען אַהֵיים , דָאס הֶערְץ הָאט אִיהְם גִיפְרֵייט דָאס עֶר הָאט שׁוֹן זַיין פֶערְלַאנְג , עֶר אִיז גְזֶעסְן מִיט ראזען אוּן מִיט יאזעפִין , זֵייא הָאבְּן גִיקְלֶערְט אִין וָואס פַאר אַפַארְגֶענִיגְן מֶען זָאל דֶעם שבת צוּ נַאכְט פַר בְּרֶענְגֶ:ן ,

זייא

זייא האבן ניט געפיהלט וויא איין שלאנג ציהט זיך צוא זייער הויז אונ לאזט ארום זיין גיפט אין זייא, אין דעם אייגענעם שבת פאר נאכט איז בייא ר' שלומהלען אין הויז איז ער געזעסן מיט זיין ווייב פייגע רהעלען, איך וויים ניט צו וואס דארפסטו נאך אזו לאנג ווארטן האט זיא זיך אן גרופען דוא קלערסט נאך אפשר דעם שיינעם ר' מרדכין שווייגען? וואס ער האט אונז געגעבן אזו אפאטש אין פנים, איך וואלט זאגן אז בערקע זאל היינט אין אווינד פאר פארן צוא ר' חיים שטיינוואס אין איינפאר הויז, און מארגן זאל ער ווערן אפ געקאכט. אז ער זאל ניט וויסען פון וואנען עס איז איהם גקומען, אז מען וועט איהם נאהר פיהרן מיט די בעהעלפעלאך איבערן גאס איז ער שון אום יאחן בייא זיך, ער וועט שון וויסען דר שיינער מענטש וויא אזו צו זאגן אז ער וויל מיט אונז ניט טאהן:

איך האב אוך אזו גערעכינט, הט ער איהר געענטפערט, אז איך זאל זאגן בערקען אז ער זאל זיך היינט צוא גרייטען, איך האב איהם נעכטן דער ציילט אין גאנצען ווען ער דארף דאה אפ ארבייטען און וויא ער דארף זיך אוף פיהרען, מען דארף איהם אריין רופין און זאגען, בייא איהם וועט ניט אום מאכן אז היינט:

וואס זאגסטו שלומהלע סאר אהכם אונזער דאניאלקע איז? געזונט און שטארק זאל ער אונז זיין, איך האב גוואלט אן הייבן רעדין מיט דיר דער פון און איך האב ניט גיקאנט ציא ליב מאטקען וואס ער איז דא געזעסן מיט דאניאלקען, פאר אונזער זון מעגן מיר דאך אלץ רעדן אנאהר פאר מאטקען האט ניט גיפאסט, איך האב נאר געגעבן דאניאלקען אווונק, האט ער איהם שון אוועק גרופן אונ איז מיט איהם אוועק גגאנגן, האבן זאלן מיר איהם טאקע:

אט איז ער דאה קום אהער בערקע, וואס דאגעסטו דוא וועסט זיך דאך היינט אוף דר נאכט אן טאהן פר אסוחר דו וועסט דאך פיהרן אגשעפט פון עטלכע טוזענט קערבלאך:

איך קען גאר ניט קלערן וואס קען דאס זיין, האט זיך בערקע אן גערופן, שון דרייא טאג אז שיינדעלע איז בייא מיר ניט געוועזן איך האב זיך ערשט נעכטן דער וואוסט ווען איר האט מיר ר' שלומהלע דער ציילט וויא אזו עס דארף דאס געטאהן ווערן, און שיינדעלע האט גדארפט וויסען דער פון, אז איך וועל זיין בייא ר' חיים שטיינוואס וועל איך זיך דארטן זאגן אף איין אנדער נאמען, און שיינדעלע וועט מיהר תיכף דער קאנען און זיא וועט צו גיין צו מיר אנרופין מיר בייא מיין נאמען קען איך האבן אשיינעם פנים איך קען נאך ווערן אפ גיקאכט דער פון, און ווידער דארף מען איהר האבן אז איך וועל נעמען בייא ר' מרדכין דיא סחורה צו זיך אין נומער אוף בעטראכטן און בייא מיהר וועט זיין אונזערע פאלשע אוך טויג ניט אז דיא ביידע קארטן זאלן שטיין בייא מיהר אין נומער, איז וויא איך וועל ברענגען פון ר' מרדכין וועל איך איבער געבען שיינדעלען אז זיא זאל אוועק טראגען צוא אייך, ווער ווייסט וויא עס מאכט זיך אזאך, איז קיין אנדער סחורה האב איך בייא זיך ניט, קומט אוים אז אונזערע פאלשע איז גאר זיינע:

דוא רעדסט בערקע וויא אפריטץ, האט זיך ר' שלומהלע אן גערופן, דוא קענסט דאס אלץ מאכען מיט אבריף, אוים שרייבען דאס אלץ אין אבריף, אז

דוא

דוא וועסט קומען אהין צוא, דארף מען דיר ניט לערנען וויא אזו דוא זאלסט דאס איהר איבער געבן :

דאס איז אגוטער פלאן, הט בערקע געענטפערט, נאר וואס קען דאס זיין ווס זיא איז אזו לאנג ניט געוועזן.

דוא בענקסט אפנים, האט זיך פייגע רחעלע אן גערופען מיט אגלעכטער :

פאר וואס דען ניט הט בערקע געענטפערט, איך שעהם זיך גאר ניט, איך האב איהר טאקע גאנץ גוט ליעב :

דוא ביסט אנאר בערקע האט זיא זיך אן גערופן, זיא דינט דאך ביא יענעם האט זיא קיין צייט ניט צוא קומען, וואס האסטו מורא טאמער האט מען איהר מיט עפעס געפאקט ? דער פאר האב איך קיין מורא ניט זיא איז ניט קיין נאר זיא האט שכל :

אז איך וועל דאס שון אפ ארבעטין, האט בערקע זיך אן גרופין וויא אזו זאל איך דאס זאיאווען אין צאסט ? מאכן דאס מיט אגאראדסקאי בריף אדער גיין אליין, איר ווייסט ר׳ שלומהלע וואס איך קלעהר אז איך זאל זיך זאגן אוף דעם נאמען יאקאב פעלדמאן און דעם נאמען איז מיין אנדערער פאספארט וואס איך האב זיך גאר פאר געסן אן דעם :

ר׳ שלומהלע האט זיך אן גרופן דוא האסט נאך אפאס, ערשט האבן מיר שון ניט וואס צו קלערן, דוא מעגסט גלייך נאך דעם גיין אליין אין צאסט און זאיאווען דוא האסט ניט וואס מורא צו האבן, דער קענען וועט מען דיך געוויס ניט, און אוף דעם נאמען וואס דו וועסט זיך זאגן האסטו אפאס אוך, דו דארפסט וויסען בערקע פון וואס פאר אשטאט זאלסטו זאגן ביסטו געקומען צו פארן :

דאס דארפט איר מיהר ניט לערנען הט בערקע זיך אן גרופען, איר ווייסט פון וואס פאר אשטאט איך וועל זיך זאגן ? איר גידענקט אז איר האט אמאהל דער ציילט אז איר קענט ר׳ מרדכין אז ער פלעגט קומען צו פארין אין הויף ווינאוו מיט סחורה, און ער פלעגט איין שטיין ביא זיין גוטען פריינד ר׳ שמואל פיינבערג, וועל איך זייא דער ציילן אגליק, אז איך בין פון דער שטאט לובנה און דאס איז דאך ניט ווייט פון דעם הויף ווינאוו, און איך קען זיך מיט דעם ר׳ שמואל פיינבערג, ער האט מיר גירעקאמאנדירט אז איך זאל פארן אהער, אין דער שטאט רים איז דאה איינער ר׳ מרדכי וואס ביי איהם קען מען איינהאנדלין גוטע סחורה :

מיר האבן זיך מיט בערקען ניט גינארט הט זיך פייגע רחעלע אן גרופין ער פערשטייט גוט אגישעפט, דו וועסט נאך דארפין שלומהלע ביי איהם הייצן אין אובין, מיא דארף איהם שון ניט לערנען, מאלאדעץ בערקע פאר דעם איינפאל און זיא הט איהם גגעבן אקלאפ אין פלייצע :

נאך האב איך דיר אזא צו זאגן בערקע, האט זיך ר׳ שלומהלע אן גרופען, דוא זאלסט ביא ר׳ חיים שטיינ...אם דער ציילן אז עס איז דיר אום גקומען האלטען שבת עמליבע וויארקט אונטערן שטאט דא ניט ווייט און דו ביסט אהער צו אריין גפארן אוף דער נאכט מיט פערד, דו וועסט אום קומען פאר אפיינעם מענטשן וואס דו האסט ניט גוואלט פארין אום שבת, דוא זאלסט זיך זעהן שון צו גרייטן, דיא בלאטע גאלד מיט דיא זילבער ווייסטו דאך שון וואו עס שטייט אונטערן בעט אין אקעסטיל, אצעטאדאן איז דאך דא ביא אינז אונטער, און מיט זאבין איז דאך

קיין

קיין דאנה ניט דו קענסט אויס קלויבן אין דער הענגשאפע וואסערע דו ווילסט, נאר דו זאלסט ניט זאלעווען דו זאלסט אום קלויבן דיא שענסטע זאכין אוף אן טאן זיך אז דו זאלסט אוס וויזן פון אגרויסען סוחר, דו זאלסט זיך שון זעהן איין לאדען צו גרייטן דעם בריף צו שיינדרעלען אונ איין פאקירן זיך, עס איז שון שפעט עס איז שון צייט גיין דאווענען מנחה:

אז איר וועט היינטיגס מאהל ניט גיין דאווענען? הט בערקע גיפרעגט:

דו רעדסט וויא אקינד, הט ער איהם גיענטפערט, איך האב שון דיר עטליכע מאהל גזאגט און דו פאר שטייסט ניט אז איך מוז פיהרען אפרומע ראליע, אז מען זאל אונז קיינער ניט פאר שטיין, דער פאר דארף איך אפ היטין די שול אלע מנחה ומעריב, איך דארף נאך פיהרען אז מען זאל מיהר האלטען פרימער פאר אלמען, איך גייא אוועק און דו בערקע זאלסט זיך צו גרייטן, ווארום היינטיגער אוונד איז זייער גוט קיין איבעריגע מענטשן איז ניטא ביי אונז, מאטקע גייט דאך אוועק אלע שבת צו נאכט אין דער חסידישער קלייזיל אוף מלוה מלכה:

איר מעגט גיין האט בערקע גיענטפערט, דאס איז שון ניט אייער דאגה עס וועט שון זיין רעכט, ר' שלומהלע מיט פייגע רחעלען זענן אוועק גנאנגן דאווענען מנחה, און בערקע הט אוף גשריבן אבריף אונ הט זיך אן געהובען גריימען צום גישעפט, אגרויסער פאעט הט גיזונגען:

דיא קליידער פאר געטערן דעם מענטשין.
גייט ער אין אלאנגע קאפאטע טוט מען זיך מיט איהם בענטשן.
ווען מען טוט זיך אהן רייך אזוי טוהט מען איהם בעשיינען.
ביא ווערט מיטין גרעסטן מענטשן גלייך אונ מען וועט שון אויף איהם קיין זאך ניט מיינען:

דיא ווערטער זענן זייער ריכטיג דאס איז אונז באוואוסט אז דיא קליידער מאכין ניט דעם מענטשין נאר דער מענטש מאכט די קליידער, נאר פון דעסט וועגין איז איין געפיהרט אז מען קוקט ניט אופן מענטשן מען קוקט נאהר וויא ער גייט גיקליידעט אזוי שעצט מען איהם, ווארום מיר זעהן פיל מאהל טרעפט אז דיא קליידער מאכן דעם מענטשין אז מיא האלט איהם פאר אפיינעם מאן, גייט איינער אין אלאנגען קאפטין איז ער שון אטייערער יוד, ווען ער טראגט נאך לאנגע פאות איז שון אזוי איין ערליכען יודין גאר ווייט צו זוכין, מען וועט שון אוף איהם גאר ניט קלערין, אז איינער גייט שיין גיקליידעט און פאר פוצט מען מעג איהם גאר ניט קענען אביא ער גייט רייך אן גיטאהן שעצט מען איהם שון פאר איין פיינעם מענטשן, דער זאגט אז מען זעהט אוף איהם אז ער וואקסט ארום פון אגרוס ארטיגין ארט אונ מען רעכינט איהם שון פאר איין איידיל מאן, אונ מיא הט שון צו איהם די גרעסטע צו טרויען, אשיינעם נאמען און כבוד הט ער שון ניט גיטאטערטער היינט, ניט אומזיסט זאגט מען אז היינטיגע וועלט איז פיהל קליגער וויא אמאליגע ווארום היינט איז דא פיהל מענטשן ווס מיא איז גיפאלן אוף אגוטין איינפאהל, אמאהליגע יאהרן הט מען בעדארפט הארעווען אוף דעם נאמען ערליכער

יוד

יוד אדער דעם נאמען פיינער כאן, מען איז גוועסן על התורה ועל העבודה, מען איז גוועזן אגרויסער בעל יראת שמים, מען האט קיין זאך ניט גמיינט האט ער גהאט דעם נאהמען ערליכער יוד, היינט איז מען גפאלין אויף אשכל מען קריגט דעם נאמען ערליכער יוד ניט גיהארעוועטער הייט, מיא טוט זיך אן אלאנגען קאפטען מעג מען שוין טאהן וואס ער וויל מיא וועט שון אויף איהם קיין זאך ניט קלערן, אדער מיא קויפט פאר פינף קערבלאך אציילענדער און פאר אקערביל אפאהר ברילען ווערט מען שוין אפיינער מאן, און מען בערעכינט ניט אז ער מיינט מיט דער מיט אויף צו נאהרין לייטן. אונזערע תלמודיסטין האבן גזאגט, אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו, מיא זאל ניט קוקין אויפן קריג נאר מיא זאל קוקין וואס אין קריג איז, דיא ווערטער זענען זייער קלוג און פראקטיש, ווארום מיר זעהן אז פיל מענטשן ווערן פאר נארט וואס מיא קוקט אויף די קליידער נישט אויפן מענטשן אליין, אזוי וויא מיר זעהן ביי ר׳ חיים שטיינוואס וויא ער איז פאר נארט גווארן אין דעם נייעם אורח וואס איז פאר פאהרן צו איהם:

מיר וועלן דיא ליעבע לעזער פריער בעקאנט מאכין מיט ר׳ חיים שטיינוואס אין זיין איינפאר הויז, נאך דעם וועלין מיר זיך ווענדין צו דעם נייעם אורח.

אין איין גרויסעם הויז איז גוועהן פיר צימערין מיט אפאר פוצטין זאל וואס ער איז אליין גיזעסן, פון פארינט איז גוועהן אקארידאר מיט נומערין פאר אורחים וואס פלעגן פאר פאהרין, זיין גאנצער גשעפט איז גוועזן דער איינפאר הויז, און וואס ער פלעגט אמאהל פאר דינען אמעקלערייא ביי אורחים, אז ער האט זייא איין גיהאנדילט סחורה, אלע פלעגן זיך פאר לאזין אויף איהם, ווארום ער איז גיוועהן אגרויסער מבין אויף אלע סארטן סחורה, דער ר׳ חיים איז גוועהן פריער אליין אגרויסער סוחר און ער האט איבער גיהאנדילט מיט וויפיל סארטין סחורה, דיא גשעפטן זענען איהם גגאנגן ניט גוט ער האט דער לייגט פיל געלט ער איז גוועזן איין אמתער ארענטליכער מאן, וואס ער האט ניט פאר לאנגט פרעמדס און האט ניט גוואלט קיינעם פאר שווינדלען, האט ער איין גפיהרט דיא איינפאר הויז אז ער זאל האבן פון וואגען צו לעבן און אלע פלעגין פאר פאהרין צו איהם וואס מען האט איהם זייער ליעב גהאט, און מען האט גוואלט אז ער זאל פאר דינען, ער האט זיך אליין אפ גגעבן צום גשעפט ער פלעגט אליין צו נעמען דיא אורחים וואס פלעגין צו איהם פאר פאהרין, קיין משרת האט ער ניט גיהאלטן אנאר דיא דינסט שיינדעלעה איז ביי איהם גוועהן, אין דער צייט וואס שיינדעלעה האט ביי איהם גערינט פלעגט ביי די אורחים אפט מאהל פאר פאלן ווערן זאכן עס פלעגט פלוצלונג פעהלין, אנאר זייא האבן דם קיין מאהל ניט איבער גירעדט ר׳ חיימען זייא האבן גיוואוסט אז ער איז אין דערינען ניט שולדיג, אויף שיינדעלעהן האט מען קיין חשד ניט גיקענט האבן ווארום מיא האט גזעהן אז זיא איז אפרומעה מיידיל, זיא האט זיך אויף גיפיהרט זייער פרום זיא האט זיך גיוואשין צום עסין, אין קיך האט זיך ביי איהר אויך גיפיהרט זייער כשר אז מען פלעגט קאכן פלוימען אדער ארבעס האט זיא איבער גיקליבן אז עס זאל זיך קיין ווערימדיגע ניט געפינען, און דאס איז שון אין געפיהרט אז מען קוקט ניט אויפן מענטשן צו ער קלויבט אז דער קערבל זאל זיין אכשרער, מיא זעהט נאהר צו ער קלויבט דעם ארבעס זאל זיין כשר, און שיינדעלעה האט גיפיהרט אזוי אפרומע ראליע קען מען פר שטיין אז מען האט אויף איהר קיין שלעכטס ניט גיטראכט, אנאהר וועמען איז מען חושד, אז עס ווערט

אין

אין אשטוב עפעס פאר פארען ? איז דס שון בעוואוסט ליעבע לעזער , אז מען איז חושד באלד די ארומע לייט וס גייען ארום אין די הייזער בעטין שטיקלאך ברויט , אונ אז מיא גיט זייא אקאפיקע דאנקען זייא אהן , אזו וויא מיא וואלט זייא גישענקט דעם גרעסטען גליק , אונ אז עס פעהלט עפעס , איז מען די אומגליקליכע מענטשן חושד אז דס האבן די ארומעה לייט אוועק גינאנבעט , ווארום דס איז שון איין געפיהרט אז מען קוקט ניט אוף דעם מענטשן אונ מען קוקט נאר אוף די קליידער , בייא ר׳ חיימען אין איינפאר הויז הט מען אויך אזו גירעכינט , ער איז גוועהן אגוטהערציגער מענטש מיט אגוטע נאטור אונ צו איהם פלעגן גיין ארומעה לייט אלע טאג איז פון איהם קיינער ניט אוועק גגאנגען מיט ליידיגן , וועמען עסין אונ טרינקען אונ וועמען געלט , אז בייא דיא אורחים איז עפעס פאר פאלין גווארן האבן זייא גרעכינט אוף די ארומעה לייט :

אז מיר האבן בעקאנט גמאכט די לעזער מיט ר׳ חיימען , וועלן מיר זיך ווענדין צו אונזער געשיכטעה :

עס איז גוועהן אין אווענד צעהן דער זייגער ר׳ חיים איז גזעסן ארום אקיילכדיגען טיש אין זאלל מיט זיינע בעקאנטע אורחים וס פלעגן צו איהם שטענדיג פאר פאהרין , אונ זייא האבן גרעדט וועגן געשעפטן , שיינדעלעה איז גשטאנען אין קארידאר אונ הט גישמעלט דעם סאמאוואר , ר׳ חיים הט דר הערט אין זאלל אקלונג פון אגלעקיל אונ אקלאפ פון אפערד וס זענן ארוף גפארן אפין הויף , ער הט גלאזט די אורחים אין זאלל אונ איז ארוס גגאנגען אופען הוף צו זעהן ווער עס איז געקומען צו פאהרן ער הט דר זעהן איונגען מאן רייך גיקליידעט אראפ גייענדיג פון דר דראזקע אונ בעצאלט דעם איזוואשציק :

וס דארפט איהר בעצאלן אין דר פינסטער אופן הוף ? הט ר׳ חיים זיך אן גערופן , איר וועט אריין גיין אין שטוב וועט איר איהם באצאהלן , מיר זענן נאך יונגע לייט , מיר זעהן צו באצאהלן אין דר פינסטער , הט דר אורח גיענטפערט , און הט גענומען דעם צעמאדאן פון דר דראזקע :

פאר אייך איז דס צו שווער צו טראגן הט ר׳ חיים גזאגט , גיט מיר אהער איך וועל איהם טראגן , ר׳ חיים הט גענומען דעם צעמאדאן זייא זענין אריין גגאנגען אין קארידאר , זאל דא שטיין אוף אווייליע דער צעמאדאן אונ איר אורח קומט אריין אביסל אין זאלל , איך וועל גיין נעמען דעם שליסל פון אשיינעם נומער , איך זעה אן אייך אז איהר דארפט האבן אשיינעם נומער :

איך וועל דא אוף ווארטין אין קארידאר , הט דר אורח גיענטפערט , אונ איר גייט נעמט דעם שליסל , איך האב אייך גוואלט פרעגן זאגט מיר ווער איז דער בעל הבית פון דאנען אונ וויא הייסט ער ?

איך בין אליין דר בעל הבית איך הייס חיים שטיינוואס , ווארט איר דא אוף אקליינע ווייליע איך וועל באלד ארוס טראגן דעם שליסעל :

שיינדעלע איז גישטאנען אין קארידאר סאמאוואר לעבן צו זעהן ער זאל פאר זידין , וויא ר׳ חיים איז אוועק גגאנגען נאך דעם שליסעל , איז דער אורח צוא גגאנגען צו שיינדעלען :

דו האסט מיך דערקאנט שיינדעלע ? הט ער זיך אן גרופען צוא איהר , זייא הט אבליק גיטאהן אוף איהם , מיין טייערער בערקע , אה וויא שיין דו ביסט אז

דו גייסט שיין אנגיטאהן, אז איך האב דיר כמעט ניט דר קאנט. וואס איז דס וואס דו גייסט אזו גרוס ארטיג אנגיטאהן, אונ דו ביסט גקומען אהער מיט אצעמאדן:

מיר פאסט ערשט מיט דיר גאר ניט ריידין, הט בערקע צו איהר גזאגט נא דיר אבריף וועסטו שון פון בריף אלעס וויסן וואס דא איז, אונ דו זאלסט שכל האבן וויא זיך צו בעגיין, שיינדעלע הט צו גנומען דעם בריף אונ זיא הט אריין גיטראגן דעם סאמאוואר אין זאלל:

קומט אורח הט זיך ר' חיים אנגערופן אריין גייענדיג אין קארידאר עס איז שון פאר אייך גרייט איין נומער, אונ הט גענומען דעם צעמאדאן אונ אריין גיפירט דעם אורח אין נומער, דר לאמפ הט גיברענט אויף אקאליכדיגען טיש, ארום איהם איז גשטאנען פאטעלין מיט אדיוואן, אט איצט וועל איך אייך געבן שלום הט זיך ר' חיים אנגירופן, איך האב גוואלט האבן די עהרע צו וויסן אייער נאמען פון וואנען קומט איר אהן, און אפשר דארפט איהר עפעס האנדלין?

זיצט דא אביסל ר' חיים, הט דר אורח גזאגט וועל איך אייך דר ציילין:

מיין נאמען איז יאקאב פעלדמאן איך בין אליין פון דר שטאט לובנה איך האב גוואלט פאר פיהרן אגישעפט פון גאלד מיט זילבער, הט מיר איינער גזאגט וואס איך קען זיך מיט איהם אז איך זאל פאר פאהרין אין דער שטאט, איז דאה איינער ר' מרדכי פרידמאן און בייא איהם קען מען האנדלען דיא סחורה אונ ער וועט ניט פאר נאהרין, איך האב אייך גוואלט בעטן אז איר זאלט מארגן גיין מיט מיר איך דארף קופין פאר עטליכע טויזענט קערבלאך סחורה, ערשטנס בין איך נאך אפריץ וואס איך האב נאך דר מיט קיין מאהל ניט געהאנדלט האב איך גוואלט אז איר זאלט זיך בעמיהען מארגן גיין מיט מיר, און צווייטנס קען מען זיך אום עצהנין, מיר וועט איר טאהן אטובה אונ איר וועט פאר דינען עטליכע קערבלאך:

איר דארפט זיך דארטן גאר ניט עצהנען, הט זיך ר' חיים אנגערופן, אז איר וועט מארגן זיין בייא ר' מרדכען אונ איך וועל גיין מיט אייך קענט איר אוס קלובן סחורה וואסערע עס וועט אייך גיפעלן אונ איר קענט זיי נעהמען צו זיך אויף אוס ישובין זיך, אפילו אהן געלט, איר לייגט זיך אוס רוהען הערר פעלדמאן איר זענט דאך מיר פון וועג, מארגן פריא וועלין מיר גיין:

איך דאנק אייך זייער דער פאר ר' חיים, איך בין דעם ערשטן מאהל אין דער שטאט, אליין בין איך קיין מבין ניט, מיין ווייב זאל דאה זיין וואלט איך שון ניט גיזארגט, זיא איז אין אונזער געגענד די ערשטע מבינטעה אויף גאלד אונ זילבער וועך עס קופט עפעס פאר לאזט זיך אויף איר מבינות, עס קען זיין אז איך וועל האבן מארגן פון איהר אבריף איך האב דאה שון בעדארפט זיין מיט צווייא טאג פריער, נאר אין מיטין הט זיך גמאכט דער שבת וואס פאהרן הט מען ניט גיקאנט איך האב דא ניט וייט אין אקליין שטעדטיל גיהאלטן שבת, אונ נאך הבדלה בין איך ארוס געפאהרן, איך דארף איין האנדלין די סחורה וואס צום גיבסטין אונ אוועק שיקין בעט איך אייך אז איר זאלט זיין אזו גוט און מארגן פריא זאלין מיר גיין, איך וועל אייך בעפרידיגען גאנץ ארענטליך חוץ וואס איר וועט דאה פאר דינען אגרוס מעקלערייא:

איר דארפט מיהר גאהר ניט בעטן, הט זיך ר' חיים אן גירופען, זייט רוהיג יעדער וויל פאר דינען, מן הסתם וועל איך גיין, אגוטעה נאכט, גייט גיזונד,

הט יאקאב פעלדמאן גיענטפערט, איך פר האף אז איך וועל דא פר דינגען היפשע עטליכע קערבלאך הט ר׳ חיים גירעדט צו זיך ארום גייענדיג פון נומער, ער ווייזט אויס פון אגרוס ארטיגין מענטשן ער גייט זייער רייך גיקליידעט ער איז איין פיינער סוחר, גילויבט איז גאטט דר פאר ווס ער איז פאר פארין צו מיר. עס איז מיר באשערט אז איך זאל האבן עפעס אגוטעה וואך. ער זעהט זיך אהן פאר איין ארענטליכען מאן:

11

ארייין גיפאקט דיא סחורה

ביי ר׳ חיימען אין קיך איז שיינדעלע גזעסן לעבן אפראסטין, טיש אקליינער לאמפ הט גיברענט אונ זיא האט גילעזן דעם בריף, מיין ליעבע שיינדעלע, איך האב ניט גיוואוסט ווס איבער צו טראכטין ווס דו ביסט ביא מיהר ניט גוועזן שוין פון עטליכע טאג, איך האב דיך געדארפט נייטיג האבן, וועמען שיקען רופען דיך ווייסטו אליין אז איך האב ניט, אליין גיין צו דיר הט מיר ניט גיפאסט נאכן גישעפט נאך, איך האב גזעהן אז איך האב קיין עצה ניט וויא אזו איך זאל דיר דר ציילן אוף ווס איך בעדארף דיך, האב איך דיר דס אלץ אויס גישריבן אין אבריף, קיין סאך לערנען דארף מען דיר דאך ניט, וועסטו שון פאר שטיין וויא דו דארפסט שפילן דיא ראליע, ליבע שיינדעלע איך בעט דיך דו זאלסט אלץ גדענקען וויא איך שרייב דיר דא אוס, אוף דיר בעשטייט דס אין גאנצן, אונ ווידער שטייט דאה אגרויסער פאר דינסט, אזו וויא מיין בעל הבית ר׳ שלומהלע וויל זיך אן איינעם נוקם זיין אן א ר׳ מרדכי פרידמאן ווס ער הט אמאגאזין פון גאלד אונ זילבער, הט ער מיך גבעטן אז איך זאל זיך נעהמען דר צו, פון אונזערע ברידער דארף מען דאך ניט לאזין פאלן האב איך זיך אונטער גינומען אז איך זאל זיך מיט דעם ר׳ מרדכין אפ רעכענען, פון די בלאטע גאלד מיט די זילבער ווייסטו דאך ווס איך האב דיר אמאהל דר ציילט ווס זענן ביא ר׳ שלומהלען דאה האב איך גנומען די סחורה אונ איך בין אהער צו פר פארין, אונ איך וועל גיין מיט דיין בעל הבית קופין ביא ר׳ מרדכין גוטעה סחורה, וויא אזו איך וועל דם פארבייטין אונ נאך דעם יאוועון אין צאפט אז ער זאל נאך האבן איין אומגליק דר פון וועל איך דיר שון אליין דר נאך דר ציילן אז איך וועל דם שון פאטערן, נאר איך קען ניט וויסען וויפיל צייט איך וועל דאה דארפין שטיין זאלסטו דיא צייט זיין מיט מיר פון ווייטין דו זאלסט זיך צו מיר גאר ניט לאזין דער קאנען כדי מען זאל עפעס ניט פאר שטיין, ווארום איך וועל זיך דא אהן רופען אוף אפרעמדין נאמען יאקאב פעלדמאן דו זאלסט פון מיר ניט אראפ לאזין דיינע אוגין, דוא זאלסט מיך היטין פון ווייטין וויא איך וועל ברענגען דיא סחורה פון ר׳ מרדכין זאלסטו ביא מיר באלד צו נעמען פון נומער דיא סחורה אונ אוועק טראגן צוא ר׳ שלומהלען, איך בעט דיך שיינדעלע אז דוא זאלסט זעהן אז דאס זאל אפ גיארבעט ווערין וויא צום בעסטין ווארום איך פאר לאז זיך אויף

דיר

דיר אין גאנצין, פון מיר דיין געליבטער וואס ליבט דיך מיטין גאנצין לעבין, בערקע פלאם:

זיא הט געענדיגט דעם בריף און זיא הט איהם איין גילייגט און הט איהם אריין גילייגט אין קעשינע פון קלייד, איך האב דאה אגוט שטיקל ארבייט הט זיא צו זיך גירעט נאר ער וויים אז מיא מעג זיך אויף מיר פאר לאזין, וויא דר לעב איך שון מארגן אז דר געשעפט זאל ווערין געמאהן און איך זאל קענן ארום ווייזן מיין בריה שאפט, ער זאל וויסין וויא גיטרייא איך האב איהם געדינט, זיא הט זיך גנומען אין קיך צו איהר ארבייט ווס זיא הט גידארפט דיא כלים מאכין ריין פון שבת און זיא האט גיזונגען דיא ליעד:

1.

איך בין דיא טעג געוועזין פאר נומען,
און איך האב קיין צייט ניט גיהאט צו דיר צו גיין,
איך וואלט וועלין צו דיר קומען,
נאר כען קען ערשט ניט צו שטיין,

2.

איך וועל דיר העלפין מיט מיין גאנצן קרעפט,
נאר איך קען איצט מיט דיר ניט רעדין פון גישעפט,
איך וואלט דיר וועלן דר ציילן וויא איך וועל זיך סטאראיען,
און איך קען דיר ניט איבער געבן אז דו זאלסט דס ראזבּיראיען,

3.

וויא דר לעב איך שון אז עס זאל אוועק גיין דיא נאכט,
איך זאל אפ היטען וויא דו האסט דס גיבראכט,
דאן וועל איך העלפין וויא ווייט איך קאן,
דו זאלסט שון זיין אופין ערט און וויכין וויא איך האב דס געטאהן,

זיא הט אויף גהערט זינגען און זיא האט ווייטער צו זיך גירעדט, איך פאר שטייא ניט ווס הט ער צו מיר גשריבען אז ער וועט ברענגען דיא סחורה זאל איך אוועק טראגן צו ר' שלומהלען, מיא קען דאך דס אין מיטין טאג ניט טראגן אז אנדערע זאלן זעהן, דס דארף געמאהן ווערן אין אבינד, איך וועל מוזין צו נעמען די סחורה באלד וויא ער וועט ברענגען און באהאלטן בייא זיך ביז וואנען עס וועט ווערן נאכט, און אין אבינד וועל איך דס קענען אוועק טראגן, די נאכט ציהט זיך בייא מיר אום און עס איז מיר שווער איבער צו קומען, איך בין מיט איהם אין

איין

איין הויז אונ קען זיך מיט איהם ניט זעהן, איך קען דס גאר ניט אריבער טראגן איך וואלט שון גערן אז עס זאל שון ווערן טאג:

אין דר אייגענער צייט אין אנומער פון קארידאר איז געלעגן דר הערר יאקאב פעלדמאן אויף זיין געלעגער, מיר נעמט גאר קיין שלאף ניט, הט ער צו זיך גירעדט, איך קען גאר ניט אנטשלאפן ווערן, דוכט זיך מיר אז איך האב שון גאר ניט וואס צו טראכטן, ווערליג ר' חיים הט מיט מיר גירעדט אז ער גייהט מיט מיר וועט עס גיין אזוי וויא גישמירט, און אויף מיין שיינדעלען בין איך פאר זיכערט אז זיא וועט זיך אוים פראווען וויא איך האב זיך בערעכנט דארף איך זיין רוהיג, און איך בין פארט ניט רוהיג איך וואלט דס קיין מאהל ניט גלייבן אז מיא זאל מיר זאגן אז איך זאל זיין מיט שיינדעלען צו זאממען אין איין הויז אונ איך זאל זיך מיט איר ניט קענען זעהן, איך וואלט זיך וועלן איצטער מיט איהר זעהן, איז אגרויסע ריזיקע אז אימיצער וועט דר זעהן אז איך רייד מיט שיינדעלען ביי נאכט, איז דער גאנצער גישעפט קען ניט אוים גיפיהרט ווערן, וויא דער האר איך שון דיא מינוט אז עס זאל שון ווערן טאג, ער הט גיציילט די מינוטין אז דיא נאכט זאל שון אוועק גיין עס הט איהם ניט גינומען קיין שלאף, ער הט אלע מאל גיבליקט אין פענסטער צו עס ווערט שון טאג, ביז וואנען ער הט דר זעהן וויא דר ליכטיגער מארגן שטערין איז אוף גגאנגען אונ די נאכט הט זיך אן גהובן צו שיידין מיטען טאג, די ליכטיקייט פון דעם טאג הט זיך פערשפרייט די זאהנע הט אהן גיהובן אוף צו גיין, דר הערר יאקאב פעלדמאן איז אוף גשטאנען פון זיין געלעגער, אונ הט זיך גנומען ארום וואשן אונ צו גיפוצט זיך אין שפיגעל, ער הט פון זיך אליין גיקוואלן אז ער הט זיך איין גקוקט אין שפיגיל וויא ער הט זיך שיין אן גטאהן אונ גייט פיין גקליידעט ער איז ארום גגאנגען איבערן נומער הין אינ צוריק אונ הט צו זיך גירעט, איך דארף זיך גוט בערעכענען וויא אזוי איך זאל זיך היינט פיהרין, אז איך וועל גיין מיט ר' חיימען האב איך דארט שון ניט וואס צו רעדן, מען וועט מיך פרעגן פון וואנען איך בין, וועל איך זייא דר ציילן די אייגענע קאזאלע ווי איך האב דר ציילט ר' חיימען, איך רעכן אז מען וועט מיך דארטן גאר ניט פרעגן, איך דארף מעהר ניט זעהן אז איך וועל קומען צו זייא אין קלייט וועל איך זיך שטעלן קלויבן סחורה אז עס זאל זיין אזעלכע סארטן אז עס זאל זיך אום גלייכן פונקט וויא די גאלד מיט די זילבער וועלכע עס געפנן זיך ביי מיר אין צעמאדאן, אז איך וועל פארבייטן זאל מען ניט דר קאנען, איך וועל זיך נאך היינט איספראווען אונ וועל נאך זא יאוועען אין צאסט, נאר איך דארף נאך באקלעהרן מיט וואס פאר אפריציגנעה וועל איך אפ געבן צו ריק די סחורה, אונ זאגן אז איך קויף גישט, אונ וואס קען איך פאר אתירוץ זאגן ר' חיימען פר וואס איך דארף היינט אוועק פארין, יא איך האב שון אפלאן עס וועט זיין זייער גלייך, עס קען שון בעסער ניט זיין, אז ר' שלומהלע הט מיר גגעבן אזא גשעפט וויים ער גאנץ גוט אז מען קען זיך אוף מיהר פאר לאזן, מיין מוח איז מיר ניט אום גידארט גוואהרן, איך האב נאהר עפעס אקלעהר גטאהן, בין איך גפאלן אוף אזעלטעגעם איינפאהל, אז איך וועל שון אריין קריגן ביא ר' מרדכען די סחורה צו זיך אין נומער, וועל איך ניט אוועק גיין ביז וואנען מיין שיינדעלע וועט דם צו נעמען, נאך דעם וועל איך אוועק גיין אין גאס אונ זיך ארום דרייען אפאהר שעה, מן הסתם וועל איך שון אפ זוכען וואו צו פאר ברענגען, איך וועל קומען צוריק אונ דער ציילן ר' חיימען אז איך בין גוועזן אין

פאצט

פאצט און איך האב פאלוטשעט אבריף פון מיין ווייב אז איך זאל דר ווייל ניט האנדלען קיין סחורה און איך זאל וואס צום גיכסטן פאהרן אהיים , און איך וועל איהם בעטן אז ער זאל גיין מיט מיר אוועק טראגן צוריק די סחורה צו ר׳ מרדכען, אביא איך וועל איהם שוין אריין שפארין מיינע סחורה וועל איך זיך אפ חשבנען מיט ר׳ חיימען און זאגן אז איך דארף שוין פאהרן, איך בין שוין פארטיג אין גאנצן, שוין באלד צייט אנהייבען צו טאהן ארום דעם, מיא דארף הייסן אריין טראגן דעם סאמאוואר, ער הט אנגיקלונגען איז אריין גקומען שיינדעלעה, וואס מאכסטו מיין לעבן, הט ער צו איהר גזאגט, דו וואלסט דס גלייבן אז מיר זאלן זיין אין איין הויז אגאנצע נאכט און מיר זאלן זיין פון ווייטן, דו [illegible] שיינדעלע זיך גקענט איין האלטן און ניט קומען צו מיר ביי נאכט :

דו לאכסט פון מיר בערקע, און איך זאג דיר אז עס הט מיר ניט גנומען קיין שלאף איך וואלט זיך צו דיר דר שלאגען דורך אייזערנע טירין, און דאה איז אין איין קארידאר איז דאך מיר גרינגער צו קומען צו דיר, נאר דו האסט מיר גשריבן אין בריף אז איך זאל זיין מיט דיר פון ווייטן :

דו מעגסט מיר גלייבן שיינדעלעה, אז איך רעד דס פון גאנצן הארצן און איך מיין ניט קיין גילעכטער, אז איך וועל דיר שווערן וועסטו דאך מיר ניט גלייבן, ווארום אונזערע בריגער ווייסן דאך שון אז קיין שבועה איז גאר ניט, איך זאג דיר איך האב ניט גיקענט רוהען דיא גאנצע נאכט, איך האב מיט קיין אויג ניט גיקענט צו מאכן אז איך האב גוואוסט אז דו ביסט אין דר אנדערער טיר, און קען זיך מיט דיר ניט זעהן, אקוש וועסטו מיר געבן שיינדעלע.

אפילו צעהן, הט זיא גיענטפערט, זייא האבן זיך ארום גנומען און האבן זיך אן געקושט :

הערסט שיינדעלע דו זאלסט אריין טראגן דעם סאמאוואר וואס צום גיכסטן, ווארום איך דארף שון באלד גיין, נאר דו זאלסט וויסן וואס דו האסט דאה היינט צו טאהן, יא, גוט וואס איך האב זיך דר מאנט, איך האב דיר דס אין בריף פאר געסין שרייבן אז דו זאלסט אן גרייטין אין עפעס צו נעהמען די סחורה, אז איך וועל ברענגן פון ר׳ מרדכין די סחורה, וועלן זייא מיהר געבן אין עפעס טראגן דארף איך אין דר אייגענער זאך אריין לייגן דיא בלאטעה סחורה און אפ געבן צוריק אז מען זאל נישט דר קאנען אז דס איז פארביטען, און מיין צעמאדאן פאסט ניט צו נעמען ווארום איך וועל נאך היינט אפ טרעטן פון דאנען, איך וועל זיך צו זעגענען מיט דיין בעל הבית, און ער הט מיר גזעהן אז איך בין גקומען מיטן צעמאדאן, דארף ער זעהן אז איך נעם איהם צוריק, זאלסטו זעהן אן גרייטן אין וואס צו נעמען, גיי שיינדעלע מיא גייט דאכט זיך אוהם אין קארידאר טוג ניט אז מיר זאלן רעדן, גיי און טראג אריין דעם סאמאוואר :

איך וועל באלד אריין טראגן, הט זיא גיענטפערט ארום גייענדיג.

דר הערר יאקאב הט זיך גזעצט ערווארטן אוף דעם סאמאוואר איז אריין גקומען ר׳ חיים, גוט מארגן הערר פעלדמאן.

הט איר זיך היינטיגע נאכט גוט אוס גרוהט פון וועג הט ער גפרעגט.

איך בין זייער צו פרידן פון דעם נומער הט יאקאב גיענטפערט, איך דאנק אייך זייער וואס איר הט מיר גגעבן אזיינעם נומער מיט אלע פר גניגן, איך האב זיך

דאה

דאה גוט אום גירוהט איך האב די נאכט גשלאפן אזו גישמאק אזו וויא ביא מיר אין הויז :

איר רעכינט שון גיין אין קלייט צו איר וועט גיין שפעטער ? הט ר׳ חיים גיפרעגט , איר ווייסט אז עס איז שון ניט פריא , ביא ר׳ מרדכען איז שון אפין דיא קלייט פון צווייא שעה .

מיר וועלן באלד גיין הט יאקאב גיענטפערט , איך האב גהייסען אריין טראגן דעם סאמאוואר זיצט וועלן מיר טרינקען טייא צו זאמען :

איך דאנק , הט ר׳ חיים זיך אנגערופן איך האב שון אפ גטרונקען טייא .

אין דיא רייד הט שיינדעלע אריין גטראגן דעם סאמאוואר , אט איז דאה דער סאמאוואר , הט יאקאב גזאגט איך וועל נאר טרינקען אפאהר גלאז טייא וועלן מיר גיין :

איך האב ערשט צייט איך קען דאה זיצען אווייליע הט ר׳ חיים זיך אן גרופן אונ הט זיך גזעצט :

שיינדעלע הט אן גגאסען טייא אונ איז אוועק גגאנגען :

ווס האב איך אייך גוואלט פרעגין הט יאקאב זיך אהן גרופען טרינקענדיג דיא טייא , איר האלט גאר קיין משרת ניט ווס די מיידל באדינט :

אוב איר דארפט זיך שאפן אגאנג , הט זיך ר׳ חיים אנגערופן מעגט איר מיט איהר שיקען געלט וויפיל איר ווילט איז דם ראיעל , זיא איז איין ארענטליכם מיידעל זיא איז אפרומעה פאר איהר מעגט איר לייגן גאלד וועט זיא קיין פרעמדם ניט נעמען , איך זאג אייך אז ביא היינטיגער צייט זעהט מען גאר ניט אז אמיידיל זאל זיין אזו פרום וויא זיא איז , זיא נעמט ניט אביסען אומגוואשן , אז זיא עסט אפ וועט זיא ניט אוועק גיין פון טיש וואו זיא בענטשט נישט , מען זאל אן הייבן דר ציילן איר פרומקייט איז אוף אגאנצן טאג :

מיא זעהט טאקי אז אוף איר פנים ליגט ארענטליכקייט , הט יאקאב גיענטפערט ער הט אפ גטרונקען די טייא אונ הט זיך אן גטאהן אונ זייא זענן אוועק גגאנגען , עס הט לאנג נישט גדוערט וויא ער הט גרעכינט אזו איז גוועהן , יעדער סוחר וויל לייזין פאר זיין סחורה אונ דעם ארענטליכען מאן גלייבט מען שטענדיג , ר׳ מרדכי איז גוועזן אין מאגאזין מיט זיין פריקאזציק יאזעף צוקערבערג , איז אריין גקומען ר׳ חיים שטיינוואס מיט זיין אורח , אונ ער איז צו גגאנגען צו ר׳ מרדכי אונ הט איהם גגעבן די האנט , איך שטעל אייך פאהר דם איז דר הערר יאקאב פעלדמאן , זייא זענן גקומען אהער צו פאהרן ווס זייא ווילן ביא אייך קופען סחורה , זייא זענן ערשט נעכטן גקומען אונ שטיין איין ביי מיהר , זיי הט איין מענטש גירעקאמאנדירט , אז ביא אייך קענמען קריגען ראיעלנע סחורה .

הערר פעלדמאן , ווער הט דם אייך גירעקאמאנדירט צו מיר ? הט ר׳ מרדכי גיפרעגט , מן הסתם קען ער זיך מיט מיר .

איך וועל אייך זאגן הט יאקאב גיענטפערט , איך קען זיך מיט שמואל פיינבערג ער זיצט פון אונזער שטאט ניט ווייט אין הוף ווינאוו , הט ער מיהר רעקאמאנדירט .

וויא גייט עס דארטן ר׳ שמואלין , ווס מאכט ער ? הט יאזעף גפרעגט .

וויא עס גייט איהם קען איך אייך ניט זאגן , הט יאקאב גענטפערט , איך בין ביא איהם אין דרהיים ניט גוועזן , איך זיץ אליין אין לובנה אונ ער קומט אפט

צו

צו פאהרן צו אונז, איך קען דעם שמואלין פאר איין הויפט ארענטלכען מאן אונ פר איין קלוגען מענטשן, אז ער איז געוועהן ביא אונז אין שטאט האב איך זיך ביי איהם געפרעגט איין עצה, צו וואס פר אשעפט זאל איך זיך נעמן הט ער מיר גיראטעהן אז איך זאל אן הייבען האנדלן מיט גאלד אונ זילבער, נאר ער הט מיר געהייסען פארין אהער אונ ביא אייך זאל איך קופען די סחורה.

יאזעף נעם וויז זייא סחורה פון אלערלייא סארטן הט ר׳ מרדכי גזאגט, זאלין זייא קלויבן וואסערע עס וועט זייא געפעלן.

יאקאב הט אוס גקליבן סחורה אונ גלייגט אן אזייט, איך בין אין דיא סחורה נאך אפריץ, הט ער זיך אנגערופן, איך הייב אן ערשט מיט דעם האנדלען איך בין נאך אין דערינען ניט געניט, האב איך גוואלט אז איר זאלט מאכן ארעכענונג וויפל דיא סחורה בעטרעפט, איך האב גוואלט גוט בעטראכטן, נאר איך האב קיין צייט ניט איך דארף אוועק גיין אין פאצט, פערלאנג איך פון אייך אז איר זאלט מיהר געבן די סחורה צו זיך אופן קוואטיר אז איך זאל קענען גוט בעטראכטן, דר נאך וועל איך קומען צו אייך אונ וועל בעצאלן פאר די סחורה, אונ עס קען זיין אז איך וועל נאך קופן אונ איר וועט מיר געבן אייער ריכטיגן אדרעס פון דעם אנדערן מאהל וועגן, אז איך וועל בעדארפן זאל איך ניט דארפן פאהרן, איך וועל צו שיקען אייך אבריף וועט איר מיר ארום שיקען סחורה.

וואס קען אייך הארין, הט זיך ר׳ חיים אן גרופען, אז דער הערר פעלדמאן וועט נעמען צו זיך די סחורה אוף בעטראכטן, זייא זענן נאך ניט געניט ווילין זייא זיך גוט בערעכענן.

מיר מאכט ניט אוס, הט ר׳ מרדכי גיענטפערט, זייא מעגן נעמן דיא סחורה צו זיך איך פאר לאנג ביא זייא קיין געלט ניט פריהער זאלן זייא זיך בעטראכטן, ר׳ מרדכי הט גמאכט דעם רעכענונג אז די סחורה בעטרעפט ניין טויזענד רובל, ער הט געהייסען יאזעפין אז ער זאל איין פאקירין אין אקעסטיל. דר הערר פעלדמאן הט אוף גוואַרט ביז וואנען מיא הט דס איין גיפאקירט ער הט זיך צו זעגינט מיט ר׳ מרדכין, ארום פיר דעם זייגער וועל איך זיין ביא אייך אונ ער הט גנומען דיא סחורה אונ איז מיט ר׳ חיים אוועק גגאנגען, גייענדיג אין וועג הט ער צו זיך אליין גירעדט איך האב זיך גאר אליין ניט גערעכנט אז דאס זאל אזו גרינג צו גיין איך בין שון פארטיג אביא איך האב שון אריין גיפאקט די סחורה.

12.

איהם איז גאר גרינג פאטערין

ביא ר׳ שלומהלען אין הויז הט זיך גפיהרט אזו וויא פריער, מאטקע איז געזעסן און גילעהרינט מיט דאניאלקען אין אבעזונדער צימער, פייגע רחעלע איז געזעסן אין זאל, נאר ר׳ שלומהלע איז ארום גגאנגען איבערן זאל פארקלערט הין אונ צוריק.

איך ווייס ניט וואס ביסטו היינט אזו צו טראגן, הט זיא איהם געפרעגט, שון צוויא דר זייגער אונ דו האסט נאך ניט אן גיביסן, זאג מיר אויך וואס פר איין עגמת נפש דו האסט, איך טאר דם גאר ניט וויסען? אמענטש זאל ניט עסין אונ גייט ארום צו טראגן אונ וויל גאר ניט זאגן, דו ווילסט שון אפשר ווערן אבעל תשובה? וואס דו האסט אן געהויבען פאסטן.

הער מיר אויף זאגן דיינע גלייכע ווערטליך, הט ער זיך אן גרופן, אז דו פר שטייסט ניט בין איך דיר ניט שולדיג, איך וואלט זיך אויף דיר גאר ניט ריכטן אז דו זאלסט דם גאר ניט בערעכענען, איך גייא ארום אן אקאפ, מיר גענעמט ניט קיין עסין איך קען ניט רוהען ביז וואנען איך וועל דר זעהן דא בערקען מיר גייט ניט איין דער לעבין אז איך בערעכען זיא וויא בערקע איז גאר שטעלט, אונ ער סטרויעט ערשט אזא געשעפט, זאהל גאר די שעה ניט זיין אז מיא דער קאנט איהם זעגען מיר שון געפאלן מיר ווערן אן אונזערן גאנצן כבוד וואס מיר האבן אויף דערויף אזו פיל צייט גהארעוועט, גאטט זאהל אונס היטין וועדליג בערקע שפילט ערשט די ראליע פר אסוהר אונ מיא דר קאנט איהם אז ער איז אונזער משרת קענען מיר האבן די ערשטע בזיונות אז מיר זאלן ניט קענען פר קיינעם די אוגין ווייזין, אונ ווער ווייסט וואס קאן נאך דר פון ארום קומען.

איך האב געמיינט ווער ווייסט פון וואס דו ביסט צו טראגן, הט פייגע רחעלע זיך אן גירופן, טפו, טפו, וואס סי הט גזאלט זיין אונ וואס וועט זיין, זאל זיין צו אונזערע שונאים קעפ צו זייערע הענט אונ פיס צו זייער לייב אונ לעבן, איך זעה פון וואס ער נעמט זיך צום הארצן, אז דו ביסט קלוג דארפסטו בערעכענען איבערן קאפ אזא זאך וואס קען גאר ניט זיין, בערקע איז ניט קיין נאר מיא קען זיך אויף איהם פאר לאזין, אז ער וועט זעהן אז עס האלט שלעכט וועט ער ניט ווארטן אז מיא זאל איהם דער קענען וועט ער אליין אפ טרעטן, זארג ניט מיר האבן דעם שיינעם ר' מרדכין איבער געגעבן אין גוטעה הענד, ער וועט זיך שון פון זיינע הענד ניט ארום דרייען, אונ וואהף אוועק פון אזעלכע זאכן קלערהרן אונ דו האסט ניט צו זיין פון וואס צו טראגן, נעם עפעס עסין.

פייגע רחעלע הט מיט איהרע רייד איהם בארוהיגט אונ ער האט זיך געזעצט עסין.

אין דעם הט זיך אויף גיעפינט די טיר אונ עס איז אריין געקומען ר' משה'ל דער שמש פון שול מיט אבעל דרשן, ברוך היושבין, האבן זייא גזאגט.

מיא בעט עסין, הט זיך ר' שלומהלע אן גרופין, זיצט.

עסט געזונטער הייט האבן זייא גיענטפערט, אונ זייא האבן זיך געזעצט.

דאס זענען זייא דער מגיד, האט זיך ר' משה'ל אן גרופען, וואס זייא האבן געכטין גזאגט אין שול, זייא האבין אייך דער מאנט ר' שלמהלע אין דער דרשה וואס פר אטייערער איד איר זענט, אונ וואס פר אגוט הערץ איר הט, אונ זייא קענען אייך גאר ניט.

אז איר קענט מיך ניט, הט ר' שלמהלע זיך אן גרופן צום בעל דרשן, וואו הט איר דם גיהערט פון מיר, ווער איך בין, אז איך זאל ווערט זיין אז איר זאלט מיר דער מאנען אין דר דרשה:

אגוטער נאהמען הערט זיך, האט דר בעל דרשער גיענטפערט, איך בין דאה געוועזן ארוהם דיא קליינעה שטעדטליך, איך האב דארטן אויך גידרשנת,

הָאבּ אִיךְ גְהֶערְט פוּן אַייעֶר נָאהְמֶען, וִויא יֶעדֶערֶער בֶּענְטְשְׁט זִיךְ מִיט אַייךְ.

ר׳ שְׁלמהלע הָט גְהֵייסְן אַז זִיא זָאל דֶר לַאנְגֶען דֶעם טֵייסְטֶער פוּן קַאמָאר, עֶר הָט אַרוֹס גְנוּמֶען זֶעקְס רוּבּל אוּנ הָט גֶגֶעבְּן דֶעם בעל דרשן, אוּנ אַייךְ ר׳ משהלע נַאט אַייךְ אַקֶערְבְּל פַארְן גַאנְג, פַאר וָואס אִיר הָאט זַייא אַרַיין גְפִירְט צוּא מִיהר.

וָוס הָאבּ אִיךְ אַייךְ גְוָואלְט פְרֶעגְן ר׳ משהלע, הָט פייגע רהעלע זִיךְ אָן גְרוּפְן, אִיךְ גֵייא אַלֶע טָאג דַאוְונֶען אוּנ אִיךְ זֶעה נִיט קֵיין מָאהְל אוּנְזֶער פרוכת וָוס מִיר הָאבְּן גְגֶעבְּן אִין שׁוּל:

אַייעֶר פרוכת וָוס אִיר הָט גְגֶעבְּן אִיז דֶר שֶׁענְסְטֶער הָט ר׳ משהלע זִיךְ אָן גְרוּפְן, הַאלְט אִיךְ אִיהְם נָאר אוֹיף יום טוב אַז עֶס קוּמְט יום טוב הֶענְג אִיהְם אַרוֹס, זַייא הָאבְּן גְזָאגְט אַגוּטְן טָאג אוּנ זֶענְן אַוֶועק גִיגַאנְגֶען:

וִויא זַייא זֶענְן אַרוֹס גְגַאנְגֶען פוּן טִיר, אִיךְ בִּין גְזֶעסְן אִין גִיהַאקְטֶע וואוּנְדְן, הָט ר׳ שְׁלמהלע גְזָאגְט, אִיךְ הָאבּ דֶער לֶעבְּט קָאם אַז זַייא זָאלְן אַוֶועק גֵיין, עֶס אִיז שׁוֹן בַּאלְד נַאכְט עֶס קֶען זַיין אַז עֶס זָאל אָן קוּמֶען בערקע אָדֶער שיינדעלע מִיט עֶפֶּעס נַייעֶס, עֶס הָט נָאךְ גִיפַּאסְט אַז זַייא זָאלְן זִיצְן דֶר בַּייא וִויא בערקע וֶועט אָן קוּמֶען אוֹם גִיסְטְרוֹיעֶטֶער הֵייט.

אִין דֶעם הָט זִיךְ אוֹיף גִיעֶפִינְט דִיא טִיר, אָט אִיז בערקע! הָט פייגע רהעלע אוֹם גִישְׁרִיגְן זָאג אוּנְז גִיכֶער צוּ דוּ הָאסְט אָפּ גִיאַרְבֶּעט צוּ נַיין, אוּנ וָואס גֵייסְטוּ אָן גְטָאהְן אִין דִי אַלְטֶע קְלֵיידֶער, וואוּ אִיז דָס דִי גוּטֶע קְלֵיידֶער וָוס דוּ בִּיסְט אִין זַייא אַוֶועק גְפָאהְרְן פוּן דַאנֶען:

זָארְגְט נִיט הָט בערקע זִיךְ אָן גְרוּפְן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹן דֶעם ר׳ מרדכען פַארְטִיג גְמַאכְט, עֶר אִיז שׁוֹן אָנְגִיקַאכְט, דָס וָוס אִיךְ בִּין גְקוּמֶען אִין דִיא אַלְטֶע קְלֵיידֶער, דַארְפְט אִיר מִיר קֵיין שֵׂכֶל נִיט לֶערְנֶען:

וואוּ אִיז דִיא סְחוֹרָה? הָט ר׳ שְׁלוֹמהלע גִיפְרֶעגְט וַוייז לָאמִיר זֶעהְן.

שיינדעלע הָט נָאךְ אַהֶער נִיט גְבְּרַאכְט דִיא סְחוֹרָה? נֵיין זִיא אִיז נָאךְ דָא גָאר נִיט גְוֶועזְן.

מן הסתם וֶועט זִיא דָא בַּאלְד זַיין, הָט בערקע גְזָאגְט, עֶס וֶועט וֶוערְן אַבִּיסְל פִינְסְטֶערֶער, אִיר פַאר שְׁטֵייט אַז אִין מִיטִין טָאג פַּאסְט נִיט אַז זִיא זָאל אַהֶער קוּמֶען מִיט אַפֶּעקְל, אִיךְ מֶעג מִיךְ אַלֵיין לוֹיבְּין אַז אִיךְ בִּין אַקְלוּגֶער, אִיךְ הָאבּ דָס אָפּ גִיאַרְבֶּעט וִויא אַחְוַאט, עֶס הָט נִיט גְדוֹיעֶרְט קֵיין צְוֵייא מִינוּט הָאבּ אִיךְ צוּ גְנוּמֶען בַּייא ר׳ מרדכין סְחוֹרָה פַאר נַיין טוֹיזֶענְד רוּבְּל, אִיךְ הָאבּ עֶס גְהַאלְטְן בַּייא זִיךְ אִין נוּמֶער פוּן אוֹיבְּן אוֹיף, בִּיז וַואנֶען שיינדעלע הָט זִיךְ צוּ מִיר אַרַיין גִיהַאפְּט אוּנ זִיא הָאט דָס צוּ גְנוּמֶען אִין אַלֵיילַאךְ, נָאךְ דֶעם הָאבּ אִיךְ גְנוּמֶען אוּנְזֶערֶע בְּלַאטֶע גַאלְד מִיט דִי זִילְבֶּער אוּנ אִיךְ הָאבּ אַיין גִיפַּאקִירְט אִין דֶר אֵייגֶענֶער קֶעסְטִיל וָוס ר׳ מרדכי הָט אַיין גִיפַּאקִירְט זַיינֶע סְחוֹרָה, אִיר זָאלְט זֶעהְן ר׳ שְׁלוֹמהלע וִויא אִיךְ הָאבּ אוֹס גְקְלֶבֶּען דִיא סְחוֹרָה בַּייא ר׳ מרדכען רִיכְטִיג זָאל נִיט פֶעהְלְן אַהָאר אַזוּ וִויא אוּנְזֶערֶע, אַז שיינדעלע וֶועט בְּרֶענְגֶען אוּנ אִיר וֶועט אַקוּק טָאהְן אוֹיף דִיא סְחוֹרָה וֶועט אִיר גָאר נִיט גְלֵייבְּן אַז דָס אִיז ר׳ מרדכים, אִיר וֶועט מֵיינֶען אַז דָס אִיז אוּנְזֶערֶע אִיךְ הָאבּ דָס גְמַאכְט קֵיילֶעכְדִיג, אִיךְ בִּין אַוֶועק גְגַאנְגֶען אִין גַאס אוֹיף אַפָּאר שָׁעָה, אוּנ בִּין גְקוּמֶען פוּן גַאס הָאבּ אִיךְ דֶר צֵיילְט ר׳ חייִמען אַז אִיךְ בִּין גְוֶועהְן אִין פָּאטְשְׁט אוּנ עֶס אִיז מִיר אָן גְקוּמֶען אַבְּרִיף אַז אִיךְ זָאל נִיט הַאנְדְלֶען קֵיין סְחוֹרָה, אוּנ אִיךְ זָאל וָוס

צוּם

צום גִיכְסְטְן פָאהְרֶן אַהֵיים , הָאבּ אִיךְ גִבֶּעטְן ר' חייסען אִיז עֶר מִיט מִיר גִגַאנְגֶען אַוֶועק טְרָאגְן דִי סְחוֹרָה צוּ ר' מרדכין , אוּנ אִיךְ הָאבּ זֵייא דָארְטְן אוֹךְ דֶער צֵיילְט דֶעם אֵייגֶענֶעם אוּם גְלִיק , אִיךְ הָאבּ גְזֶעהְן אַז אִיךְ בִּין שׁוֹן פַארְטִיג מִיט ר' מרדכין , הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָפּ גִירֶעכִינְט מִיט ר' חיימען אוּנ אִיךְ הָאבּ אִיהְם בֶּעצָאלְט פַאר דֶער צֵייט וָוס אִיךְ בִּין גְשְׁטַאנֶען, אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַאר קְלוֹבְּן מִיט מַיין צֶעמָאדָאן אוּנ אִיךְ בִּין פוּן דָארְטְן גְלַייךְ צוּ גְפָאהְרֶן צוּם צַאסְט אוּנ אִיךְ הָאבּ זַאיַאוֶועט אַז ר' מרדכי הַאנְדִילְט מִיט פַאלְשֶׁע גָאלְד מִיט זִילְבֶּער אוּנ פַאר קוֹפְט פַאלְשֶׁע פַאר אֶמֶתְעֶה אוּנ אִיךְ הָאבּ נָאךְ גְזָאגְט אַז עֶר מַאכְט נָאךְ אַלֵיין דִיא קְלֵיימָאעֶס , גִיפִינֶען וֶועט מֶען דָאךְ בַּייא אִיהְם וֶועט מֶען דָס אוֹךְ גְלֵייבְּן , מִיא הָט אוֹף גְשְׁרִיבְּן אַזַאיַאוְולֶענְיֶע אוּנ אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוּנְטֶער גְשְׁרִיבֶּען יאקאב פעלדמאן, אִיךְ רֶעכִין אַז הַיינְט וֶועט מֶען דִי אָבִּיסְקֶע נִיט מַאכְן וָוארוּם עֶס אִיז שׁוֹן גוּט פִינְסְטֶער מִיא דַארְף שׁוֹן אָן צִינְדִין אַלָאמְפּ אוּנ אוֹף דֶר נַאכְט מַאכְט מֶען נִיט קֵיין אָבִּיסְקֶע , עֶר וֶועט שׁוֹן הָאבְּן דֶעם קְלָאג פַאר זִיךְ מָארְגְן .

בערקע דוּ בִּיסְט וֶוערְט אַז מֶען זָאל דִיר גֶעבְּן אַקוּשׁ , הָט פייגע רחעלע זִיךְ אָנְגְרוּפְן , דוּ הָאסְט דָס אָפּ גִיאַרְבֶּעט וִויא אַחְוָואט , אִיךְ הָאבּ דִיר גְזָאגְט שלומהלע אַז אוֹף אִיהְם קֶען מֶען זִיךְ פַאר לָאזִין .

אִיךְ וֶועל נָאךְ אַייךְ דֶער צֵיילִין אוֹף וָוס פַאר אַיין אַיינְפַאהְל אִיךְ בִּין גְפַאהְלְן מִיט דִי זַאכְן וָוס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִיבֶּער גְטָאהְן , וַוארְט בערקע הָט פייגע רחעלע זִיךְ אָנְגְרוּפְן דוּ בִּיסְט דָאךְ עֶרְשְׁט מִיד, וֶועדְלִיג אִיךְ הֶער הָאסְטוּ זִיךְ הַיינְט גוּט אָנְגְהָארֶועט אִיךְ וֶועל אַלֵיין אָהְן צִינְדְן דֶעם לָאמְפּ אוּנ אִיךְ וֶועל אַרַיין גֶעמֶען אַבִּיסְל בְּרָאנְפְּין , דוּ בִּיסְט שׁוֹן וֶוערְט אַז מִיא זָאל דִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל בְּרָאנְפִּין אוּנ נָאךְ עֶפֶּעס אוֹיךְ .

וָוס אפשר אכלה ? הָט בערקע גִיפְרֶעגְט , הָאבּ אִיךְ מַיין שיינדערלע גִיזוּנְד אוּן שְׁטַארְק זָאל זִיא מִיר זַיין, פייגע רחעלע הָט אָן גִיצוּנְדְן דֶעם לָאמְפּ אוּנ זִיא הָט דֶער לַאנְגְט אַבִּיסְל בְּרָאנְפְן אוֹפִין טִישׁ, בערקע הָט אִין זִיךְ אַרַיין גְגָאסְן , זֶעצְט זִיךְ פייגע רחעלע וֶועל אִיךְ אַייךְ דֶער צֵיילְן אִיר מֶעגְט הֶערְן, אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַאר קְלִיבְּן גֶעכְטִין אוֹף אַוֶועק פָאהְרֶן אִין אַיינְפָאר הוֹז הָאבּ אִיךְ אַיין גִיפַאקִירְט דִיא אַלְטֶע זַאכְן אִין צֶעמָאדָאן אַז אִיךְ זָאל זֵייא הָאבְּן בַּייא זִיךְ , אִיךְ הָאבּ גְרֶעכִינְט וֶוער וֵוייסְט וִויא עֶס מַאכְט זִיךְ טָאמֶער דֶר קָאנְט מֶען מִיךְ אוּנ מִיא דַארְף אָפּ טְרֶעטְן .

דוּ הָאסְט גְטָאהְן קְלוּג , הָט ר' שלומהלע גְזָאגְט , דֶר פַאר הָאבּ אִיךְ דִיךְ לִיעבּ וָוס דוּ בַּארֶעכִינְסְט וָוס עֶס קֶען זִיךְ מַאכְן .

הֶערְט אוּם הָט בערקע גְזָאגְט , אַז אִיךְ בִּין שׁוֹן גְוָוארְן פַארְטִיג אַרוּם אוּן אַרוּם , אוּנ עֶס אִיז נָאךְ נִיט גְוֶועזְן נַאכְט , אִין גַאס הָט גִירוּשְׁט פוּן מֶענְטְשְׁן , הָט נִיט גִיטוֹיגְט אַז אִיךְ זָאל אַרַיין גֵיין צוּ אַייךְ אוּם גְסְמְרוֹיעֶטֶער הֵייט בִּין אִיךְ פַאר פָאהְרִין אוּנְטֶער דֶר שְׁטָאט אִין אַיין אוּמְבֶּעקַאנְטֶע הוֹז וָוס מִיא קֶען מִיךְ נִיט אוּנ אִיךְ קֶען זֵייא נִישְׁט , אוּנ אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָארְטְן אִיבֶּער גְקְלֵיידְט, אִיךְ הָאבּ זֵייא דֶר צֵיילְט אַגְלִיק אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִיט גִירִיכְט עֶס זָאל זַיין אַשְׁטוּבּ אוּנ אִיךְ דַארְף וַוייט פָאהְרִין .

אִין דִיא רַייד הָט זִיךְ אוֹף גֶעפִינְט דִי טִיר אוּנ עֶס אִיז אַרַיין גְקוּמֶען שיינדערלע מִיט אַפֶּעקִיל אוּנְטֶערְן הַאנְד אוּנ הָט דָס אַרוֹף גְטְרָאגְן אוֹפִין טִישׁ , אִיךְ הָאבּ נָאךְ גְבְּרַאכְט דֶר צוּ אַצוּ גָאבּ , הָט זִיא גְזָאגְט מִיט אַשְׁמֵייכֶל , אִיךְ הָאבּ גְנוּמֶען דִי סְחוֹרָה אִין אַיין לַיילַאךְ אִיךְ הָאבּ בֶּערֶעכִינְט אַז עֶס פַּאסְט נִיט בַּייא טָאג טְרָאגְן , אוּנ אִין

אווינד טְרָאגְן זיך מִיט אַנַייְסָע זַאךְ אִיז זַייעֶר ווירְנָא, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַרַיין גְחַאפְּט אִין אַנוּמֶער אוּנ גְקְרִיגְן אַפַּאלְטָאה, אִיךְ הָאבּ אַיין גְיווִיקֶלְט אַז מֶען זָאל נִיט אַרוּיס זֶעהֶן דִי לַיילַאךְ, וָוס זָאגְט אִיר אוֹפְן פַּאלְטָאה עֶס אִיז אַגוּט שְׁטִיקְל סְחוֹרָה עֶר הָט דִי וֶוערְטֶה שַׁיינֶע קֶערְבְּלַאךְ:

דִי גֶעלְט וָוס עֶר קָאסְט דִיךְ, הָט בּערקע זִיךְ אָנְגִירוּפְן הָט עֶר שְׁטֶענְדִיג דִיא וֶוערְטֶה.

נֶעם פייגע רחעלע צו דִי סְחוֹרָה אוּנ פַּאר שְׁלִים אִין קַאמָאד, הָט ר׳ שלומהלע גְזָאגְט, אַבִּיא דִי סְחוֹרָה אִיז שׁוֹן דָאה וֶועט זַיין גֶעלְט אוֹיךְ, עֶס קֶען זַיין אַז אִיךְ וֶועל זַייא דֶר הַאלְטְן פַּר זִיךְ, מִיטִין גֶעלְט וֶועלְן מִיר זִיךְ שׁוֹן אוּם גְלַייכְן.

מִיא דַארְף אַזוֹךְ טָאהְן אִין פַּאלְטָאה אִין דִי קֶעשֶׁענֶעס הָט בּערקע גְזָאגְט, אפשר לִיגְט עֶפֶּעס,

פייגע רחעלע הָט צו גנוּמֶען דִיא סְחוֹרָה אַרַיין לֵייגְן אִין קַאמָאד, בּערקע הָט גנוּמֶען זוּכֶען אִין דִיא קֶעשֶׁענֶס פוּן פַּאלְטָאה אוּנ הָאט גְפוּנֶען אַבְּרִיף, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶר פְרֵייעֶט, אִיךְ הָאבּ גִימֵיינְט אַז אִיךְ הָאבּ גְפוּנֶען גֶעלְט עֶרְשְׁט אִיז דָס גָאר אַבְּרִיף, מִיא דַארְף אִיהְם אִיבֶּער לֶעזִין עֶס אִיז כְּדַאי צו ווִיסֶען וֶועמֶעס פַּאלְטָאה דָס אִיז, בּערקע הָט אוֹף גְיֶעפִינְט דֶעם בְּרִיף, עֶס אִיז נִיט פַאר מִיר, עֶס אִיז אוֹיף רוּסִיש גְשְׁרִיבְּן, אִיךְ קֶען קֵיין רוּסִיש נִישְׁט:

אִיךְ קֶען אוֹיךְ נִיט, הָט ר׳ שלומהלע זִיךְ אָן גְרוּפֶען, מַיין דאניאלקע אִיז גְלֶערִינְט עֶר וֶועט דֶעם בְּרִיף אִיבֶּער לֶעזִין.

דאניאלקע! הָט עֶר אוֹיס גְשְׁרִיגְן קוּם אַרַיין אַהֶער אִיךְ דַארְף דִיךְ הָאבְּן.

פייגע רחעלע אִיז אַרַיין גְקוּמֶען פוּן דֶעם צִימֶער וָוס זִיא הָט דָארְטְן פַר שְׁלָאסְן דִיא סְחוֹרָה, וָוס דַארְפְסְטוּ דָס הָאבְּן דאניאלקען? הָט זִיא גִיפְרֶעגְט.

מִיא דַארְף דָאה אִיבֶּער לֶעזִין אַרוּסִישִׁין בְּרִיף וָוס מֶען הָט גְפוּנֶען אִין דֶעם פַּאלְטָאה.

בַּייא דאניאלקען אִיז דָס אַוואוֹנֶע זַאךְ, הָט זִיא זִיךְ אָן גְרוּפֶען עֶר וֶועט דָס אִיבֶּער לֵייעֶנֶען אִין אֵיין מִינוּט, אָט אִיז דאניאלקע, נֶעם מַיין זוּנִינְקֶע דֶעם בְּרִיף אוּנ לֵייעֶן אִיבֶּער וָוס עֶס שְׁטֵייט דָא.

דאניאלקע הָט גנוּמֶען דֶעם בְּרִיף אוּנ הָט אִיהְם גנוּמֶען לֶעזִין, עֶס אִיז אַשְׁוֶוערֶער כְּתַב צו לֵייעֶנֶען, הָט עֶר זִיךְ אָן גְרוּפֶען, עֶס שְׁרַייבְּט זִיךְ עֶפֶּעס עֶנְשׁוּלְדִיק מִיר טְהַייעֶרֶער יאזעף, מִיא זֶעהְט נִיט צו לֵייעֶנֶען.

בּערקע רוּק צו דֶעם לָאמְפּ נֶעהֶענְטֶער, הָט פייגע רחעלע גְזָאגְט וֶועט עֶר זֶעהְן ווִיא צו לֵייעֶנֶען, בּערקע הָט צו גֶערוּקְט דֶעם לָאמְפּ.

דאניאלקע אִיז גְוֶועהְן זַייעֶר שְׁטַארְק גְלֶערִינְט, הָט עֶר גְזוּכְט גְרִינְגֶערֶע וֶוערְטֶער עֶר זָאל זַייא קֶענֶען זָאגְן וָוס עֶס שְׁטֵייט, הָט עֶר גִיקֶעהֶרְט דֶעם בְּרִיף אוֹיף אַלֶע זַייטֶען.

נוּא לֵייעֶן שׁוֹן, הָט ר׳ שלומהלע גְזָאגְט אוּנ זַייא זֶענֶען גְשְׁטַאנֶען אַלֶע אַרוּם אִיהְם הֶערִין ווִיא עֶר וֶועט לֶעזִין.

עֶס אִיז עֶפֶּעס אַמָאדֶנֶער בְּרִיף, הָט דאניאלקע גְזָאגְט עֶס שְׁרַייבְּט זִיךְ עֶפֶּעס אִין מִיטִין בְּרִיף אִיךְ וִויל זַיין דַיין.

טוּא אַקוּק, דאניאלקע וֶוער עֶס שְׁרַייבְּט זִיךְ אוּנְטֶער, הָט ר׳ שלומהלע גְזָאגְט וֶועט מֶע ווִיסְן וֶועמֶעס בְּרִיף דָס אִיז.

ווער

ווער עס שרייבט זיך אונטער זאגין דיר ? הט דאניאלקע זיך אן גרופען , עס שטייט , פון מיר דיין עוויג געליבטע ראזע פרידמאן .

אהא ! הט בערקע אגישרייא גטאהן , איך וייס שון וועמעס בריף דס איז , אז איך בין היינט גוועהן בייא ר׳ מרדכין אין קלייט האב איך גהערט וויא ער הט גרופען זיין פריקאזציק מיטין נאהמען , יאזעף , אונ ר׳ מרדכים מיידיל הייסט ראזע איז דס איהר בריף וואס זיא שרייבט צו אירם , זיא מוז מיט איהם שפילין אליעבע , נאך די עטליכע ווערטער איז קאנטיג אז זייא האבן זיך ליעב .

דס איז געווים איהר בריף , הט שיינדעלע גזאגט , בייא אונז שטייט איין ר׳ מרדכים אפריקאזציק אונ דס איז טאקי פון זיין נומער דר פאלטאה :

מאמע , דו האסט דאך מיר גזאגט אז דו האסט גישיקט אשדכן צו ר׳ מרדכין אונ זיין שיינע ראזע וועט זיין מיין כלה , מאמע , דו מיינסט אז איך קען זיא ניט ? איך האב איהר גזעהן גייענדיג אין גאס , האב איך פון ווייטין גזעהן וויא שיין זיא איז , ערשט הט זיא שון גאהר איין אנדער חתן .

דו רעדסט נאהר וויא אקינד , הט זיא גזאגט דו האסט דאך אליין גלייענט דעם בריף שטייט דאך גיט אז דס איז צו אחתן עס שרייבט זיך מעהר ניט אז זיא איז זיינע אגעליבטע אלץ וועט זיא דיך גיבער נעמען פאר אחתן , דו ביזט עפעס מיין לייט פארין פריקאזציק , אונ דס וואס זייא ליבען זיך , מן הסתם וועלן מיר געבן איין עצה דער צו אז מיא וועט זייא שיידן , גייא דאניאלקע אין דיין צימער אונ דאגה ניט , ראזע וועט זיין דיין כלה .

מיא דארף שון גיין , הט שיינדעלע זיך אן גרופען .

וואס היילסטו זיך ? הט איר בערקע גפרעגט זיץ דא נאך אביסל , איך האב אייך גאר פאר געסין דר ציילן פייגע רהעלע , וואס פאר אקלוגעה שיינדעלע דס איז , איהר בעל הבית ר׳ חיים וואלט פאר איהר קיין צעהן וועגין זאטירקע ניט גנומען , ער האלט איהר פאר איין פרומע , איך האב זיך מיט איהם פאנאנדער גרעדט , הט ער מיר גזאגט אז זיין דינסט מיידל איז איין ארענטליכע עס מעג ליגין פאר אידרע אוגין געלד וועט זיא יענעמס ניט רירדין , יא , שיינדעלע אז דו וועסט זעהן אז עס ליגט געלד וועסטו ניט אן ריהרען ? דו וועסט צו נעמען אין גאנצן , דארפסט נאך פרעגן הט שיינדעלע גיענטפערט .

איך זעה אז מיא מעג זיך שון אוף דיר בערקע פאר לאזין הט ר׳ שלומהלע זיך אן גרופען , אז דו האסט ליעב ווייסטו וועמען , זיא איז ווערט אז מען זאל איהר קושין פר דער פרומער ראליע , וואס זיא פיהרט בייא ר׳ היימען זיא פאר שטייט גוט אגישעפט .

ביסט ווערט שיינדעלע אז מיא זאל דיך קושין ? הט בערקע גיפרעגט .

ווער דארף דיך קושין ? דו דארפסט מיך קושין , הט שיינדעלע גיענטפערט , נאר מיר וועלן זיך קושין אין איין אנדער צייט , ניט ווען אלע זעהן , איך דארף שון גיין , עס קען זיין אז דארטן דארף מען מיר גיגייטיג האבן אונ איך האב זיך דא אנידער גזעצט .

קום וועל איך דיך בעלייטען , הט בערקע גזאגט , נאר איך וויל אום פיהרען פארן אוועק גאנג דאה אופין ארט אקוש , אז ר׳ שלומהלע מיט פייגע רחעלע זאלן זעהן .

זֵייא הָאבְּן זִיךְ אַרוּם גְנוּמֶען אוּנ עֶס אִיז בַּייא זֵייא אַרוּם אֵיין קוּשׁ אוּנ דֶער אַנְדֶערֶער אוּנ דֶער דְרִיטֶער ׃

בְּרַאוְוא ! הָאבְּן זֵייא אַלֶע אוּס גְשְׁרִיגְן , שֵׁיינדעלע הָט גְזָאגְט אַגוּטֶע נַאכְט , אוּנ בּערקע אִיז אַוֶועק גְגַאנְגֶען אִיהְר בֶּעלֵייטְין ׃

עֶרְשְׁט קֶענֶען מִיר רֶעדְן הָט פייגע רחעלע גְזָאגְט פַאר זֵייא אִיז דָאךְ אֲפִילוּ נִיטָא וָוס מוֹרָא צוּ הָאבְּן מִיר דַארְפְן זִיךְ פַאר זֵייא נִיט בַּאהַאלְטְן , נָאר מִיא קֶען בֶּעסֶער בֶּעקְלֶעהְרְן אַז קֵיינֶער אִיז נִיטָא , דוּ וֵוייסְט שלומהלע אַז אוּנְזֶער גַאנְצֶער הָארָאוַואנְיֶע וֶועט זַיין אוּמְזִיסְט , מִיר מַאכְן אַיין אוּמְגְלִיק דֶעם שֵׁיינֶעם ר׳ מרדכען אַז עֶר זָאל זַיין גִיפַאלְן בַּייא זִיךְ , אוּנ עֶר זָאל זִיךְ נָאךְ דֶעם בֶּעטְן אַז מִיר זָאלְן אִיהְם גֶעבְּן אוּנְזֶער דאניאלקען פַאר אַיין אֵיידִים , דוּ דַארְפְסְט וִויסֶען אַז מֶען וֶועט אִיהְם מָארְגְן אַיין זֶעצְן פַאר דִי פַאלְשֶׁע סְחוֹרָה וֶועט עֶר אֵייבִּיג נִיט זִיצְן דֶער פַאר , עֶר הָט אַסַאךְ גֶעלְט וֶועט עֶר זִיךְ סְטַארֶען , מִיט גֶעלְט קֶען מֶען אַלְץ מַאכְן , עֶר וֶועט אפשר זִיצְן אַיאָהְר , מַיין אַוַואדֶע נִיט , אוּנ אַז עֶר וֶועט אַרוּם גֵיין וֶועט עֶר מן הסתם בַּאלְד שִׁיקְין אשדכן בֶּעטְן זִיךְ בַּייא אוּנְז , עֶס וֶועט זִיךְ שׁוֹן אָבֶּער נִיט וֶוענְדְן אָן אִיהְם וָואס עֶר וֶועט וֶועלְן , דִיא מֵיידְל וֶועט נִיט וֶועלְן , מִיא זֶעהְט דָאךְ נָאכְן בְּרִיף נָאךְ אַז זִיא לִיעבְּט זִיךְ אִין דֶעם פְּרִיקַאזְצִיק , אִיז מַיין עֵצָה אַז מִיא זָאל זֶעהְן דֶעם יאזעפין פַּאטֶערִין ׃

אוֹיף אִיהְם דַארְף מֶען גָאהְר לַאנְג נִיט טְרַאכְטְן הָט עֶר זִיךְ אָן גְרוּפֶען , עֶס אִיז דָא אַמִיטִיל אַז מֶען זָאל פוּן אִיהְם גָאר גְרִינְג פָּטוּר וֶוערְן , מִיא דַארְף אִיהְם טָאהְן אַזוֹ וִויא מִיר הָאבְּן גְטָאהְן אִין ווינאוו , בּערקע הָט בֶּעגַאנְוֶועט לאפיצקין אוּנ בַּייא אוּנְז אִיז דָם גְבְּלִיבֶּען , אוּנ גְזָאגְט הָאבְּן מִיר אוֹיף אברהם צוקערבערג , דָארְטְן אִיז גְוֶועהְן וַוייל מִיר הָאבְּן מוֹרָא גְהַאט אַז מִיא זָאל נִיט זָאגְן אוֹיף אוּנְז , אוּנ דָא הָאבְּן מִיר דָאךְ דֶער פַאר קֵיין מוֹרָא נִיט אַז מִיא זָאל זָאגְן אוֹיף אוּנְז אַז מִיר הָאבְּן גְמַאכְט דֶעם אוּמְגְלִיק ר׳ מרדכין , אַז ר׳ מרדכי וֶועט זִיצְן עֶטְלִיכֶע טֶעג אִין אַסְטְרָאג , וֶועל אִיךְ אַרַיין שִׁיקְן צוּ זַיין וַוייבּ אַנַארָאדְסְקָאי בְּרִיף אוּנְטֶער שְׁרַייבְּן וֶועל אִיךְ זִיךְ נִיט , עֶר וֶועט זַיין אָן אַנָאהְמֶען אוּנ אִיךְ וֶועל אַרַיין שְׁרַייבְּן אַז דָם וַואקְסְט פוּן יאזעפין וִויא אִיךְ וֶועל שְׁרַייבְּן דַארְפְסְטוּ מִיךְ נִיט לֶערְנֶען , דוּ וַוייסְט דָאךְ אַז מִיא קֶען זִיךְ אוֹיף מִיר פַאר לָאזְן , אוּנ אִיךְ וֶועל דָאס בֶּעקְלֶערְן וִויא אַזוֹ אִיךְ וֶועל אַרוּם שְׁרַייבְּן דֶעם בְּרִיף אַז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען צוּא ר׳ מרדכים וַוייבּ , זָאל זִיא תֵּיכֶּף אַרוּם יָאגְן יאזעפען פוּן שְׁטוּבּ , עֶר וֶועט זִיךְ שֶׁעמֶען זַיין אִין שְׁטָאט אַז מִיא הָט אִיהְם אַרוּם גְטְרִיבֶּען פַאר אַזוֹ אַזַאךְ , אוּנ קֵיין שְׁטֶעלֶע וֶועט עֶר אוֹיךְ נִיט הָאבְּן , וֶועט עֶר אַנְטְלוֹפְן פוּן שְׁטָאט פַאר בִּזְיוֹנוֹת , עֶס אִיז אַגַאנְץ גְלַייכֶע זַאךְ , הָאט פייגע רחעלע גְזָאגְט מִיט אַזַא פְלַאן אִיז פוּן אִיהְם גָאר גְרִינְג פָּטוּר וֶוערִין ׃

13

דער אומגליק

עס איז שון געוועהן שפעט אין דער נאכט אין דיא גאסן איז געוועהן שטיל דער שטאט זייגער האט געשלאגן צוועלף יעדערער איז געלעגן, אויף זיין געלעגער, ביי ר׳ מרדכען אין הויז האבן זייא געשלאפן איין געשמאקען שלאף, נאר ר׳ מרדכי אליין האט נאך ניט געשלאפן ער איז געלעגן אויף זיין געלעגער, איך ווייס ניט וואס דאס איז האט ער צו זיך גערעדט, עס רייסט מיר אזוי דאס הארץ אז איך קען ניט אנטשלאפן ווערן, הלוואי זאל זיין צו גוטען, דיא גמרא זאגט האי מאן דמבעית אע״ג דאיהו לא חזי מזלי׳ חזי, דיא ווערטער בעדייטען, דאס ווען דער מענטש ער שרעקט זיך אבוואהל ער זעהט גאר ניט אבער זיין מזל זעהט, און דארום שרעקט איהם און עס קלאפט איהם דיא הארץ, ר׳ מרדכי האט ניט געזעהן וויא דער אומגליק ער ווארט איהם שון, נאר דאס הארץ האט איהם געזאגט, און ער האט ניט גיפיהלט אויף וואס, מיט דער מיט האט ער זיך אליין אביסל איין בערוהיגט וואס ער האט אין זיך גאר ניט געפיהלט, איך שרעק זיך אליין און דאס איז גאר ניט האט ער צו זיך גירעדט, מיין ווייב און מיינע קינדער זענען אויפן ארט דאנקען גאטט אלע געזונד קיין געשעפטן האב איך אין ערגעץ ניט וואס איך זאל רעכענען טאמער האט זיך דארטן געמאכט איין אומגליק, אפשר האט זיך געמאכט חס ושלום אהיזק אין קלייט קען דארט דאכט זיך אויך ניט זיין עס שטייען דאך צוויא שומרים, עס מאכט זיך אמאהל ביי אמענטשען וואס עס שרעקט איהם דאס הארץ און עס איז גאר ניט, ער האט זיך אליין בערוהיגט אז ער זאל קענען אנטשלאפן ווערן פיל זאכן איז דא וואס דער מענטש וויל זיך ארויס שלאגן פון די געדאנקען ער זאל אין דערינען פאר געסן און ער קען דאס ביי זיך אליין ניט פועלין, וויפיל שטארקט זיך דער מענטש וואס ער וויל זיך ארויס שלאגן די דאגה פון קאפ ער זאל אזוי פיל ניט דאגהנין, וויפיל ער שלאגט זיך ארויס פון זינען און קען דאך ניט פאר געסן דיא דאגה וואס ער האט, דאס געפעהליכע אז עס קלאפט אמענטשען דאס הארץ און עס שרעקט איהם זייער, וויפיל ער שטארק זיך און לייגט ביי זיך איבער אין די געדאנקען אז דאס איז גאר ניט אז ער האט זיך ניט דער פאר וואס צו שרעקן, ער קען אבער זיך אליין ניט בארוהיגן אז דאס זאל איהם ניט הארין, אזוי וויא מיר זעהן ביי ר׳ מרדכען.

דיא נאכט איז אוועק געגאנגען און ער האט זיך ניט געקענט בארוהיגן ער איז אלץ געווארן אומרוהיגער ער האט קאם ערוואַרט עס איז געווארן טאג איז ער אויף געשטאנען פון זיין געלעגער ער האט זיך אן געטאהן און איז ארויס געגאנגען אין זיין צימער אהין און צוריק און האט צו זיך אליין גירעדט, מיא דארף צו גיין צום קלייט זעהן אפשר האט דארטן עפעס גיטראפן, און ווידער עס איז אומזיסט די גאנג לויפן אזוי פריא אין קלייט, גאט זאל אום היטען אז עס זאל חס ושלום עפעס טרעפן וואלטן דיא שומרים אן געזאגט, עס ציהט מיר עפעס גיין צום קלייט און איך ווייס ניט אליין וואס דאס איז איך זאל שון גיין קען איך ניט דיא קינדער זענען שון אויף געשטאנען וועלן זייא מיר אוואדע פרעגן וואס איך גייא אזוי פריא אין קלייט וועל

איך

איך זייא דארפן דר ציילן וויא דם הארץ רייסט מיר אונ איך בין שטארק אומרוהיג צו ווס זאל איך זייא אן טאהן עגמת נפש עס קען זיין אז עס איז גאר ניט איז אריין גקומן זיין פרוי מלכה צו איהם אין צימער .

איך האב געמיינט אז דו שלאפסט נאך בין איך דיר שון גגאנגען אוף וועקן . דער סאמאוואר איז שון פארטיג קום טרינקען טייא , ר' מרדכי איז אריין גקומען אין זיין פאדער צימער , אונ ער הט זיך געזעצט מיט זיין פרוי אונ מיט זיינע צוויי קינדער טרינקען טייא .

דיא שעהען שטייען ניט אוף איין ארט דער זייגער הט שון גשלאגן אכט מיא דארף שון גיין אין געשעפט הט ר' מרדכי גזאגט , יאזעף איז שון געווים לעבן קלייט אונ ער ווארט שון אוף מיר .

וואס גיסטו ניט אוועק יאזעפין אלע אוף דער נאכט דיא שליסל פון קלייט ? האט ראזע גיפרעגט , אז ער קומט אין דער פריא וואלט ער ניט דארפן ווארטין אופין נאם ביז וואנען דו קומסט , אונ ווען דוא וואלסט קומען וואלסטו גטראפן דיא קלייט אפין .

איך האב יאזעפין שון עטליכע מאהל גבעטן אז ער זאל צו נעמען צו זיך דיא שליסעל אוף דער נאכט , הט ר' מרדכי גיענטפערט , וויל ער אבער ניט ער זאגט ער הט מורא צו האלטן בייא זיך אין נומער פון אזו איין אייגינם דעם שליסל .

שון טאקי צייט גיין , האט מלכה גזאגט , ר' מרדכי האט גנומען די שליסל אונ איז אוועק גגאנגען , ער איז גקומען צום קלייט האט ער גטראפן יאזעפין וויא ער האט אים ערווארט .

מיר האבן ערשט גרעט אין דער היים פון דיר , האט ער גזאגט צו יאזעפין געבענדיג איהם דיא שליסעל אין האנד , וואס ווארטסטו אוף מיר אופין גאס ?

עס איז דאך היינט ניט ווינטער , האט יאזעף גיענטפערט מיא קען נאך היינט ניט דער פרורין ווערן , ער האט גשלאסן דיא טירין זייא זענין אריין גגאנגען אין קלייט .

יאזעף דיא נעכטיגע סחורה וואס ר' חיים שטיינוויים מיטין אורח האבן אפ גיבראכט צוריק ליגט עס נאך אין קעסטל איין גפאקט ?

איך האב ארוס גנומען פון קעסטיל , האט יאזעף גיענטפערט , עס איז גלעגן אלערלייא סארטן האב איך צו לייגט יעדער סארט אוף זיין ארט .

איר זעהט ר' מרדכי וואס איז דאס ארום גישטעלט דיא גאנצע קלייט מיט סאלדאטין .

ר' מרדכי האט גוואלט אקוק טאהן וואס דא איז , איז אריין גקומען דער קלעדאוואטעל מיטין פריסטאוו .

מיר בעטין אייך הערר פרידמאן איר זאלט זיך ניט אביזאיען האט זיך דער סלעדאוואטעל אן גרופן , מיר דארפן טאהן וואס דער זאקאן זאגט אונז . עס איז דא אוף אייך אדאנאס אז איר האנדילט מיט פאלשע גאלד אונ זילבער , אונ איר מאכט נאך אוף זייא אליין דעם קליימא , זענין מיר גקומען צו אייך מאכן איין אביסקע .

איר מעגט זוכען האט ר' מרדכי גיענטפערט ערשראקענער הייט , זייא האבן גנומען איבער קוקין זייגע סחורה .

צוא

צו אוולען גישעפט האט איר זיך גנומען הערר פרידמאן, האט זיך דער סלעדאוואטעל אן גרופען איך האב זיך דם אוף אייך ניט גירעכט איר זעהט דער בראכלעט איז דאך אטאמבאקאנער אונ עס שטייט אוף איהם זעקס און פופציג דיא פרוב, איך האב שון אויך צוויא שטיקלאך פאלשע געפונען, הט דר פריסטאוו גיזאגט.

ר' מרדכי הט פאר בראכן מיט דיא הענד דאס הט מען מיר נעכטן גמאכט דעם אומגליק! הט ער אוס גשריגין, אונ איז גפאלען אין אונגמאכט,

יאזעף מיטין פריסטאוו האבן גנומען אים אוף מינטערן, ווס שרעקט איר זיך אזו הט יאזעף גירעדט מיט טרערן, לאזט זיך ניט אפ, שטארקט זיך און שטעלט זיך אוף, ווס הט איר מורא עס איז עפעס דיא וועלט הפקר מיא וועט מאכין אמענטשן איין אומגליק, אונ מיא וועט דם שווייגין:

עס איז אלע מאל אזו, אז מען טוט דיא פאלשקייט בערעכינט מען ניט דעם סוף, נאך דעם אז מיא דר גייט זיך חלעשין זייא אונ טענין אז מען האט זייא גימאכט דעם אומגליק, אונ זאגן ניט אז זייא האבן זיך דם אליין גימאכט, האט דער סלעדאוואטעל גישריגן.

ר' מרדכי הט זיך גשטארקט מיט זיינע אלע קרעפטן, אונ הט זיך אנגערופן, גאספאדין סלעדאוואטעל איר מעגט פרעגין אין די גאנצע שטאט אוף מיר צו וועט אימצער זאגן אז איך האב אמענטשן אפ גינארט, איך שוועהר אייך בייא מיין לעבן אז איך וויים ניט דער פון, עס איז נעכטן בייא מיר גוועהן איינער, אונ ער הט זיך גזאגט אז ער איז אסוחר, ער הט אוס גקליבין פאר ניין טויזענט רובל סחורה אונ הט מיך גיבעטן אז איך זאהל געבן דיא סחורה צו איהם אופן קוואטיר ער זאל דם קענען גוט בעטראכטן, איך האב איהם גגעבן דיא סחורה אונ אין דרייא שעה ארום הט ער מיר אפ גיבראכט צוריק אונ הט גזאגט אז עס איז איהם אן גקומען אבריף אז ער זאל ניט קופין:

איר קענט דם אוף ווייזן מיט עדות? הט איהם דער סלעדאוואטעל גיפרעגט, אז יענער הט דם אייך פאר ביטין, אז ער הט בייא אייך גיהאנדילט אונ הט אפ גבראכט צוריק, קען איך אייך גלייבן אבער צוא האט איר עדות אז ער הט אייך גגעבן פאלשע פאר גוטע, איין אנדערין קען מען דם אפ נארין, אבער ניט אייך, איבער אייערע הענט איז שון עפעס אריבער גגאנגען גאלד מיט זילבער, אז מען וועט אייך געבן פאלשע וועט איר ניט דר קענען, מיא קען שון אייערע ברידער, איך וועל ערשט צו נעמען דיא גאנצע סחורה אין פאליציי, דארט וועט מען איבער זעהן וואסערע עס איז גוט וועט מען אייך אין אפאהר טעג אפ שיקין צוריק, אונ דיא פאלשע וועט גיין צו דער דיעלא, איר זענט שון גיארעסטירט, איר וועט נאך גיין מיט מיהר צו אייער הויז, אונ איך וועל דארטן אויך מאכען איין אביסקע, אונ איך וועל נאך קריגען אייערע גיצייג מיט וואס איר מאכט דאס, ער האט גיהייסן דעם פריסטאוו אז ער זאל אריין רופן פיאנאוטיעס אונ ער זאל פאר נעמען דיא גאנצע סחורה.

ר' מרדכי איז גשטאנען אונ הט גגאסן מיט טרערין וויא אקליין קינד, אט וואס מיר איז צו גקומען, הט ער צו זיך גירעדט, איך האב אפ גיהארעוועט אזו

פיל יאהר ביז וואנען איך האב איין גיפיהרט אזא גרוסען גישעפט , קומען ערשט מענטשן און ראספראזייען זיך אוף מיין גוטס און מיא טוט וואס מיא וויל, אונ איך דארף שטיין דר בייא אונ צו זעהן מיט מיינע אוגין :

וואס שווייגט איר , הט זיך יאזעף אנגערופן , פאר וואס שטעלט איר ניט ר׳ חיים שטיינוואס פאר איין עדות, ער הט דאך אליין גבראכט צוא פיהרין אהער דעם מערדער , וועט ער זאגן אז דס איז יענעמס פאלשע אונ ער האט דאס אונז פאר ביטען :

איך קען ר׳ חייםען גאנץ גוט הט ר׳ מרדכי גיענטפערט , ער וועט ניט זאגן אזא זאך וואס ער ווייסט ניט , ווען ער זאל וויסען אז דר אורח זיינער איז ניט קיין סוחר גאר א מערדער וואלט ער איהם אהער ניט גיבראכט . איך קען שווערן אז ער ווייס דער פון גאר ניט , ער הט דאך דער צײלט אז ר׳ שמואל פיינבערג האט איהם רעקאמענדירט צו מיר , גלייבסטו אז ר׳ שמואל זאל שיקען א מענטשן וואס זאל אונז אומגליקליך מאכן , עס איז ניטא וואס צו רעדן , עס איז גאנץ שלעכט , איך ווייס גאר ניט וואס פאר איין עצה גיט מען זיך דא ערשט , וויא אזו איך זאל זיך דא ארוס ראטעווען פון דעם אומגליק , מלכה מיט דיא קינדער וועלן דס גאר ניט קענען אריבער טראגן , איך וועל דס ניט דער האלטן איך קען גאר ניט צו גיין אקוק טאהן וויא זייא רוימען די סחורה :

קומט העריר פרידמאן , הט דער סלעדאוואטעל גזאגט , מיר וועלין גיין צו אייך אהיים , די סחורה האב איך שון פאר פעצאטעוועט , מיא הט צו גרופען אזוואשציק אונ דער פריסטאוו איז אוועק גפאהרן מיט די סחורה אין פאליציי , דר סלעדאוואטעל הט גהייסען דיא סאלדאטן אז זייא זאלן נעמן ר׳ מרדכין און זייא זאלן פיהרן צו איהם אהיים , מיא הט ארוס גיפירט ר׳ מרדכען פון דעם קלייט , די אויגין זענן בייא איהם גוועזן פאר שטעלט פון די טרערן וואס הט ניט אוף גהערט צו גיסען ער הט ניט גזעהן וויא צו גיין :

יאזעף האט איהם גיפיהרט אונטערן האנד , די סאלדאטן זענן גגאנגען ארום איהם , דר סלעדאוואטעל איז מיט זיי גגאנגען צו ר׳ מרדכין , דס איז אייך בעוואוסט ליבע לעזער , אז דס איז איין גיפיהרט אין דיא ליטווישע שטעדט אז עס טרעפט עפעס איינעם , לופען אלע נאך אונ מען וויל זעהן וואס דס איז , אז עס טרעפט איינעם אגליק לופט קיינער ניט קוקין וואס וועט מען לופין זעהן וויא יענעם גייט גוט ? זאל נאך קרענקען דס הארץ זעהן וויא יענעם האט גטראפן אגליק , ווען לופט מען , אוף יענעמס אומגליק , מיא לופט צו אפאזאר זעהן וויא יענער ברענט אונ מיא שטייט פון ווייטן אונ מיא העלפט גאר ניט ראטעווען , מיא זעהט איינעם גייענדיג וואס דיא גידאנקען האבן זיך איהם איבער גיקערט , לופין אלע נאך זעהן וויא יענער איז משוגע , איעדערער שטייט פון ווייטן אונ לאכט אונ מיא בערעכינט ניט אז יענער איז אין הערינען ניט שולדיג וואס דער מוח איז בייא איהם געריהרט גווארן , אזו וויא מיר זעהן בייא דעם אומגליקליכען ר׳ מרדכען וויא מיא הט איהם געפיהרט מיט דיא סאלדאטן איבערן גאס , איז ווער עס האט דער זעהן איז נאך גילאפן , מיא איז נאך פאר לאפין פריהער געבין זיין הויז , ווארטענדיג ביז וואנען מיא הט איהם צו גיפיהרט צו זיין הויז , און איעדערער הט גזאגט זיין מיינונג , אונ אוף וואס מיא פיהרט איהם אהיים , דער הט גזאגט אז ערשט פאר שטייט

מען

מֶען פוּן וַואנֶען עֶר אִיז אַזוֹ רַייךְ, עֶפֶּעס אַקְלֵיינִיקַייט אַז מִיא פַּאר קוֹפְּט פַּאלְשֶׁע שְׁטֶעטֶענְדִיג פַּאר גוּטֶע, אַנְדֶערֶע הָאבְּן גְזָאגְט זַייעֶר מֵיינוּנְג, אַז עֶרְשְׁט אִיז שׁוֹן גָאר קֵיין חִידוּשׁ נִישְׁט וָוס עֶר הָט אַזוֹ פִיל גְגֶעבְּן אוֹיף אָרוּהְמֶע קִינְדֶער אוּנ אוֹיף גִימְנַאזִיסְטִין, אַז בַּייא אִיהְם אִיז גְרִינְגֶע גֶעלְט, דִיא הָאבְּן גְזָאגְט אַז דָס וָוס מִיא פִיהְרְט אִיהְם אַהֵיים, וֶועט מֶען צוּ נֶעמֶען דֶער וַוייבּ מִיט דִיא קִינְדֶער אוּנ מִיא וֶועט זַייא אַלֶעמֶען אַיין זֶעצְין אִין אַסְטְרָאג. בַּייא ר׳ מרדכען אִין הוֹז הָאבְּן זַייא נָאךְ גָאהְר נִיט גְיוואוּסְט פוּן זַייעֶר אוּמְגְלִיק, מלכה אִיז גְזֶעסְן מִיט רָאזֶען אַרוּם טִישׁ אוּנ הָאבְּן גְטְרוּנְקֶען קַאוֶוע, סאלאמאן אִיז גְזֶעסְין אִין זַאלל אוּנ הָט גִילֶעזְן אַבּוּךְ, עֶר הָט דֶער זֶעהְן דוּרְךְ דֶעם פֶּענְסְטֶער וִויא מֶענְטְשְׁן לוֹפִין אוּנ מִיא שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּ נֶעבְּן זַייעֶר הוֹז, אִיז עֶר אַרוּם גְגַאנְגֶען פוּן זַאלל, עֶפֶּעס לוֹפְט מֶען זַייעֶר אִין גָאס. קוּם רָאזֶע, דוּ וֶוייסְט אַקוּק טָאהְן:

וָוס וֶועט אִיר גֵיין, הָט זִיךְ מלכה אָנְגְרוּפְן, עֶס אִיז בַּייא אַייךְ אַנָאוִוינְגֶע אַז מִיא לוֹפְט דָא? זַייא הָאבְּן אַוַודַאי דֶער זֶעהְן אַמְשׁוּגֶענֶעם, לוֹפְן זַייא נָאךְ, אִיךְ וֵוייס נִיט וָוס לוֹפִין זַייא, זַייא וֶועלְן דֶען עֶפֶּעס הֶעלְפִין יֶענֶעם, זַייא לוֹפִין נָאר זִיךְ אָן לַאבִין פוּן יֶענֶעם וָוס יֶענֶער אִיז אוּמְגְלִיקְלֶעךְ.

אִין דִיא רֵייר הָט זִיךְ אוֹיף גִיעֶפִינְט דִיא טִיר אוּנ עֶס אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען דֶער סְלֶעדָאוַואטֶעל אוּנ זַייא הָאבְּן דֶער הֶערְט רֵייר מִיט גִיוֵוין פוּן ר׳ מרדכים שְׁטִימֶע. וֶוער ווַייסְט וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹן דָאה זַיין נָאךְ אַמָאהְל.

זַייא הָאבְּן אָן גְהוֹבִּין לוֹפִין צוּם טִיר אוּנ הָאבְּן אִיהְם אַרַיין גִיפִירְט אוּנְטֶער דִיא הֶענְד:

טַייעֶרֶע קִינְדֶער מַיינֶע! הָאט עֶר אוּם גִישְׁרִיגְן אוֹיף אַיָאמֶערְדִיגֶע שְׁטִימֶע, אִיךְ צוּ זֶעגִין זִיךְ שׁוֹן מִיט אַייךְ, וֶוער ווַייסְט וֶוען אִיךְ וֶועל אַייךְ נָאךְ אַמָאהְל זֶעהְן.

סאלאמאן אִיז גְבְּלִיבְּן וִויא פַּאר שְׁטֵיינֶערְט פוּן שְׁרֶעק.

מלכה מִיט רָאזֶען הָאבְּן אוּם גְשְׁרִיגֶען, וָוס אִיז דָס אוּנְז צוּ גְקוּמֶען! אַיין אוּמְגְלִיק הָט אוּנְז גְטְרָאפִין:

וָוס אִיז דָס גְוֶועהְן הַיינְט בַּייא דִיר? הָט מלכה גִיפְרֶעגְט.

מַאדַאם פרידמאן, הָט דֶער סְלֶעדָאוַואטֶעל גְזָאגְט גִיט מִיר דִיא שְׁלִיסְלֶען פוּן אַייעֶרֶע קַאמָאדִין.

אִיר מֶעגְט זוּכֶען, הָט זִיא גִיעֶנְטְפֶערְט אִיר וֶועט בַּייא אוּנְז גָאר נִיט גִיפִינֶען, נַא דִיר סאלאמאן דִיא שְׁלִיסֶעלַאךְ אוּנ גֵייא עֶפִין זַייא אוֹיף דִיא שַׁאפֶּעס מִיט דִיא קַאמָאדִין.

דֶער סְלֶעדָאוַואטֶעל אִיז אַוֶועק גְגַאנְגֶען מִיט סאלאמאנען אִיבֶּער דִיא צִימֶערְן מַאכְן אַיין אָבְּיסְקֶע.

זָאג מִיר וָוס זוּכְט מֶען דָס בַּייא אוּנְז? הָט מלכה גִיפְרֶעגְט.

ר׳ מרדכי הָאט זִיךְ אַנִידֶער גִיזֶעצְט אוֹיף אַשְׁטוּל אוּנ גְהַאלְטְן אַרָאפּ גְלָאזְן דֶעם קָאפּ אוּנ הָט שׁוֹן נִיט גִיהַאט קֵיין קְרֶעפְטִין צוּ וֵויינֶען.

נֶעבִּין אִיהְם אִיז גְשְׁטַאנֶען יאזעף מִיט ראזען אוּן טְרֶערִין הָאבְּן בַּייא זַייא גִיפְלִיסְט, מִיא זוּכְט דָא אַמַאשִׁין, הָט יאזעף זִיךְ אָן גְרוּפֶען, מִיט גִיצַייג מִיט וָואס מִיא קֶען מַאכִין פַאלְשֶׁע גֶעלְד מִיט זִילְבֶּער.

אִיר ווַייסְט מלכה אַז דֶער אוּמְגְלִיק הָט זִיךְ אוּנְז גִינוּמֶען דֶער פוּן, אַיינֶער עֶפֶּעס

איאקאב

איאקאב פעלדמאן גאר ניט קיין היענער איז גקומען נעכטן צו אונז אונ׳ער הט אום געקליבען סחורה, ער האט קיין צייט ניט גהאט צו בעטראכטין, האבן מיר איהם גגעבן דיא סחורה צו איהם אופין קוואטיר ער האט זייא אפ גיבראכט דער נאך צוריק, אונ ער האט פאר ביטין אוף פאלשע מיר האבן זיך גאר ניט ארום גזעהן.

איר זענט אליין שולדיג אין דעם אומגליק, הט זיא זיך אנגרופן, וויא גיט מען דם אמענטשן סחורה וום מיא קען איהם ניט?

מיר האבן אוף איהם אליין ניט גיטרויט, הט יאזעף גיענטפערט, מיט איהם איז גקומען ר׳ חיים שטיינוואס, וועד זאל זיך ריכטן אוף דערוף, עס איז אנאווינע אז איינער נעמט סחורה אן געלט.

דער סלעדאוואטעל איז אריין גקומען, הערר פרידמאן, איר הט גוט באהאלטן אז מען זאל ניט קענען געפינען, איר זאלט אום זאגין וואלט אייך זיין אסאך גרינגער דער סוד.

איך זעה דאך אז קיין רייד העלפט מיר שון ניט, הט ר׳ מרדכי זיך אנגרופן, איך בין דאך בייא אייך ניט בעגלייבט, איך בין דאך אין אייערע הענט איר קענט מיט מיר טאהן ווס איר ווילט.

דער קלעדאוואטעל הט אוף גשריבין איין פראטאקאל אונ ער הט גהייסן דיא סאלדאטין אז זייא זאלן ר׳ מרדכען אוועק פיהרן אין אסטראג.

זייא האבן אלע אום גישריגען מיט איאמערדיגע שטיממע, מיר וועלן דם ניט דער האלטען.

מלכה הט זיך גשלאגן מיטין קאפ אן וואנט, ראזע הט גיריסען פון זיך דיא האר פון קאפ, כאלאמאן איז ארוף גיפאלן ר׳ מרדכען אופין האלז, פאטער, דוא גייסט ערשט אוועק אין איין פינסטערן ארט, ווס וועלין מיר דא טאהן, מיר בלייבן ערשט אזו וויא אשיף אהן ארודער.

דיא סאלדאטן האבן איהם שון מעהר ניט גלאזט שטיין, זייא האבין אפ גיריסן פון איהם כאלאכאנען מיט יאזעפין, ווס זייא האבן איהם גהאלטן ארום גנומען אונ זייא האבן איהם אוועק גיפיהרט אין אסטראג.

אך וויא שלעכט איז דעם מענטשן ווס ער פאלט אריין פון רייכטהום אין איין אומגליק אונ דארף מיט אמאהל צו אלץ גיווינט ווערין, מען הט אריין גיפיהרט ר׳ מרדכען אין אסטראג אין אפינסטערע קאמער ווס הט מעהר ניט אריין גישיינט דיא שיין דורך אקליין שייביל, ער הט אן גהובן צו זוכען איין ארט וואו צו זעצין זיך אדער צו לייגין זיך, הט ער אנגיטאפט אטאפצאן ווס אוף איהם איז גילעגן אזאק מיט שטרוא, ער איז צו גגאנגען צום טיר ער זאל קענען זעהן דיא שיין דורך דר קליין שייבער, ער הט צו זיך אליין גירעדט, אך, צו ווס איך בין גקומען, אז דער טאפצאן זאל זיין מיין גילעגער, אונ איך זאל נישט קענען זעהן דיא שיין פאר זיך, אונ איך זאל דם דארפן גיווינט ווערין דער צו, ניין איך פיהל זיך אן זיך נישט אז איך זאל דם קענען אריבער טראגן, געוואלד, וואס איז דאס היינט פאר אמענטשן, ווס איז דם היינט פאר אוועלט, מיא זעהט וויא איינער טרענקט זיך אונ מען דער לאנגט ניט קיין האנט אוף ארום נעמען, מיא זעהט וויא איינער ברענט, קיינער וויל ניט ראטעווען, מיא זעהט וויא איינער פאלט, קיינער וויל איהם ניט אוף הייבין, אך וויא שלעכט דם איז, איך וועל דם ניט דער האלטין, איך

פיהל

פיהל וויא מיינע כוחות גייען מיהר אויס . איך קען ניט איין שטיין אויף דיא פיס איך מוז גיין זיך צוא לייגין אויף דעם פינסטערין גילעגער . איך וועל מיך דא אליין מאכין איין עק פון מיין לעבן , וועל איך דאך זיך פאר שפארין מוטשען .

ניין איך טאהר דס ניט טאהן מיין ווייב מיט מיינע קינדער זייא האפין אז זייא וועלן מיך ארום נעמען פון דאנין , אונ איך קען נאך האפין אז איך זאל פון דאנין ערלייזט ווערן , ער איז צו גנאנגען צום טאפצאן אונ הט זיך צו גילייגט אויפין זאק מיט שטרוי אונ ער הט ניט געקענט איין ליגין :

דאס געמליכעה בייא איהם אין הוז האבן דיא אומגליקליכע פאמיליע ניט געקענט רוהען .

מלכה איז אום גילאפן אין גאס פרעגן עצות , ראזע איז גילעגן אין בעט דיא קאפ פאר בונדען וואס זיא האט ניט געקענט ארום גיין פון עגמת נפש , נעבין איהר איז גיזעסן סאלאמאן מיט יאזעפין זייא האבן גיקלערט ווס הט מען גיהאט צו זייא אומגליקליך צו מאכן .

איך וויים ניט ווס דס איז , מיר האבן קיין שונאים ניט , הט זיך סאלאמאן אנגרופן , מיר טוהען קיינם קיין שלעכץ נישט , ווער קען צו אונז האבן אז מען זאל אונז זיין אזוי אשונא , עס איז אנדערשט ניט אז עס איז גוועהן אמשעניק וואס ער האט גימיינט אום נארין פאר גיין טויזענט קערבלאך סחורה דעריבער האט ער פאר ביטין :

דס קען ניט זיין , הט יאזעף גזאגט , ווען ער זאל גאר מיינען אויס נאהרין וואלט ער זיך גוועהן בענוגענען דער מיט ווס ער האט אריין גיקריגן צו זיך דיא סחורה , צו וואס הט ער נאך גידארפט אונז מאסערן , מיא קען דא גאר ניט פאר שטיין , עס ווייזט אוס אז דאס איז אשונא וואס ער הט נאר גימיינט מאכן איין אומגליק , עס איז עפעס ניט גלאט , מיא זעהט וויא דער אומגליק הט זיך היינטיגע וואך אנגהובן צשעפין צו אונז , דס איז דאך אנארישקייט , מיר הט זיך היינטיגע וואך אוך גימאכט איין עגמת נפש מיא הט בייא מיר צו גיגאנבעט מיין פאלטאה , דס איז דאך אנאהר נישט און מיר רייסט זייער דס הארץ אויף דערויף , מיר הארט ניט אזוי אופין פאלטאה , וויא מיר הארט אופין בריף ווס ראזע הט צו מיר גישריבן איז גילעגן דארט אין אקעשענע אונ ווער ווייסט אין וואסערע הענד קען דער בריף נאך אריין פאלן אונ ווס עס קען נאך דער פון ארום קומען :

וועלכען טאג האט מען בייא דיר דעם פאלטאה צו גיגאנבעט ? הט סאלאמאן גיפרעגט :

איך וויים אליין ניט האט ער גיענטפערט . איך האב זיך ערשט היינט אין דער פריא ארום גזעהן , דס הט מען דאך ניט צו גינומען אז איך בין גוועזן , אז איך גייא אוועק איז דאך דער נומער פאר שלאסן , איך וויים גאר ניט וועמען איך זאל דאס חושד זיין , עס איז נאר גוועזן בייא טאג , אין דער פריא און אויף דר נאכט טרעהט איך ניט ארום פון נומער וויא איך פאר שליס איהם ניט , בייא טאג אז איך גייא עסן מאכט זיך אמאהל אז איך חאפ זיך אראפ עפעס קופין לאז איך דעם נומער איין אפ גישלאסענעם ווייל איך הייל זיך זייער .

אין דיא רייד הט זיך אויף גיעפינט דיא טיר , אונ עס איז אריין גקומען מלכה פון גאס , קינדער עס איז גאנץ שלעכט , איך בין איצט גוועזן ביין טאוואריש

פראקוראר

פראקוראר איך בין איהם גיפאלן צו דיא פיס איך האב גיוויינט עס הט גאר ניט גיהאלפן, ער זאגט אז מיא וועט איהם ניט ארוס לאזין אוף פארוציטעלסטווא. עס איז גאר ניטא צו וועהמן מיא זאל דא גיין פרעגן איין עצה וויא אזו מיא זאל זיך ראטעווען פון דעם אומגליק, מיר האבן גהאט איין גוטין פריינד דעם ראבינער איז ער שון אויך ניטא, קיין גוטעס זאלין זייא ניט האבן דיא וואס האבן איהם גמאכט פאר אום ראבינער:

דו ווייסט סאלאמאן וואס בייא מיר איז גיבליבן אז דו זאלסט שון נאך היינט געמען פאקירין און פון אווינד אוועק פאהרן אין גובערניע, דארטן איז דא אפאלאטעה איין איבער פראקוראר, עס געפינען זיך גרויסע אדוואקאטן וועסטו דארטן זעהן מאכן אז מען זאל איהם דער וויל ארוס לאזין אוף פארוציטעלסטווא, אביא מיא זאל איהם נאר ארוס לאזין, וועט מען שון נאך דעם שטעלין איין אדוואקאט אז מען זאל ארוס ריין פון דער דיעלא:

דאס איז גאנץ גלייך הט סאלאמאן גיענטפערט, איך נעם זיך שון גרייטן אין וועג ווארום עס איז שון באלד נאכט.

דו יאזעף, האט זיא זיך אנגירופן דו זאלסט קומען אהער אלע טאג גלייך וויא דו דארפסט גיין אין גישעפט מן הסתם וועט אונז גאט העלפין מיא וועט דאך אין אפאר טעג ארוס אפ געבן דיא סחורה צוריק וועסטו זיצן אין קלייט.

סאלאמאן איז אוועק גגאנגען אין זיין צימער אוף קלויבן וואס ער הט גידארפט האבן אופין וועג, ער הט גנומען אצעמאדאן אונ הט גשטעלט זיך איין פאקירין זיינע זאכין, עס איז שון באלד נאכט הט ער צו זיך גירעדט, בלומה מוז שון מיר ערוואטן, איך וועל גיין זיך גיזעגענן מיט איהר, ער הט אלס צו גיגרייט אונ ער איז אוועק גגאנגען אונטערן שטאט ער איז גקומען אופן ארט וואו בלומה פלעגט איהם ערווארטן אונ ער הט איר ניט גטראפן, ער איז ארום גגאנגען אופין פעלד הין אונ צוריק, עס קען זיין אז זיא וועט באלד קומען האט ער צו זיך גירעדט, איך וועל דא ערווארטן אוף איהר נאר איך קען גאר ניט איבער קלערן וואס קען דם זיין וואס זיא איז נאך ניטא, אלע טאג אז איך קום טרעף איך איהר שון דא אין דער צייט, דיא מינוט איז מיר צו גרוס מיך שרעקט עפעס זייער דם הארץ וואס זיא איז נאך ניטא איך וועל צו גיין צו דער נייטארין אונ זעהן וואס דארט טוט זיך, אפשר איז זיא פאר נומען אין דער ארבייט, עס הט איהם ניט גלאזט רוהען, ער איז אוועק גגאנגען צו דער נייטארין וויא שווער עס וועט מיר זיין דער צו שיידין זיך מיט איהר, הט ער צו זיך גזאגט, איך וייס גאר ניט וויא אזו איך וועל דאס קענין איבער לעבן דיא עטליכע טעג וואס איך וועל זיך ניט זעהן מיט בלומען, יעדען טאג צייל איך דיא מינוטן ביז וואנען עס ווערט נאכט איך זאל זיך קענען זעהן מיט איר, היינט דארף איך אוועק פארין פון איהר אונ ווער ווייסט וויפיל עס קען דיא וועג גידויערן, איך קען מיר גאר ניט קיין עצה געבין וואס איך זאל איר זאגן אוף וואס איך פאהר אוועק, אז זיא וועט זיך דער וויסין פון דעם אומגליק וועט זיא דאך האבן גרוס עגמת נפש דער פון, איך וייס גאר ניט וויא אזו איך וועל זיך קענען מיט איר גזעגענן בייא דער נייטארין אין הוז וואס פאר אתירוץ קען איך זאגן אז איך וועל אריין גיין, ער איז גקומען צו דעם הוז פון דער נייטארין ער הט זיך גשטעלט אנטקעגן פענסטער זעהן צו זיא איז דא, הט ער גזעהן פיל מענטשן אין זאלל, אין

נוחמה

נוחמה שטייט אונ ברעכט מיט דיא הענד, אה, דא הט עפעס גיטראפין! האט ער אום גישריגן, גאט ווייס ווס דא איז ער הט אנגיהובן גיין צום טיר, איז ארום גגאנגען אדאקטער, מיר שרעקט דם הארץ, הט ער צו זיך גירעדט הלוואי זאל זיין צו גוטעס ווער ווייסט ווער דא איז קראנק גיווארין ער איז אריין גגאנגען.

אט איז ר' מרדכים זאהן, הט נוחמה זיך אנגירופן איר זאלט זעהן וואס דא האט אונז גיטראפין, איך בין געקומען פון גאס האב איך דאה דער ציילט וויא בייא אייך האט זיך גטראפין איין אומגליק, וויא איך האב אויס גירעדט אזו איז בלומה חלשות גבליבן עס איז שון פיר שעה אונ מיא קען איהר אלין ניט אפ כינטערן, אז זיא הט גגעבן אפאל הט זיא אום גשריגן די ווערטער, איך קען שון ניט לעבן ווער ווייסט ווס עס טוהט זיך מיט איהם, סאלאמאן, סאלאמאן! אונ מיא קען ניט פאר שטיין ווס דם איז, איך האב שון גבראכט אדאקטאר אט ערשט איז ער אוועק גגאנגען פון דאנען.

סאלאמאן איז גשטאנען אונ ער הט ניט גקענט רעדן, ער הט זיך גשטארקט איין האלטן דיא טרערן זאלין ניט גיסין, אז זייא זאלין ניט וויסן ווס דם איז, מיט זיינע לעצטע קרעפטן הט ער אום גירעדט, וואו ליגט זיא.

זיא ליגט אין מיין צימער, הט נוחמה גיענטפערט, קומט אין צימער אריין, לאזט צו גיין צום בעט, הט נוחמה זיך אנגרופן צו דיא ווייבער ווס זענן אן גילאפן פון גאס און זענן גשטאנען ארום איהר.

סאלאמאן איז צו גגאנגען צום בעט ער הט אקוק גטאהן אוף איהר וויא זיא ליגט פאר טראגן, איהרע שיינע האר איז גוועהן צו ווארפן דיא אוגן זענען בייא איהר גוועזן צו גמאכט. פון איהר קלאהר ווייסן שטערן הט גיקאפעט אשווייס, ער הט אנגינומען איהר ווייס זילבערנע האנד, בלומה וואס איז דיר גווארן, הט ער גזאגט מיט אוויינידעגע שטימע, און טרערן האבן בייא איהם גיפלייצט, זיא הט אוף גיעפינט איהרע אוגין.

וואס זעה איך האט זיא ארום גירעדט, סאלאמאן איר זענט דאה, און זיא הט זיך גוואלט אוף זעצין און זיא איז צוריק גפאלן, דיא אוגין זענן בייא איהר גווארן צו גמאכט.

ווס הט דר דאקטער גזאגט מיא זאל דאה טאהן? הט סאלאמאן גיפרעגט נוחמה'ן.

ער הט גזאגט אז עס איז איהר גקומען פון אדערשרעקעניש, הט זי גענטפערט, ער האט פאר שריבן ארעצעפט ער האט גהייסען אז מיא זאהל איהר שטעלין פיאווקעס.

איר הט דאך גהערט נוחמה פון דעם אומגליק ווס בייא אונז הט גטראפן זענן זייא אלע צו טראגן, אז מען וועט גישט קענען קומען צו איהר גוואר ווערין, אונ איך פאהר באלד אוועק, זיא איז דאך איין עלענדע קיין פריינד הט זיא ניט אז מען זאל אוף איהר אכטונג געבן, נאט אייך פינף און צוואנציג רובל, איר זענט דאך ערשט איהר מוטער בעט איך אייך אז איר זאלט איהר אפ היטן, און דער דאקטאר זאל גיין אלע טאג ביז וואנען גאט וועט העלפין אז זיא וועט געזונד ווערן, איך בעט אייך אז איהר זאלט איהר זיין טרייא וויא אמוטער, איר זאלט אפ היטן וואס דער דאקטאר וועט הייסן, זייא געזונד בלומה, האט ער זיך אנגרופן צו איהר, אונ הט גיוושט דיא טרערין ווס האבן בייא איהם גגאסן.

בלומה

בלומה איז געלעגן פאר טראגן אונ זיא הט איהם ניט גקאנט ענטפערן, זייט געזונד נוחמה, איך בעט אייך אז איר זאלט פון איהר דעם רחמנות ניט אפ טאהן.

פאהרט געזונטער הייט, הט נוחמה איהם געענטפערט ארום גייענדיג פון טיר, זייט רוהיג, איך האלט איהר תמיד וויא איין אייגן קינד.

ווען עס וואלט בייא זייא ניט זיין קיין גרינג געלט, האט זיא צו זיך גרעדט, וואלט ער זיך אזוי ניט גוואָרפן מיט אפינף און צוואנציגער.

סאלאמאן איז אוועק גגאנגען אין פאצט אונ הט גהייסן שפאנען פערד ער איז צו גפאהרן צו זייער הויז.

מלכה הט דער הערט אז מען איז צו גפאהרן איז זיא ארום גגאנגען זעהן ווער עס איז גקומען, אפשר עפעס ווייטער, הט זיא צו זיך גירעדט, ארום גייענדיג הט זיא דר זעהן סאלאמאנען.

איך בין שוין גרייט אונ איך פאהר שוין, הט ער זיך אנגרופן.

איך האב גאר ניט גוואוסט וואס איבער צו קלערן הט זיא גזאגט, וואו הין דו ביסט אוועק גגאנגען, פאר וואס האסטו מיהר ניט גזאגט אז דו גייסט אין פאצט, וואס איז בייא דיר דיא אויגן פאר וויינט, דו וועסט עפעס העלפן מיט דעם וויינען צו דעם אומגליק, לאז שוין זיין גינוג צו וויינען, פאהר און סטארע זיך און גאט זאל זיין צו הילף.

סאלאמאן הט גינומען זיין רייזע זאק און ער איז ארייין צו ראזען אין צימער, זייא געזונד ראזע זייא געזונד מוטטער און דו יאזעף וועסט פאהרן מיט מיר באלייטן, פאהר געזונטער הייט גאט זאל העלפין אז דו זאלסט אונז אלעמען ברענגען די הילף הט ראזע גיענטפערט, אז אונזער פאטער זאל ערלייזט ווערן.

סאלאמאן מיט יאזעפין זענן ארום גגאנגען אונ האבן זיך גזעצט אין וואגין אונ זייא האבן גהייסן דעם פאטשטאליאן פאהרין.

דו ווייסט יאזעף, אז מיין בלומה איז דאך גאנץ שלאף זיא הט זיך איבער גשראקען פון דעם אומגליק וואס זיא הט געהערט, איך ווייס גאר ניט וויא אזוי איך וועל איבער לעבן דיא צייט וואס איך וועל זיך פאר זאמען, איך לאז איר דא איבער אזוי קראנק, אז איין גאט זאל זיך איבער איהר דער בארעמען, איך בעט דיך יאזעף אז דו זאלסט גיין אלע טאג צו איהר גוואר ווערן, איך האב דיר שוין דער ציילט וויא עלענד זיא איז, איך האב גלאזן ביי דר גייטארין פינף און צוואנציג רובל פאר איר אז מען זאל טאהן וואס דר דאקטאר וועט הייסן, אז דו וועסט גיין אהין זאלסטו זאגן אז מען הט דיך געשיקט פון אונז אפשר וועט זיא דיר זאגן אז מען דארף האבן נאך געלט, זאלסטו געבן, אביא זיא זאל איהר היטען. איך וועל גיין צו איר אלע טאג, הט יאזעף גיענטפערט, יעדער מענטש איז מחויב צו העלפן דעם אנדערין מיט וואס מיא קען און בפרט דעם מענטשן וואס איז קראנק, דו דארפסט זיין רוהיג, עס מאכט זיך אמאהל אז א מענטש שרעקט זיך איבער, עס וועט איבער גיין, זייא זענן גקומען אונטערן שטאט זייא האבן גהייסן דעם פאטשטאליאן ער זאל זיך שטעלן, יאזעף איז אראפ גגאנגען, פאהר געזונטער הייט סאלאמאן און זארג ניט גאט זאל העלפן אז דיין פאהרן זאל זיין אנגילייגט, דער פאטשטאליאן הט אטרייב גטאהן דיא פערד, זייא געזונד יאזעף הט סאלאמאן נאך גשריגן:

צווייטע טהייל

14.

דיא אלטע גוטע פריינד

דיא האפענונג שטארקט דעם מענטשן אין אלע שלעכטע צייטן, ווען דר מענטש ווערט פון זיין גרוס רייכטהום פאר ארימט און דיא ארמוטה שטארקט זיך אלע טאג איז דער גאנצער טרייסט זיינער דיא האפענונג וואס ער האפט אז עס וועט איהם בעסער ווערן, אזו וויא מיר זעהן ביא ר' שמואל פיינבערג, וואס ער איז שון בעקאנט אין אונזער געשיכטע, מיר וועלן דיא לעזער פריהער בעקאנט מאכן מיט ר' שמואלין אין וואס פאר אלאגע ער איז פריהער געוועזן. ער איז שון געוועהן איין אלטער מאן פון פינף און זיבעציג יאהר, מיט דר ערשטער פרוי האט ער גהאט צוויא זין, ער האט זייא געוואלט לאזן בילדין, נאר דיא פרוי זיינע איז געוועזן זייער אפאנאטישע האט זיא זיך דער פאר מיט איהם גיגעט, אונ זיא האט צו גנומען דיא צוויא זין צו זיך אז ער זאל זייא ניט מאכן פאר סטודענטן, זיין געשעפט איז געוועזן ער האט געהאנדילט מיט תבואות, פון דער פון איז ער געוועזן בעקאנט מיט אלע פריצים ארום זיין געגענד, דער גראף לאפיצקי האט איהם דער קאנט פאר איין ערענטליכען מאן, האט ער איהם געבעטן אז ער זאל זיך בעזעצן אין זיין הויף ווינאוו אונ ער וועט איהם איבער געבן דעם הויף אויף זיינע הענד אז ער זאל זיין דר גאנצער בעל הבית ער האט חתונה געהאט מיט זיין אנדערע פרוי לאה, ער האט זיך בעזעצט אין דעם הויף ווינאוו, ער איז געוועזן ביא לאפיצקין דער גאנצער פיהרער, ער האט געלעבט זייער רוהיג ער האט געהאט מיט זיין פרוי פיר קינדער ער האט זייא געבילדעט אויף דער ערשטער שטופע, נאר דיא צייט מאכט דעם מענטשן רוהיג, אונ זיא מאכט איהם אומרוהיג, אופין גאם איז געוועזן חמארנע ארעגן האט גימראקעט, דיא זון האט זיך געטיקט אין וואלקען זיא האט זיך געוויזין אונ איז פאר גאנגען.

ביא ר' שמואלין אין הויז איז דער רוהיגער לעבן געווארן אומרוהיג, זיינע זאלין וואס זענין געוועזין אום גיפוצט מיט דיא טייערסטע מעבל זענען געווארן ליידיג וואס מיא האט זייא פאר קויפט צו ביסלאך ווייס אויף צום לעבן ער איז געזעסן מיט זיין פרוי אין דעם פארערשטן צימער ארום זייא זענן געזעסן זייערע פיר קינדער.

איך ווייס ניט וואס וועלן מיר שון היינט טאהן, האט זיא זיך אנגערופן, דו האסט מיך ניט געפאלגט אז איך האב דיר געזאגט וויא עס האט זיך אנגהויבן דער מאטעז, אונ לאפיצקי האט פאר לאזן דעם הויף אונ איז אוועק, האבן מיר בעדארפט באלד ארוס פאהרן פון דאנען, ערשט איז אונז געקומען אז מיר זאלן גיין אין די הייזער,

דיא

דיא קינדער זיצען שון אזו אצייט אין דער היים און עס איז ניטא מיט וואס צו צאהלן אין געמנאזיע, מיא גייט נאקעט און בארוועס מיא האט שון פאר קופט פון זיך דיא לעצטע העמד, איך ווייס שון ניט וואס פאר איין עצה מיא גיט זיך אויף דעם היינטיגן טאג, אז מען זאל עפעס האבן וואס אויף קאכען, שון ארום איינם אזייגער אוואדע, און מיא האט נאך קיינער ניט אן גיביסן עס איז אפילו ניטא קיין שטיקל ברויט אין שטוב עס איז גקומען אז מיר זאלן אום גיין פון הונגער, מיט אונז וויא עס מאכט זיך איז רעכט, אויף דיא קינדער איז דאך אגאנטס רחמנות זייא וועלן דאך דאס ניט דר האלטן.

וואס קען איך העלפן, האט זיך דער אלטער ר' שמואל אן גרופן, איך האב גטאהן אפעהלער איז דאך דאס שון פאר פאלן, און ווער האט זיך גערעכט אז דער מאטעז זאל אזוי לאנג גדויערן איך האב גערעכנט אז עס זאל גיך שטיל ווערן, לאפיצקי וועט קומען צוריק און עס וועט אונז ווערן גוט אזוי וויא עס איז געוועהן, איך האף אז מיר זאלן אלע טאג צוריק אויף גערעכט ווערן, עס הערט זיך אז מען האט שון אסאך מאטעזניקעס אום גיבראכט קען זיין אז לאפיצקי זאל זיך אין דיא טעג אן קומען און עס זאל זיך ביא אונז אן הייבן פידרן אזוי וויא פריהער.

אין דיא צייט האבן זייא דער זעהן דורכען פענסטער וויא עס איז צו גפארין איין עקיפאז און האט זיך צו גשטעלט לעבן זייער הויז.

ווער קען דאס ערשט צו אונז בעדארפן, האט ר' שמואל גרעדט, און ווידער קען זיין אז דאס איז גאר ניט צו אונז, יענער האט אטעות, עס האט זיך אויף גיעפינט דיא טיר און עס איז אריין גגאנגען אמענטש רייך גקליידעט און איז גבליבן שטיין נעבן טיר.

דא זיצט ר' שמואל פיינבערג? האט ער גפרעגט.

איך בין דאס, האט דר אלטער גיענטפערט, וואס דארפט איר?

איך האב שון אייך ניט דערקאנט, האט דער מענטש גזאגט, וואו איז דאס אייער געזיכט, וואס איז אזוי פאר ענדערט גוואורן, וואו איז דאס אייער פארגעניגן, שון לאנג אז איר זענט אזוי פאר ארומט.

פון וואנען קענט איר מיך אזוי? האט ר' שמואל גפרעגט, און ער האט זיך איין גקוקט אויפן מענטשן, אפשר קאן איך, אברהם צוקערבערג! האט דער אלטער אום געשריגען, און זייא זענען ארויף גפאלען איינער דעם אנדערן אויפן האלז און האבן זיך געקושט.

איך האב זיך שון קיין מאהל ניט גערעכט אז איך זאל זיך נאך מיט דיר זעהן, אזוי פיל יאהרן אז מיא האט גאר ניט גהערט פון דיר.

וואס איר זענט אזוי פאר ארומט האט זיך ר' אברהם אנגרופן, איז דאס מן הסתם צו ליב דעם מאטעז, איך בין פון מאטעז גליקליך גוואורן איך וועל אייך שון דער ציילן, זאגט מיר ר' שמואל וואו זענען מיינע צוויא קינדער, יאזעף מיט בלומען, איך האב זיך שון גפרעגט אין וועג האט מען מיר דער ציילט אז מיין פרוי מרים איז באלד גשטארבען נאך דעם אומגליק וויא איך האב עוקר גוועהן, קיין גוטס זאל ניט האבן שלומה דער שענקער וואס האט ער גיהאט צו מיהר צו ליב איהם איז זיא אוועק גגאנגען אויזגע פון דער וועלט, און פון מיינע צוויא קינדער ווייסט איר?

יאזעף

יאזעף איז געוועזן בייא מיר, האט ר' שמואל זיך אנגערופן, נאר צייט דער מאטעז האט זיך אנגעהויבן איז מיר דיא צייט געוואהן זייער שלעכט אז איך האב איהם ניט געקענט האלטן בייא זיך, האב איך איהם אוועק געשיקט צו מיינעם אגוטען פריינד אין דער שטאט רים צו מרדכי פרידמאן, ער האט אמאגאזין פון גאלד אונ זילבער, אונ ער איז בייא איהם אפריקאזציק עס דארף איהם דארטן זיין גאנץ גוט, פון בלומען האב איך ערשט יענעה וואך געהערט איך האב זיך דיא גאנצע צייט געפרעגט אוף איר אונ איך האב זיך ניט געקענט דער פרעגן, אונ יענע וואך האב איך זיך געזעהן מיט מיינעם אבעקאנטן האט ער מיר דער ציילט אז ער האט זיך דר וואוסט ריכטיג פון בלומען. אז שלומה דער שענקער האט דיר געמאכט דעם אומגליק ווס דו האסט געדארפט אנטלופן האב איך מורא געהאט אז דיין מרים זאל זיין בייא מיר איז זיא אוועק געפארן צו אירע אפריינדן אונ זיא איז בייא דער פריינדן געשטארבן, בלומה האט זיך אפ געשטעלט בייא איר, נאך דעם האט זיך געמאכט אז דיא פריינדן איז קראנק געווארן און זיא האט געדארפט פאהרן קיין אוסלאנד קורירן זיך, זיא איז געוועזן שטארק קראנק איז געקומען צו איהר אשוועסטער צו פאהרן, דיא פריינדן איז אוועק געפארן קיין אוסלאנד אונ בלומען האט זיא אפ געגעבן צו איהר שוועסטער זיא הייסט חנה דיא ליכטציערקע אונ מיא האט מיהר געזאגט אז דיא חנה געפינט זיך ארום רים, עס קען זיין אפשר טאקי אין רים אדער אין אדארף נעבן רים.

איך וועל נאך היינט אוועק פאהרן אהין, האט ר' אברהם זיך אנגערופן, איך זעה דאך אז איר זענט זייער פאר ארומט ר' שמואל, ער האט ארוס גענומען דעם טייסטער פון קעשינע, נאט אייך טוזענט רובל וועט איר דאבן מיט ווס אייער ארומקייט ארוס ווארפן.

דו האסט אונז ערשט דר האלטן ביין לעבן, קינדער דר מענטש האט אונז איצט גראטעוועט מיר ניצן אלע היינט נאך אום געגעסן.

דיא קינדער מיט זיין פרוי זענן אלע איהם צו געפאלן צוא דיא פיס זייא האבן איהם געקושט, גידענקט איר זענט אונזר רעטער, מיר וואלטן געוועהן פון הונגער אום גיין.

מיר קענן איהם גאר ניט אזו פיל אפ דיינקען האט זיך ר' שמואל אפ גרופן צו זיין פרוי, ווס ער האט ערשט מיט אונז געטאהן, גייא גרייט צו עפעס עסן וועט אברהם עסן מיט אונז צו זאכטען:

וואס האב איך דיר געוואלט פרעגן אברהם, עס איז שון דרייצעהן צוא פערצעהן יאהר אז דוא ביסט אוועק פון דאנען, אליין האסטו מורא געהאט אהער צו קומען, אבער אבריף האסטו דאך געקענט שיקען צו אונז וויא אזו מיט דיר פאסירט זיך.

איך האב מורא געהאט, האט ר' אברהם זיך אן גרופן, פון אנהייב בין איך געוועהן אין איין ציטערנעש מיר האט זיך אלץ גידאכט אז מיא יאגט מיך אונ מיא זוכט מיך, איך בין געוועהן דיא גאנצע צייט אין שרעק האב איך מורא געהאט שרייבע אבריף, אז עס זאל ניט אנקומען צו לאפיצקען אין דיא הענד, ער זאל זיך ניט דר וויסען אין וואסערע שטאט איך בין.

זאגט מיר, דר מערדער שלומה שענקער זיצט נאך דא אין הוף?

ער

ער איז שון דא לאנג ניטא, הט ר׳ שמואל גיענטפערט. אין אהאלב יאהר ארום נאך דיין אומגליק איז ער ארום גפאהרן פון דאנען, נאר וויא ער איז פון דאנען ארום גפאהרן אונ מיא ווייס ניט עד היום וואו ער הט זיך בעזעצט.

אונ לאפיצקי האט גזאגט אז ער פאר שטייט אז דאס האט ער איהם בעגאנוועט דעריבער הט ער ניט גוואלט זיצין דא אין הויף ווייל ער וואלט זיך ניט קענען ארום ווייזן מיט דיא געלט אונ מיט דיא גאלד, ער הט דיך וויפל מאהל בערוערט וואס דו סטראטעיעסט אום זיסט אין דער וועלט, לאפיצקי הט ניט אזו פיל נעסאזאלייעט וואס מיא הט איהם בעגאנוועט אויף פופצעהן טוזענד רובל ער הט די גאנצע צייט ניט ארום גלאזן פון מויל ביז וואנען ער איז אוועק אין מאטעז. נאר אגאלדענע פושקע איז גוועהן אין דער גנבה וואס מיא שמעקט טאבאק דיא פושקע איז גוועהן פון זיינעם אזיידיק אונ זיא איז גוועזן ביא זיין פאטער אונ זיא איז אן גקומען צו איהם ער פלעגט אלץ דער ציילן וואס פאר איין אנטיקעל דיא פושקע איז גוועהן, זיא איז גוועהן גישניצט אין קווייטין אונ גזעצט מיט טייערע שטיינער אט דם הט איהם מיין באנק גטאהן וויא דיא גאנצע גנבה, מיא זאל היינט וויסען וואו דר מערדער שלומה איז הט מען גבארפט פאהרן אפ רעכענן זיך מיט אים אונ מיא זאל זיך אן איהם נוקם זיין.

זאל איהם א אומגליק געפנען אויף דעם גלייכען וועג, הט ר׳ אברהם זיך אן גערופן, זאל איהם גאט בעצאלן, אדיינק גאט דער פאר וואס איך בין אום גהאלפן גווארן, מיין מרימען וועל איך שון פון דער ערד ניט אויף הייבען עס איז שון פאר פאלין אדיינק גאט דר פאר וואס איך וועל זיך זעהן מיט מיינע צווייא קינדער.

דער צייל אברהם וויא אזו עס הט זיך מיט דיר פאסירט.

דר ציילין אין גאנצין וויא אזו עס הט זיך מיט מיר פאסירט, הט זיך ר׳ אברהם אנגרופן איז דם אונמעגליך.

איך האב אייך פריהער ניט גוואלט איבער שלאגן דיא רייד אייך פרעגן, איר ווייסט וואו לאפיצקי איז היינט?

פון וואנען קען איך וויסען וואו ער איז, הט ר׳ שמואל גיענטפערט.

אין מיר איז בעשערט, הט זיך ר׳ אברהם אן גערופן, אז איך זאל דורך איהם אומגליקלאך ווערן, אונ זאל פון אים גליקלעך ווערן.

האסטו זיך גזעהן מיט לאפיצקין? הט ר׳ שמואל גפרעגט.

אוודאי האב איך איהם גזעהן, הט ר׳ אברהם זיך אן גרופן, דורך זיין אומגליק וואס ער איז גוועזן אין מאטעז בין איך גליקלעך גווארן.

איבער געבן אייך אין גאנצן וויא מיט מיר הט זיך גיפאסירט דיא גאנצע צייט איז גאר קיין מענטש ניט אין שטאנד אום צו דר ציילן, אפילו ניט אום שרייבן אויך, קען מען דען פאר שטעלן וואס אין דער צייט הט זיך מיט מיר צו טאהן אונ וואס מיר הט גטראפן.

אז איך בין פון דאנען אנטלאפן בין איך אוועק אין דער גרוסער וועלט איך בין גפארן וואו מיינע אויגן האבן מיך גטראגן, קיין שטעלע זוכין איז מיר ניט גלעגן אין זינען מיר הט זיך אלץ אום גידאכט אז מיא לופט נאך מיר אונ מיא יאגט מיך, עס איז ביא מיר אום גגאנגען מיין ביסל געלט וואס איך האב גהאט ביא זיך, גיין בעטן ביא יענעם האב איך ביא זיך ניט גקענט רעכט מאכען האב איך פאר קופט

פון

פון זיך דיא לעצטע העמד, אז איך האב שון אן גהובן בעטן אשטעלע האץ פארין שטיקל ברוט הט מיך קיינער ניט גוואלט געמען, דער הט גזאגט אז איך בין ניט קיין פיינער מענטש, ווען איך זאל זיין אפיינער מענטש וואלט איך ניט גיין אזוי ארום געריסען, אז איך דער מאן זיך וויא איך האב געליטן גרוילט מיר דיא האר פון קאפ, וואו הט זיך צו מיר גנומען כוחות אז איך האב דס גקענט אריבער טראגן, אז דער פאס איז בייא מיר אום גגאנגען האב איך גהאט געננג צרות פון דעם געכטיגען וואו איך האב גיטאגט דארט האב איך ניט גנעכטיגט, איך זאג אייך אין אזונע שטעדט ווס עס איז גאר קיין מענטשן ניט עס איז בייא זייא גאר קיין רחמנות ניטא, עס איז גוועהן פיל צייטן בייא מיר ווס איך האב טעג וויים ניט גגעסן, אז איך הייב זיך אן בערעכענן ווס פאר אמעדערשע מענטשן עס געפנען זיך, אוף אקאץ אדער אוף אהונד דארף מען דאך אוך רחמנות האבן, אונ מיא לאזט זייא אריין איבער נעכטיגן, ובפרט אוף אמענטשן, ניט איין נאכט איז בייא מיר אוועק גגאנגען ווס איך האב גענעכטיגט אופן גאס מיא הט מיך אין ערגיץ ניט גוואלט אריין לאזן נעכטיגן, עס איז מיר ניט איין מאהל שון דער גאנגען צום הארצן אז איך האב גוואלט פאהרן אהער צו לאפיצקען אין די הענד, ער זאל מיר זעצין אין אסטראג, איידער איך זאל זיך אזוי מיטשען וויא איך האב זיך געמוטשעט, נאר יעדער מענטש הט דאך דעם האפענונג, איך האב גיהאפט אפשר וועט זיך מיר עפעס וויזן אוועג, דיא צייט איז בייא מיר אוועק גגאנגען מיטן האפענונג אונ איך האב אלץ פאר טראגן אוף זיך וויא עס הט זיך מיט מיר גמאכט.

מיט צווייא יאהר צוריק הט זיך אין די שטעט וואו איך בין גוועהן אנגהובן הערין דער מאטעז עס איז גווארן זייער סטראגא מיא הט ניט גלאזט זיין מענטשן אן פעסער, מיא הט מיך צו גנומען אונ מיא הט מיך גפיהרט אהער מיטן עטאפ פון וואנען איך בין, וויפיל כוחות איז מיר אפ גקומען פון דער שרעק ווס מיא הט מיך צו גנומען פארין פאס אונ איך האב זיך פאר גשטעלט אז מיא וועט מיך ברענגן צו לאפיצקען וועט ער מיר איין זעצן אין אסטראג אונ ווס פר אגרוסע דיעלא איך וועל האבן אוף זיך ווארום איך בין אנטלאפן גווארן, מן הסתם בין איך דער גנב, יענער וויים דאך ניט מיין הארץ וויא איך בין ריין דער פון, נאר מיא קען קיין מאל ניט וויסין, דער אומגליק ווס הט מיך גטראפן מיטן פאס איז דאס גוועהן גאר פאר מיר אגליק, איך בין געגאנגען מיטן עטאפ מיט נאך ארעסטאנטן האבן אונז דיא סאלדאטן געפיהרט נעבן אוואלד זענן ארום גלאפן פאליאקן פון וואלד אונ זייא האבן זיך אן גהובן שלאגן מיט דיא סאלדאטן, זייא האבן גוואלט פאר נעמען אונז מיט דיא סאלדאטן, עס איז גווארן אגרויסער גשלעג איך האב גזעהן אז איך וועל אריין פאלן צו זייא אין דיא הענד איז שון מיין לעבן גיענדיגט, האב איך זיך בערעכינט אז איך זאל אנטלופן ווארום איך האב שון ניט גהאט ווס אן צו ווערן אז איך וועל אריין פאלן צו דיא פאליאקען אין דיא הענד בין איך אפאר פאלענער, אונ אז מען וועט מיך חאפין בין איך אוך פאר פאלין, האב איך גירעכינט טאמער וועט מיר שפילין דער גליק אז איך וועל קענן אנטלופן. אונ אזוי איז גוועזן.

איר

איך קענט פאר שטיין ר' שמואל אין וואס פאר איין גיפאהר איך בין געשטאנען איך ווייס אליין ניט וואו האט זיך גענומען צו מיר כוחות אז איך זאל קענען אזוי שטארק לויפן, איך זאג אז איך בין שטארקער פון אייזען אז איך האב געקענט אום האלטן דיא שרעק מיט דיא ציטערנעש, דיא לייב האט אויף מיר געשווערט בשעת איך בין געלאפן דיא פיס האבן זיך מיר געזעצט מיר האט זיך אלץ אום געדאכט אז מען יאגט מיך און מיא שרייט אט איז ער, פון דעם וואלד איז ניט ווייט אשטאט, איך בין אריין געלאפן אין שטאט איך בין צו געגאנגען גלייך אין פאליציי און איך האב זאיאוועט אז עס געפינט זיך אין דעם וואלד מאטעזוניקעס מיא איז אן געפאלן און מיא האט פאר נומען סאלדאטן וואס זייא האבן געפיהרט אעטאפ, עס איז געווארן באלד אטריוואגע און מיא האט ארום געשיקט אסאך קאזאקן און מיא האט מיך מיט גענומען איך זאל ווייזן דעם ארט, אז איך בין געקומען אויף דעם אייגענעם ארט האט מען שון קיינעם ניט געטראפן, האבן זיך דיא קאזאקן צו לאזן איבערן וואלד זוכין זייא איך בין אריין געגאנגען אין וואלד שטיין פון ווייטן איך זאל קענען זעהן וויא מיא וועט פאר נעמען דיא מאטעזוניקעס האב איך דער הערט קרעכצן פון אמענטשן און מיט דיא לעצטע קרעפטן שרייט מען צו מיר אברהם צוקערבערג, קום צו אהער!

איך בין דער שראקן געווארן אז איך האב דס דער הערט, ווער קען דאס מיך רופען און ווער ווייס דאס מיין נאמען.

איך האב זיך ארום געקוקט האב איך דער זעהן פון ווייטן וויא אמענטש ליגט אויף דער ערד אום געצויגן און מאכט מיט דיא הענד צו מיר, איך בין צו געגאנגען צו איהם האב איך דער זעהן אז דס ליגט לאפיצקי, און אקויל איז בייא איהם אין הארצן אריין געשאסן, און קאם וואס ער רעדט נאך.

ערשט האסטו מיר שון דער קאנט אברהם? האט ער צו מיר זיך אן גערופן, פריהער האסטו מיך ניט דער קאנט אז דיא סאלדאטן האבן דיך געפיהרט און מיר האבן אייך געוואלט פאר נעהמען מן הסתם איז מיר בעשערט אז איך זאל היינט געטייט ווערן, בין איך דורך דיא סאלדאטן געשאסן געווארן.

מיין לעבן איז שון געענדיגט איך וועל אפשר זיפיען נאך פינף מינוט עס ליגט בייא מיר אין קעשענע צוואנציג טויזענט רובל, נעם אברהם דס געלט בייא מיר ארום איך שענק דס דיר אוועק, און איך פאר לאנג פון דיר אז דו זאלסט מיר צו זאגן וואס איך וועל דיר בעטן.

אזוי וויא איך האב אזון אסלעדראוואטעל און קיין אנדערע זין האב איך ניט און איך ווייס ניט וואו ער איז סלעדראוואטעל און אין וואסער שטאט ער איז, בעט איך דיך אז דו זאלסט זיך נאך איהם נאך פרעגן און דו זאלסט איהם דער ציילן וויא דו האסט מיט מיר גירעט פאר מיין טוט איידער איך בין אום געגאנגען און איך האב איהם געבעטן אז ער זאל זיך בעזעצן אין הויף ער זאל זיך אפ זאגן פון סלעדראוואטעל און זאל זיין בעסער אבער הבית אויף זיין הויף, אין דיא רייר איז ער אום געגאנגען.

איך האב בייא איהם ארום גענומען דיא צוואנציג טויזענט רובל און איך בין אריין געגאנגען טיפער אין וואלד זעהן וואס עס טוט זיך, זענען שון דיא קאזאקן געפארן מיט אגעוואנג וואס זייא האבן פאר נומען אסאך מאטעזוניקעס.

מיר

מיר הט מען גגעבן דר פאר אנאנראדע, אונ פאליצייי הט מיר ארוס גגעבן אפאפיר אז איך מעג פאהרן אהיים, אונ קיינער זאל מיך אופין וועג ניט פרעגין קיין פאס, איך האב אפ גוווארט ביז אוף דר נאכט אונ בין גגאנגן צוריק אין וואלד אונ איך האב לאפיצקען בעגראבן אז קיין חיות זאלין אים ניט אוף עסין, אונ בין אוועק גפאהרן אהער.

אך, אין וואס פאר אנומין דו ביזט שון אוס גשטאנען, הט זיך ר׳ שמואל אן גרופען, אדאנק גאט דר פאר וואס ער הט דיר אוס גהאלפן.

דו ווייסט אברהם, לאפיצקעס זון קען איך ער איז אגאנץ וואלער מענטש, גאר אין וואסער שטאט ער איז ווייס איך ניט, איך וואלט וועלן אז ער זאל זיצין אין הויף, פאר מיר וואלט זיין גאנץ גוט.

איך פאהר דאך אין רים צו מיין יאזעפין מיט בלומען קען זיין אז אין דעם וועג וועל איך זיך דער פרעגין אוף לאפיצקעס זון אין וואסער שטאט ער איז סלעדראוואטעל.

עס איז שון פארטיג דער מיטאג הט ר׳ שמואלס פרוי זיך אן גרופן.

זייא האבן זיך גיזעצט אלע צו זאממען אונ זייא האבן אפ גגעסן.

ר׳ אברהם הט זיך מיט זייא צו זעגינט.

דו וועסט אפ געבן אגרים צו מרדכי פרידמאן פון מיינעט וועגן, הט ר׳ שמואל גזאגט.

ר׳ אברהם הט זיך אריין גיזעצט אין זיין עקיפאז זייט געזונד, אונ איז אוועק גיפאהרין.

פאהרט געזונטער הייט האבן זייא אלע נאך גשריגן.

איך האב זיך ניט גערכט אז איך זאל נאך האבן אזו אפארגעניגען, הט ר׳ שמואל גירעט צו זיך אריין גייענדיג אין הוז, מיך פרייעט זייער דם הארץ וויא גאט הט גהאלפן אברהמען אונ ער איז ערשט אין אגוטען אופן.

15

דיא עצה מיט ארעוואלווער

גיט יעדערינס פרייד איז גלייך, דעם פרייהט דם הארץ אוף יענעמס גליק, דער אנדערער פרייעט זיך גאר אוף יענעמס אומגליק.

ר׳ שלומהלע איז גזעסן מיט זיין פייגע רחלעהן אין זאלל אונ זייא האבן זיך גיפרייעט אוף ר׳ מרדכים אומגליק.

וואס זאגסטו פייגע רחלעה, וויא עס איז צו גגאנגען גלאט, זייא ווייסן גאר ניט פון וואנען דיא קויל הט זייא גשאסן, איך זאג דיר אז איך בין העכסט צו פרידין דער פון, וואס ער זיצט אין אסטראג, ערשט וועט ער שון ניט זאגן אז איהם שטייט ניט אן אז ער זאל מיט אונז טאהן אשידוך.

דם פאר שטייט מען, הט זיא גיענטפערט אביא ער הט שון פאר זוכט דעם

אסטראג

אסטראג וועט ער ווערן אין אנדער מענטש, ער וועט שון ווערין ביא זיך אביסל ווייכער, ער וועט שון זיך ניט האלטן אזו גרוס וויא ער איז געווען אונ זאגן אז ער וויל מיט אונז ניט טאהן, מיט איהם האבין מיר אום געפיהרט וויא מיר האבן גוואלט, וואלטן מיר נאך אזו געך אום געפיהרט מיט זייער פריקאזציק יאזעפין, איך וויים ניט אויף ווען ווארטסטו שון עטליכע טעג אז ער זיצט שון אין אסטראג, פאר וום שיקסטו ניט אוועק אבריף צו מלכהן אזו וויא דו האסט גקלעהרט שרייבן, דו ווארטסט אז זייער מיידיל ראזע זאל זיך מיטן פריקאזציק שטארק פאר ליבען אונ מיא זאל נאך דעם ניט קענען פון איהם פטור ווערן? דו ווייסט שלומהלע, אז ביא אונזער דאניאלקען גייט ניט ארום דיא ראזע פון זינען ער הט שון וויפיל מאהל מיך גיפרעגט ווען וועט ווערן ראזע זיין כלה.

איך נעם שון שרייבן אבריף אונ שיק באלד אוועק, הט ער זיך אן גרופן, דו מעגסט זיין פאר זיכערט אז מיא וועט איהם פון דארטן ארוס יאגען, דו ווייסט דאך שון אז איך קלער אויף אפלאן איז תמיד גוט, איך וועל שרייבן דעם בריף אז עס וועט אנרירין יאזעפין אין גאנצען אז מיא וועט איהם ארוס טרייבען מיט בזיונות אז ער וועט דארפין פון שטאט אנטלופן, אונ מיא וועט ניט וויסן פון וועמען דר בריף איז גישיקט גוואורן ווארום קיין נאמען וועט ניט שטיין אונטער גשריבן, דר לאנג מיר דעם טינט אונ פעדער מיט פאפיר.

פייגע רחעלע הט איהם דער לאנגט דעם שרייב גיצייג, אונ ער הט גנומען שרייבן אבריף:

אין דער זעלביגער צייט איז דאניאלקע גזעסן אליין אין צימער, אונ הט צו זיך גירעדט, איך זעה אז מיין פאטער אונ מוטער הארט גאר ניט וועגן דעם שידוך זייא פילן גאר ניט וויא איך גייא אום אונ איך וויל אז ראזע זאל זיין מיין כלה, איך האב שון וויפיל מאל דער מאמען גזאגט, פאר שטייא איך גאר ניט צו זיא נארט מיך אדער עס ליגט איהר גאר ניט אין זינען, איך זעה אז איך קען זיך אויף זייא גאר ניט פאר לאזין איך דארף אליין אן הייבן צו זוכין אמיטיל, די ערשטע זאך דארף איך בעקלעהרן אפלאן וויא אזו מיא זאל יאזעפין פאטערן אז ער זאל זיך מיט איר ניט ליעבן, אז איך וועל איהם שון איין לאדען וועל איך ניט קוקין אופן טאטן וום ער וויל פיהרן אפרוטע ראליע, הייסט ער מיך טראגן אלאנגע קאפאטע מיט לאנגע פאות, איך וועל זיך אן טאהן קורץ גיקליידעט איך וועל מיר אונטער שערין אביסל דיא האר איך וועל אליין ארין גיין צו ראזען רעדן מיט איהר מיין פאטער איז גינוג רייך אין געלט, אלין בין איך דאך מיין לייט פארין פריקאזציק,

ניין איך רייד נארישקייט, דער וויל איז ער מיין לייט פאר מיר, ער ליעבט זיך מיט איהר אונ איך נאך ניט, איך קען מיר גאר קיין עצה ניט געבן מיט וום פאר איין אופן איך זאל איהם פאטערן, איך זאל האבן אגוטען ברודער וום ער זאל מיר געבן איין עצה אונ ער זאל מיר העלפין אז מיא זאל דעם פריקאזציק איין לאדען, וואלט איך ניט גשטאנען אום געלט, איך וואלט גגעבן וויפיל מיא וואלט פר לאנגט, ער איז גבליבן זיצען פאר טראכט אונטער גשפארט דיא האנד אונטער דעם שווארצן שטערן, איז ארין בערקע.

וום זיצסטו אזו פאר קלעהרט דאניאלקע? וואו איז דם מאטקע?

אויף וואס דארפסטו דם מאטקען.

דוא ווייסט ניט אוף וואס איך דארף איהם, האט בערקע גיענטפערט, אז איך בין ליידיג האב איך ליב אריין צו גיין צו דיר און טרייבען מיט איהם קאטאוועס.

זיין דא א ביסל בערקע, איך וועל רעדן מיט דיר וועגן אזאך, דוא זאלסט מיר געבן איין עצה און דוא זאלסט מיר אליין העלפין אין דערינען, נאר איידער איך דר צייל דיר, בעט איך דיך אז מיין פאטער און מוטער זאל דער פון ניט וויסין.

דם דארפסטו מיך בעטין, הט זיך בערקע אן גרופן, איך האב שון עפעס גהאט גרעסערע סעקרעטין, דיא זאך וום מיא דארף ניט וויסין איז בייא מיר אזוי וויא אין וואסער אריין.

דוא גדענקסט בערקע, אז איך האב גילייענט דעם בריף וום מיא הט גפונען אין פאלטא וויא ראזע ליבט זיך מיט זייער פריקאזציק, מיר הט שון דיא מאמע וויפיל מאל גזאגט אז ראזע וועט זיין מיין כלה, איך האב דם אריין גנומען שטארק אין דיא געדאנקען איך האב איהר גיזעהן אין גאס גייענדיג, וויא שיין זיא זעהט אוים.

דוא קענסט בערקע איהר שיינהייט? איך זאג דיר אז זיא גייט מיר קיין מאל פון זינען ניט ארוס, וויל איך אז דו זאלסט מיר געבין איין עצה אז מען זאל דעם פריקאזציק איין לאדען, איך וועל ניט שטיין אום קיין געלט, איך וועל דיר געבן וויפיל דו וועסט פאר לאנגען, אז דו זאלסט מיר זיין צו הילף אז מען זאל איהם פאטערין.

דם איז גאר ניט אזוי אוואזנע זאך, הט בערקע זיך אן גרופן, איך האב גאר ניט גיקלערט און איך האב שון איין עצה.

דם ווייסטו דאך דער פון וויא עם הערט זיך היינט מיט דעם מאטעז, און עם איז זייער סטראגא, ווייסטו וום איך בין גיפאלן אוף אפלאן, ער שטייט אין דעם איינפאהר הויז וואו מיין שיינדרעלע דינט. דארף מען אן גרייטן ארעוואלווער מיט אהיפשע ביסל פולווער און געבין שיינדרעלען אז זיא זאל דם איהם אונטער ווארפין, און אז מיר וועלין האבן ענטפער פון שיינדרעלען אז דם ליגט שון בייא איהם אין נומער וועל איך גיין אין פאליציי און געבין אדראנאם אז ער הט סנאשעניעם מיט דיא פאליאקען און ער איז אמאטעזניק, דו פאר שטייסט אז פאליציי וועט דער הערן אזעלכע ווערטער, וויא עם איז היינט אזוי סטראגא, וועט מען באלד גיין צו אים אוף איין אביסקע און מיא וועט גפינען וועט ער שון ניט וויסין אפילו וואו זיין גיביין וועט אהין קומען, זיא וועט איהם שון אן זעהן אזוי וויא מיא זעהט דעם אוער.

דו ביסט ווערט בערקע אז מיא זאל דיך קושין פאר דער עצה.

זאג מיר וום דו פאר לאנגסט, וועל איך דיר שון געבן.

איך וועל איהם פריער איין לאדען, הט בערקע גיענטפערט, מיר וועלן זיך נאך דעם צו ווישן זיך אום גלייכען:

ווען וועסטו זיך נעמן צו אים? הט דאניאלקע גיפרעגט.

מיא דארף זעהן היינט מארגין צו גרייטען ארעוואלווער מיט פולווער הט

בערקע גזאגט , אין דיא טעג וועט שיינדעלע זיין ביא מיר וועל איך איר געבן אז זיא זאל דם איהם אריין שפאהרין , איז מען שון מיט אים פארטיג , זיין ארט וועט זיין וואו אלע מאטעזניקעס זיצין ·

איך בעט דיך בערקע נאך אמאהל אז ביא דיר זאל דם זיין אסעקרעט , אז מיין פאטער אונ מוטער וועלן זיך דר וויסין דער פון וועלין זייא מיך אן רעדין אז איך זאל זיך ניט היילין אונ איך זאל נאך ווארטן , איך וועל זיך אוף זייא ניט פאר לאזין ·

דער פאר ביסטו דאניאלקע אדוראק , הט בערקע זיך אן גרופען , דו קענסט נאך ניט אונזערע ברידער קיין אידישקייט היטין מיר ניט אונ מיר גראבעווען ביא ווע מען מיר קאנען , נאר אוואַרט איז ביא אונז אוואַרט , איך האב דיר איין מאל גזאגט אוואַרט אז איך האב שון גהאט אסאך סעקרעטן אונ קיינער הט ביא מיר ניט געוואוסט איז מן הסתם וועט מען ביא מיר דם אוך ניט וויסען ·

אין דיא רייד איז אריין גקומען פייגע רהעלע ·

איך האב געמיינט בערקע אז דו ביסט ערגעץ אוועק גגאנגען , איך האב דיך גיזוכט אין דיין צימער האב איך דיך ניט גטראפן , גייא צום פאטשט ווארף אריין דעם גארארדסקאי בריף אין יאשציק ·

בערקע האט ביא איהר גענומן דעם בריף אונ ער איז אוועק גגאנגען אריי ווארפן אין יאשציק :

16.

טרויער אונד פרייד

דיא וועלט זאגט אגלייך ווארט מיט דאגעגען העלפט מען גאר נישט , אונ דען מענטשן וואס איז שלעכט קען ער ביא זיך ניט רעכט מאכן אז ער זאל ניט דאגעגען ער וויים אליין אז דר מיט העלפט ער זיך גאר ניט , אונ פון דעסט וועגין דאגעט ער דם ליגט אין דעם מענטשענס נאטור ·

וויא מיר זעהן ביא דער אומגליקליכער פאמיליע אין הוז , דיא פאלשע גאל מיט דיא זילבער הט דר קלעדאוואטעל אפ געקליבן אונ ער הט זייא גהאלטן ביי זיך צו דער דיעלא , דיא גוטע סחורה הט ער אפ געשיקט צוריק · אונ יאזעף א געסן מיט דיא סחורה אין קלייט ·

מלכה איז געסן מיט ראזען אין פאדער צימער אונ זייא האבן בעדויער זייער אומגליק ·

איך וויים שון אליין ניט וואס מיר זאלן דא טאהן , הט מלכה זיך אן גרופי עס העלפט גאר ניט קיין וויינען , וום איך האב זיך שון אן געבעטן אונ וואס א בין שון גפאהלן צו דיא פים , אונ מיא וויל ניט צו לאזין צו איהם אין אכטראג ער וועט דאס דארטן גאר ניט דער האלטן , צו דעם אומגליק וואלט מען ז

קענען

קֶענֶען זֶעהֶן מִיט אִיהְם, וָואלְט אִיהְם אוֹיךְ זַיין אַבִּיסֶל פְרַייֶער, פוּן סאלאמאנען אִיז גִיטָא קַיין בְּרִיף אוּנ מִיא וַויים גָאר נִיט צוּ עֶר וֶועט דַארְפְן עֶפֶּעס פּוֹעֵל זַיין אַשְׁטִיקֶל הִילְף אַז עֶר וֶועט דַארְפִין חס ושלום נִיט אוּם פִיהְרִין אַז מֶען זָאל אִיהְם דֶר וַוייל אַרוּם לָאזִין אוֹיף פְּארוּצִיטֶעלְסְטְוָוא, וֵויים אִיךְ נִיט וָוס פוּן אוּנְז וֶועט דָא זַיין, אַנֶעזִינְד וֶועט דָא אוּמְקוּמֶען פוּן דֶער וֶועלְט.

דוּ זֶעהְסְט מוּטֶער דֶער פָּאטְשְׁטָאלְיָאן גֵייט אַהֶער עֶס אִיז דָא פוּן סאלאמאנען אַבְּרִיף.

ראזע אִיז אַרוּם גְלָאפֶּען דֶעם פָּאטְשְׁטָאלְיָאן אַנְטְקֶעגְן אוּנ זִיא הָאט צוּא גְנוּמֶען בַּייא אִיהְם אַבְּרִיף, זִיא אִיז אַרַיין גְקוּמֶען אוּנ הָט צוּ גִיטְרָאגְן דֶעם בְּרִיף צוּ דֶער מוּטֶער.

עֶפִין אוֹיף, דוּא זֶעהְסְט דָא אִיז עֶפֶּעס נַייֶעס, הָט זִיךְ מלכּה אָן גֶערוּפֶען, דֶער בְּרִיף אִיז נִיט פוּן סאלאמאנען דָס אִיז גָאר אַנְגָארָאדָאסְקָאי בְּרִיף.

זִיא הָט אִיהְם אוֹיף גִיעֶפִינְט אוּנ הָט אָן גְהוֹיבְּן לֶעזִין.

אִיר זָאלְט וִויסֶען זַיין מלכּה אַז דֶעם אוּמְגְלִיק וָוס הָט זִיךְ אַייךְ גְמַאכְט, וַואקְסְט פוּן אַייֶערִין אַשְׁטוּב מֶענְטְשׁ אִיךְ בִּין אַייךְ אַגוּטֶער פְרַיינְד מִיר הָט גִיוֵויינְט דָס הַארְץ אַז עֶס הָט אַייךְ גְטְרָאפְן דֶער אוּמְגְלִיק נָאר אִיךְ הָאבּ אַייךְ גָאר נִיט גְקֶענְט הֶעלְפִין, אִיךְ דַייְנְק גָאט דֶער פַאר וָוס מִיר הָט גְטְרָאפְן דֶער גְלִיק אַז אִיךְ זָאל אַייךְ קֶענֶען טֶאהְן אטובה מַיין נָאמֶען קֶען אִיךְ נִיט אוּנְטֶער שְׁרַייבְּן אִין בְּרִיף וֶוער אִיךְ בִּין וָוארוּם אִיךְ וִויל נִיט אַז מֶען זָאל וִויסִין אַז אִיךְ הָאבּ דָס אוּם גְגֶעבְן, אִין דֶערִינֶען אִיז דָא אַגַאנְצֶע שַׁייקֶע אוּנ זַייא וֶועלְן זִיךְ דֶער וִויסִין אַז אִיךְ הָאבּ דָס אוּם גִיבְּרַאכְט דֶעם מֶענְטְשְׁן בִּין אִיךְ שְׁטֶענְדִיג אִין גֶעפַאהְר אִיךְ בִּין נִיט זִיכֶער מִיט מַיין לֶעבִּין, וִויא אַזוֹ מִיא הָט אַייךְ גִימַאסֶערְט וֵויים אִיךְ נָאךְ נִיט, אָבֶּער דָס וָוס אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶער וואוּסְט שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ.

אַזוֹ וִויא דָא אִין שְׁטָאט אִיז דָא אֵיינֶער וָוס עֶר מַאכְט דִיא פַאלְשֶׁע גָאלְד מִיט דִיא זִילְבֶּער אוּנ עֶר הָט צוּ זִיךְ אַגַאנְצֶע שַׁייקֶע וָוס זַייא פַאר הַאנְדְלֶען דָס אִיהְם, אַייֶער פְּרִיקַאזְצִיק הָט מִיט זַייא גְרוֹסֶע סְנָאשֶׁענְיֶעס, עֶר הָט זַייא גְטְרָאגְן פוּן קְלֵייט דִיא גוּטֶעה סְחוֹרָה אוּנ עֶר פְלֶעגְט זַייא גֶעבְּן אַז עֶר זָאל אַנִידָער שְׁטֶעלִין אִין קְלֵייט אוֹיף דֶעם אָרְט דִיא פַאלְשֶׁעה אַז מֶען זָאל נִיט דֶער קָאנֶען וִויא עֶס פֶעהְלְט סְחוֹרָה פוּן קְלֵייט, דַארְפְט אִיר זֶעהְן אַז אִיר זָאלְט זַיין גֶעהִיט אַז עֶר זָאל אַייךְ נִיט מַאכֶען נָאךְ אַיין אוּמְגְלִיק, אוּנ אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ דֶער גֵיין וִויא אַזוֹ מִיא הָט אַייךְ גִימַאסֶערְט וֶועל אִיךְ אַייךְ גֶעבְּן צוּ וִויסֶען נָאךְ אִין אַבְּרִיף.

וִויא זִיא הָט גִיעֶנְדִיגְט דֶעם בְּרִיף, גִיוַואלְד מוּטֶער מַיינֶע! הָט ראזע אוֹיס גִישְׁרִיגִין דָס אִיז אַזַא זַאךְ וָוס קֶען נִיט זַיין, גְלֵייבּ נִיט, דָס אִיז פַאלְשׁ אִיךְ הָאבּ דִיר נִיט גְוָואלְט אִיבֶּער שְׁלָאגְן אִיךְ הָאבּ דִיךְ גְלָאזְט עֶנְדִיגֶען, עֶס הָט מִיר גִישְׁוִוידֶערְט דָס לַייבּ הֶערֶענְדִיג, אַז מֶען זָאל זָאגְן אוֹיף יאזעפען אַז עֶר הָט דָס אוּנְז גִימַאכְט דֶעם אוּמְגְלִיק אוּנ עֶר הָאט קֶענְטְשַׁאפְט מִיט אַזֶעלְכֶעה פַאלְשֶׁעה מֶענְטְשְׁן, נֵיין נֵיין, דוּא זָאלְסְט דָס גָאר נִישְׁט גְלֵייבְן מִיא בֶּעדַארְף דֶעם בְּרִיף אפילו צוּ רַייסֶען.

און איך גלייב זייער, הט זיך מלכה אן גערופן, איך ווייס אז מיר האבן קיין שונאים ניט, ווער קען צו אונז האבן, מיר האנדלען שון אזו פיל יאהרין און עס האט אונז קיין מאהל ניט גיטראפן וואס אהאר איז ווערט און אין זיין צייט וואס ער איז ביי אונז פריקאזציק האט זיך אונז גימאכט איין אומגליק, זעה איך דאך אז דאס וואקסט פון איהם.

איך גייא שון אין קלייט און איך וועל איהם ארוס יאגין, גאט ווייסט וואס ער קען אונז נאך ווייטער אן מאכן.

טרייעה מוטער מיינע: הט ראזע אוים גישריגין און איז גפאלן פאר איר אוף דיא קניא וויפיל מיה האסטו גילייגט ביז וואגען דו האסט מיך ערצוגין, וויפיל נעכט האסטו ניט דר שלאפין וויפיל מאל ביזטו גלאפן צו דאקטורים פון מיינעט וועגין, ערשט ווילסטו אז דיין גאנצע פראצע וואס דו האסט פאר מיר גילייגט, זאל ווערין צו גאר נישט.

איך פאר שטייא דס ניט ראזע, וואס דו רעדסט וואס גייט דס דיך אן וואס ז שטעלסט זיך איין פאר איהם פאר אזו אמערדער וואס ער הט אונז אומגליקליך גמאכט, ניין זיין זוואגיע וועט דא ניט זיין.

טרייעה מוטער, הט זיא זיך אן גערופן און טרערין האבן ביי איר געפליצט טוה ניט אפ דעם רחמנות פון דיין קינד, דו קענסט גלייבין אוף מיר אז איך זאל מיין פאטער אומגליקלעך מאכן? אזו קענסטו גלייבן אוף אים, איך בין מיט איהם איין קערפער און איין זייל, טרייב מיך ארוס טוה מיט מיר וואס דו ווילסט אביא ריער איהם ניט אן.

איך זעה דאך ראזע אז דוא ביסט אין איהם פאר ליבט, ביי מיר איז ליבע קיין פערברעך ניט, נאר איך זאג דיר אז דיא ליבע פאר בלענדעט דיא אוגין, אין דעם מענטשן וואס מיא ווערט פאר ליבט קוקט מען ניט אוף זיינע פעהלערן ער מעג זיין איין פאלשער מענטש אז מיא ליבט איהם ווערט אלעם רעכט, ערשט אז עס קען זיין אזו אזאך אז ער הט דיך פאר פיהרט אז דוא זאלסט זיך אין איהם ליבען, ווילסטו מיך פאר פיהרין אז איך זאל האלטן דעם פאלשין מענטשן ביי זיך.

ניין דס איז אזא זאך וואס קען ניט זיין.

ליבע מוטער, איך זאג דיר אז איך בין אין דער ליבע ניט בלינד, ער איז איין פיינער מענטש, ער איז איין ערענטליכער מאן, ער הט אטייערן חאראקטער און אוויכע הארץ, ער קען ניט צו זעהן דעם אנדערינס עגמת נפש, וועט ער טאהן אזו אזאך און זיין אליין דער ביי וויא מיר האבן אלע גגאסין מיט טרערן און איך האב גיהאלעשת אז מען הט דעם פאטער צו גנומען אין אסטראג.

ליבע מוטער, איך ווייס אז דו ביזט מיר טרייא, איך בין נאך יונג און בין ערשט אין דער סאמע בליהונג וואס איך הייב ערשט אן צו בליהען, איך בעט דיך אז דוא זאלסט מיין בליהונג ניט אראפ רייסען פאר דער צייט, און איך זאל אן הייבין צו וויעלען, דעם פאטערס אומגליק וואס ער זיצט אין אסטראג, איז דאך אונז גאנץ גרוס קען העלפין געלט און מיר האפין אז ער וועט גיך לוז ווערן, צו מיין אומגליק אז דו וועסט איהם ארוס טרייבן וועט ניט העלפן קיין מיליאנען, פאר מיר וועט זיין איין הילף דער טוט וואס ער איז פאר אלעמען שרעקליך, און

איך

איך וועל איהם צו נעמען מיט פרייד , מיין פונק פון דער ליבע וואס עס ברענט אין מיר וועט מיר קיינער ניט אויס לעשן , דיא ליכט פון מיין לעבן וועט אויס גלאשן ווערן , דר פונק וועט בייא מיר בלייבן אין הערצן .

אין דיא רייד הט מלכה אויס גשריגן , סאלאמאן איז דא ! וואס הערט זיך וואו איז דם דיין רייזע זאק .

דער איזוואשציק טראגט איהם אריין , הט סאלאמאן גיענטפערט , אין דיא טעג וועט מען ארויס לאזין דעם פאטער , איך וועל אייך שון דער ציילן , דו האסט נאך אלץ ראזע ניט אויף גיהערט וויינען , דו העלפסט עפעס מיט דעם וויינען דו וועסט נאך בלייבן אן אויגין .

טרייער ברודער ! מיר איז אזו פיל דם הארץ פאר ביטערט אז איך פיהל ניט דיא פרייד וואס דו האסט ערשט גבראכט אז אונזער פאטער וועט לוז ווערן , אויף אונז זוכט מען דא אומגליקען פון איין אומגליק זענען מיר שון באלד דאנקען גאט ארויס , אונ פאר מיר איז שון גרייט נאך איינער .

וואס הט זיך שון דא ווייטער גטראפין ? האט סאלאמאן גיפרעגט ערשראקענער הייט .

שרעק זיך ניט מיין זון , עס איז גאר ניט אזו איין אומגליק , דאס איז נאך פאר אונז אגליק מיר האבין זיך דער וואוסט דורך אגוטן פריינד וואס הט אונז אריין גישיקט אנאראדסקאי בריף פון וועמען דער אומגליק איז אונז גקומען , דם איז דער בריף .

סאלאמאן הט גנומען דעם בריף אונ הט איהם איבער גלעזין :

דו האסט דם שון פיר גיהאלטען יאזעפען ? הט ער גיפרעגט , וואו איז ער ערשט .

ער ווייסט נאך דער פון גאר ניט , הט דיא מוטער גיענטפערט , ער זיצט אין קלייט , מיא האט אפ געשיקט דיא סחורה צוריק , ער וועט שון באלד קומען עס איז שון נאכט .

דו גלייבסט דם אויף איהם ? הט סאלאמאן גיפרעגט .

פאר וואס זאל איך ניט גלייבין , הט זיך מלכה אן גרופען , איז דם נישט אין גאנצן וויא מיא שרייבט , אבער עפעס איז דאך דאה אומזיסט וועט דאך יענער ניט שרייבן , באלד וויא ער וועט קומען פון קלייט דארף מען איהם ווייזין דעם בריף אונ זיין פום זאל דא ניט זיין .

הער גאר אויס ליבע מוטער וואס איך וועל דיך פרעגן , הט סאלאמאן גזאגט , אונז איז גוט אז מיא הט אונז אומגליקלעך גמאכט אומזיסט , דארפין מיר דאך דעם אנדערין אויך בערעכענען , נעמען אמענטשן ארויס טרייבן , דו וועסט דאך אים מאכן אומגליקלעך , ער ווייסט בייא זיך אין הארצין אז ער איז ריין דער פון אונ ער ווייס ניט פון וואס צו זאגן , אונ מיא וועט איהם פאר גיסין אזו פיל בלוט , ער וועט דאך דם גאר ניט דער האלטן דו ווילסט אויס ברענגן איונגען מענטשן פון דער וועלט , פאר וואס ? דער וואס הט געשיקט דעם בריף , ווען ער זאל זיין אגוטער פריינד וואלט ער ארויס גישריבן דעם נאמען זיינעם , אדער ער וואלט אליין צו אונז גקומען , אין אויף דערויף קלערסטו גאר ניט טאמער זוכט מען אויף אונז נאך א אומגליק , איך שטעל איין מיין גאנצן לעבן איך גיב מיין קאפ אפ האקין אויב אז יאזעפען

איז דָאס אפילו פָּאר גֶעקוּמֶען אין זַיינֶע גֶידַאנְקֶען , אִיךְ בֶּעט דִיךְ אַז דוּא זָאלְסְט דָאס אִיהְם אפילו גָאר נִיט דֶער צֵיילֶען מִיא דַארְף דֶעם בְּרִיף בַּייא זִיךְ נִיט הַאלְטֶען עֶר זָאל זִיךְ נִיט דֶער וִויסֶען דֶער פוּן אוּנ עֶר זָאל הָאבֶּען אַיין אוּמְזִיסְטֶען עגמת נפש .

אִיךְ טוּה אַייךְ קִינְדֶער צוּ לִיבּ אַז עֶר זָאל גָאר נִיט וִויסֶען דֶער פוּן אִיךְ וֶועל וַוארְטֶען בִּיז וַואנֶען דֶער פָּאטֶער וֶועט לוֹז וֶוערִין , וֶועלִין מִיר הֶערֶען וָואס עֶר וֶועט זָאגֶען אוֹף דֶערוֹיף .

דָם הַארְט שׁוֹן מִיךְ נִיט הָט זִיךְ סאלאמאן אָן גֶערוּפֶען , וָואלְטֶען מִיר אַזוֹ זַיין בֶּעוָואַרִינְט אַז מִיר זָאלֶען פוּן דֶעם אוּמְגְלִיק וֶוערִין רַיין , וִויא אִיךְ בִּין פַּאר זִיכֶערְט אַז דֶער פָּאטֶער וֶועט זָאגִין אַז מִיר זֶענֶען גֶערֶעכְט גֶוֶועזֶען וָוס מִיר הָאבֶּען דִיךְ נִיט דֶער לָאזִין אַז דוּ זָאלְסְט יאזעפען פִּיר הַאלְטִין , דֶער פָּאטֶער אִיז גִיזֶעסֶען מִיט אִיהְם אִין קְלֵייט הָאט עֶר אִיהְם דֶער קָאנְט וָוס פַּאר אַיין מֶענְטְשׁ עֶר אִיז .

גֶענוּג שׁוֹן צוּ רֶעדֶען , הָט זִיךְ מלכה אָן גִרוּפִין , בֶּערוּהִיג זִיךְ שׁוֹן אוּנ דֶער צֵייל וִויא אַזוֹ הָאסְטוּ דָארְטֶען גִיפֶועלְט , אוּנ וָוס בִּיסְטוּ גְוֶועזֶען אַזוֹ פַּאר נוּמֶען אַז דוּ הָאסְט אפילו קֵיין בְּרִיף נִיט גִישְׁרִיבֶּען .

אִיךְ הָאבּ נִיט גִיקֶענְט רוּהֶען , הָאט סאלאמאן גִיעֶנְטְפֶערְט , אַז אִיךְ הָאבּ דָאס דֶער הֶערְט , עֶרְשְׁט אַז אִיךְ וֵויס אַז עֶר וֶועט נִיט וִויסֶען דֶער פוּן בִּין אִיךְ שׁוֹן רוּהִיג .

ראזע וָוס בִּיסְטוּ נָאךְ אוּמְעטִיג אִיךְ הֵייס צוּ רַייסֶען דֶעם בְּרִיף אוּנ עֶס וֶועט נִיט דֶער מָאנְט וֶוערֶען וָוס מִיר הָאבֶּען צוּ ווִישֶׁען זִיךְ גֶרֶעדְט .

טְרַייעֶה מוּטֶער אִיךְ בִּין גָאר נִיט אִין שְׁטַאנְד אָפּ צוּ דַאנְקֶען דִיר דֶער פַאר , הָט ראזע זִיךְ אָן גֶערוּפֶען אוּנ טְרֶערִין הָאבֶּען בַּייא אִיר גְגָאסֶען .

דוּ דַארְפְסְט שׁוֹן אָבֶּער נִיט וַויינֶען , דִיא טְרֶערֶען גִיסֶען בַּייא מִיר פוּן פְרֵייד הָט ראזע גִיעֶנְטְפֶערְט .

סאלאמאן הָט צוּ רִיסֶען דֶעם בְּרִיף אוֹף שְׁטִיקְלֶעךְ .

מִיר דַארְפִין זִיךְ דָאךְ הַיינְט פְרֵייעֶן , הָט עֶר זִיךְ אָן גִרוּפֶען , דֶעם פָּאטֶער וֶועט מֶען דָאךְ אִין דִיא טֶעג אַרוֹם לָאזִין אוּנ דָארְטֶען אִיז דָאס מִיר צוּ גִיגַאנְגֶען גַאנְץ גְרִינְג .

מוּטֶער דוּ הָאסְט מִיךְ גִיפְרֶעגְט פַאר וָוס הָאבּ אִיךְ קֵיין בְּרִיף נִיט גֶעשִׁיקְט , אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט וָואס מִיא וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערִין הָאבּ אִיךְ נִיט גְהַאט וָוס צוּ שְׁרַייבֶּען אוּנ אַז מֶען הָט מִיר גִיעֶנְטְפֶערְט בִּין אִיךְ בַּאלְד אַוֶועק גְפָארִין , עֶרְשְׁט וֶועל אִיךְ אַייךְ דֶער צֵיילֶען .

וִויא אִיךְ בִּין גְקוּמֶען הָאבּ אִיךְ אָן גְגֶעבֶּען אַפְּרָאשֶׁענֶע צוּם אָבֶּער פְּרָאקוּרָאר הָט עֶר מִיר גְהֵייסֶען קוּמֶען צוּ אִיהְם אוֹף מָארְגֶען , וֶועט עֶר מִיר גֶעבֶּען עֶנְטְפֶער , אִיךְ הָאבּ קָאם דֶער הַארְט דִי מִינוּט אוֹף וֶוען עֶר הָט מִיר גְהֵייסֶען קוּמֶען בִּין אִיךְ בַּייא אִים גְוֶועזֶען אוּנ אִיךְ הָאבּ גְטְרָאפֶען עֶר אִיז גְזֶעסֶען מִיט אַפַּיינֶעם מֶענְטְשֶׁען אוּנ הָט גְרֶעדְט , וִויא עֶר הָאט מִיךְ דֶער זֶעהֶן הָאט עֶר מִיךְ אַרַיין גְרוּפֶען אוּנ הָט מִיט מִיר גִירֶעדְט אַזוֹ פְּשׁוּט .

זָארְג נִיט הָט עֶר זִיךְ אָן גֶערוּפֶען צוּ מִיר , אוּנ הָט אָן גִיוִויזִין אוֹף דֶעם מֶענְטְשֶׁען וָוס עֶר אִיז גְזֶעסִין נֶעבֶּען אִיהְם , אָט דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אַרוֹם לָאזִין דַיין

פאטער

פאטער, אונ ער הט מיר גזאגט אז דר מענטש וועט זיין סלעדראוואטעל ביי אונז אין שטאט, אונ דער סלעדראוואטעל וואס הט איין געזעצט אונזער פאטער הט מען איהם נאזנאצעט אין איין אנדער שטאט, איך האב געפרעגט דעם נייעם סלעדראוואטעל, ווען וועט ער ארוס לאזין דעם פאטער, ער פאהרט באלד אוועק צו אונז אין שטאט, הט ער מיר געענטפערט איבער נעמען די דעלעס ביי דעם היגין סלעדראוואטעל, אונ ער וועט מאכין אדראזנאניע פון זעקס בעלי בתים צו דר פאטער איז איין ארענטליכער מאן, וועט ער איהם ארוס לאזין אויף פארוציטעלסטווא.

דו ווייסט מוטער ווער דער נייער סלעדראוואטעל איז? איך בין געפאהרן אהער מיט איהם צו זאמען הט ער מיר דר ציילט אין וועג אז מיא רופט אים לאפיצקי ער איז דעם לאפיצקעס אזון וואס אונזער גוטער פריינד שמואל פיינבערג זיצט ביי איהם אין הויף, ער איז איין ליבליכער מענטש.

מיר שרעקט דם הארץ הט זיך מלכה אן גרופן, עס קען זיך געפינען שלעכטע מענטשין אז מען זאל זייא פרעגן אויפן פאטער אונ זייא זאלן זאגן אז ער איז ניט קיין ארענטליכער מאן.

פאר אזעלכע זאכין האבן מיר זיך ניט וואס צו שרעקן, האט סאלאמאן געענטפערט, מיר האבן קיינעם קיין שלעכטעס גטאהן אונ מיר האבן ביי קיינעם ניט פאר נומען, יעדערער ווייס אז דם הט אונז גטראפן איין אומגליק, אונ מיר האנדלען ניט מיט אזעלכע סחורה.

גייא סאלאמאן לייג זיך צו און רוה זיך אוס פון וועג, דוא ביזט דאך מיד.

איך וועל גיין צו יאזעפין אן זאגן איהם, הט סאלאמאן געענטפערט.

ער וועט שון באלד קומען, הט מלכה געזאגט שטענדיג איז ער שון אין דער צייט דא, מן הסתם וועט ער אומגיזאמט קומען, גייא רוה זיך אוס מיר וועלן איהם דער ציילין.

סאלאמאן איז אריין גגאנגען אין זיין ציממער, ניין איך קען ניט רוהען, האט ער צו זיך גירעדט, איך האב גלאזט בלומען אזוי שלאף, אונ איך ווייס ניט וואס זיא מאכט איך וועל גיין צו יאזעפין ער איז מן הסתם געוועזן ביי איר גוואר ווערין וועט ער מיר זאגין וואס זיא מאכט, דער ווארטן וועל איך זיך אויף איהם ניט ווארום די מינוט איז מיהר צו גרוס.

הט ער דר הערט ביי זיך אין ציממער וויא ראזע רעדט, יאזעף! סאלאמאן איז גקומען צו פאהרן אונ דעם פאטער וועט מען די טעג ארוס לאזין.

סאלאמאן איז איהם ארוס גלאפן אנטקעגין.

וואס ביזטו סאלאמאן מיר ניט גקומען אן זאגין? האט יאזעף גיפרעגט, דוכט זיך איין גאט ווייס וואול אז איך שלאף ניט קיין נאכט אונ איך פאר גיס די קישין מיט טרערין אז ר' מרדכי דארף זיצין אין אסטראג, האסטו מיר גאר ניט גוואלט אן זאגן די פרייד.

איך בין ערשט ניט לאנג גקומען, נאר וואס איך האב זייא דער ציילט, קום יאזעף צו מיר אין ציממער.

זייא זענן אריין גגאנגען אין זיין ציממער סאלאמאן הט צו גמאכט די טיר.

זאג מיר יאזעף גיכער, וואס מאכט בלומה.

איך גייא ערשט פון איהר, הט יאזעף געענטפערט, איך בין ביי איר גוועזן

עטליכע

עֶטליכֶע מָאהל זיא איז גאט צו דאַנקען פָאלקאם געזונד, צווייא טעג איז זיא געלעגן אונ הָט ניט געוואוסט וָוס מיט איר טוט זיך מיא הָט זיא קאם אָפּ געראַטעוועט, דוּא קענסט פאר שטיין אַז איר איז אוֹפין דריטין טאג בעסער געוואָרן הָט איהר דיא נייטאָרן דער ציילט אַז דו ביזט געוועזן אונ געשטאנן נעבן איהר בעט, הָט זיא איר אָן געקוקט אונ זיא הָט גאָר ניט געגלייבט. איך בין געוועזן דעם ערשטן מָאל בייא איר, האָב איך גאָר ניט געקענט רעדין זיא איז געלעגן פאר טראָגן אונ דָס איז אַלץ געוועזן פוּן דעם דער שרעקעניש, דעם אַנדערן מָאל אַז איך בין געוועזן, איז איר שוין אַביסל אָפּ גגאַנגען בין איך געזעסן אַזוֹ לאַנג אַז איך האָב מיט איר געקענט רעדן אַז קיינער זאָל ניט הערין אונ איך האָב איר דער ציילט פוּן דיין פָארין אונ וויא דו האָסט מיר געבעטן אַז איך זאָל גיין צו איהר גוואר ווערן, עס איז מיט איהר אַפּאר געניגין צו רעדין ערשט בין איך געוועזן בייא איהר איז זיא שוין דאַנקען גאט בייא דעם גאַנצן געזונד, אונ זיא הָט מיך געבעטן אַז וויא דו ווֶעסט קומען צו פָאהרן זאָל איך איהר אָן זאגין וועט זיא דיך ערוואַרטן פאר נאַכט אוֹף דעם אייגענעם אָרט וואוּ איר פלעגט זיך זעהן.

גייא שוין יאזעף זאָג איהר אָן.

עס איז דאָך שוין שפעט, האָט יאזעף זיך אָן גרופן, היינט וועסטו דאָך שוין זיך ניט קענען זעהן, ערשט גייא איך פוּן דאָרטין, עס פאַסט ניט פאַר איהר אַז איך זאָל היינט זיין נאָך אַמאל זאָל שוין זיין אוֹף מאָרגין, איך זאָג דיר סאלאמאן אַז איך זאַלקעוועה איהר אַזוֹ איין איידעל קינד וויא זיא איז, אונ זיא איז געבאָך איין עלענדע, אונ דאַרף זיך מיטשען בייא דער נייטאָרן פאַר איהר שטיקל ברוט, דוּא דאַרפסט זעהן וויא דיין פאָטער וועט לוז ווערן זאָלסטו איהם ענטדעקין אַז ער זאָל דיר דאַזוואָליען, וועסטו איהר קענן באַלד צו נעמען פוּן דער נייטאָרין.

מיט גאָטס הילף, הָט סאלאמאן געענטפערט, איך פאַר האָף אַז עס וועט טאַקי אַזוֹ זיין.

17.

אַגוטער יוד אין שטאָט

אין דער שטאָט רים איז געווען אַגערודער, אַגוטער יוד איז אָן געפאָהרן ערב שבת אַלע איינוואוֹנער האָבן זיך צו ווישין זיך געשפאַרט יעדערער הָט געוואָלט האָבן דיא זכיה אַז דער גוטער יוד זאָל זיין בייא איהם אוֹף שבת, נאָר קיינער הָט ניט געהאַט דיא זכיה נאָר ר׳ שלומהלע, וויא דיא ליבע לעזער איז שוין באַוואוּסט אַז מיא הָט איהם געזעצט פאר דעם שענסטן מענטשן אין שטאָט, אַז ער איז צו גגאַנגען צום גיטין יוד האָבן דיא אַלע איינוואוֹנער צו ווישין זיך גרעדט, ערשט האָבן מיר זיך שוין ניט מעהר צו שפאַרין דער גוטער יוד וועט אַבליק טאָהן אוֹף איהם וועט ער שוין וויסין וָוס פאר איין פרומער יוד ער איז, אונ וָוס פאַר אַוייב אצדקניות ער הָט, וועט ער מן הסתם האַלטן בייא איהם שבת, אונ אַזוֹ איז געווען.

ר׳

ר׳ שלומהלע האט דעם גוטין יוד זייער שטארק געבעטן און ער האט ביי איהם גיפועלט.

דיא ליבע לעזער זענן אוואדע נייגעריג צו וויסין דעם נאמען פון דעם גוטין יוד, און צו ער האט גהאט אגבאי געבן זיך. אז איר פרעגט מיך ניט וועל איך אייך אליין דער ציילן.

דער גוטער יוד האט גהייסן מיט זיין נאמען ר׳ אבעלע און אגבאי האט ער גהאט געבין זיך האט ער גהייסן טודרוסיל.

דער גוטער יוד האט גהייסן ר׳ שלומהלען ער זאל זיך אריין זעצין צו איהם אין בויד, ער האט זיך גיזעצט פון איין זייט און פון דער אנדערער זייט טאדרעסעל דער גבאי, און זייא זענען צו גפאהרן צו ר׳ שלומהלען ער האט זייא אריין גיפיהרט צו זיך אין הויז און האט זייא אפ גיגעבן אבעזונדער צימער.

פייגע רחעלע האט גאר פון דיא געסט ניט גיוואוסט. זיא איז געווען פאר נומען מיטין שבת גרייטן.

ר׳ שלומהלע איז אריין גקומען אין קיך דו זאלסט הײנט פייגע רחעלע מאכין אשיינעם שבת דו זאלסט אסאך אן קאכין און אן באקין.

ווס איז היינט פאר איום טוב? האט זיא גיפרעגט.

היינט איז אן גפארן אגוטער יוד אין שטאט, האט ער זיך אן גערופן, האב איך איהם פאר בעטין אז ער זאל זיין ביי אונז שבת ער איז שון מיט זיין גבאי ביי אונז אין שטוב, פאר שטייסטו שון אז מיא דארף זיך צו גרייטען, זייא זענין צווייא מענטשן און מן הסתם וועלין נאך אן קומען צו ליב איהם פרעמדע מענטשן פון שטאט דארף מען טאקי זעהן אז עס זאל זיין אפיינער שבת, דיא געלט וואס וועט אונז קאסטען וועט האבן דיא ווערטע דעם כבוד וואס מיר וועלין דער פון האבן.

דוא דארפסט מיר ניט געבן אזו פיל צו פאר שטיין, האט זיא זיך אן גערופן איך פאר שטייא אוך איין עסק אז פאר אונז שאט דס ניט אז מיר זאלן האבן ווס מעהרער כבוד, און דס איז שון ניט דיין דאגה איך וועל זיך שון צו גרייטן אז עס וועט זיין אופן פיינסטן אופן.

ר׳ שלומהלע איז אוועק גגאנגען צו ר׳ אבעלעהן אין צימער.

פייגע רחעלע האט גנומען לאדאן דעם שבת זיא האט גילייגט דעם לעבן.

בערקע! האט זיא געשריגן, זיץ ניט, נעם ראהם אום דיא שטוב.

בערקע האט גנומען צו קלויבין אין דיא צימערן.

וואו איז דס מאטקע האט זיא גשריגן, ער איז עפעס קראנק צו העלפן.

מאטקע האט דער הערט איז ער גקומען צו לופין.

ווס דארפט איר מיך? האט ער גיפרעגט.

זיא האט גגעבן אוף איהם אגעשרייא, קאלטענאוואטער שעד! וואס פרעגסטו זיך דוא זעהסט ניט וואס דאה טוט זיך, נעם האק אן האלץ אוף פיש קאכין.

מאטקע האט גיהארעוועט און האט אן גיהאקט האלץ און איז אוועק גגאנגען לכבוד שבת אין מרחץ אריין, און צו ליב דעם גוטין יוד דארף מען אוך זיין אביסל רייגער ביי זיך.

ר׳ אבעהלע הט זיך צו גלייגט אום רוהען פון וועג , טאדריסעל איז אוועק גנאנגען אין שטאט אונ ער הט דער ציילט מופתים פון זיין גוטין יוד .

ר׳ שלומהלע האט צו גזעהן אין שטוב אז עס זאל זיין אלץ אין לאד .

דס איז שון צו ווישין אונזערע יודין איין געפיהרט אז מען גלייבט אין אלעס , אבוואהל דער קלוגער קיניג שלמה הט גזאגט , פתי יאמין לכל דבר , אנאר גלייבט אין אלע זאכין , אונ אונזערע יודין ווייזין אז זייא זענין מאמינים בני מאמינים , פאר גלאצט איינער מיט דיא אויגן אונ פאר דביקות זיך אין דאווענען , איז ער שון אגוטער יוד , ווען איינער דער ציילט נאך פון איהם אמופת רעדט ער שון מיט גאט , אונ מיא גלייבט אז מיא ווערט שון פון איהם גהאלפין ,

בייא ר׳ שלומהלען אין הוז איז גווארן שבת .

פייגע רחעלע הט זיך אן גיהארעוועט , אבער עס איז גוועזן בייא איהר אלץ איין גילאדעט , זיא הט אן גטאהן איהר שבתדיקע קלייד , אויפין טיש איז גלעגן צווייא גרויסע חלות איבער גידעקט מיט אטישטעך זיא הט גבענטשט ליכט , זיא איז גשטאנען איבער זייא דיא אויגן צו גמאכט אונ זיא הט אפ גזאגט דיא גאנצע תחינה פון ליכט בענטשן .

ר׳ שלומהלע איז ארום גגאנגען איבערן זאלל אונ הט איין גנומען פאר געניגן פון דעם כבוד וואס ער וועט האבן היינטיגען שבת , זיא האט אפ גיבענטשט ליכט .

וואס זאגסטו שלומהלע , הט זיא זיך אן גערופן , אז מיא לויבט מיך ניט מעג איך זיך אליין לויבין אין צווייא שעה איז דאס בייא מיר אלץ גווארן פארטיג , עס שיינט דאך ערשט אין אלע פיר ווינקעלאך ,

דו האסט אריין געפיהרט אונזער דאניאלקען צום גוטין יוד ער זאל איהם בענטשן ?

איך האב גהייסין דאניאלקען ער זאל זיך אן טאהן אין שבתדיגק וועל איך אים אריין פיהרן , הט ער גיענטפערט :

טאדריסל איז גקומען פון שטאט , מאטקע איז גקומען פון מרחץ , ר׳ אבעהלע איז אויף גשטאנען אונ האט גהייסין מיא זאל מאכן אמנין ער איז מיד פון וועג ער האט קיין כוח ניט צו גיין דאווענען , עס איז באלד גווארן אמנין אלע האבן גדאווינט אין זאלל , נאר ר׳ אבעהלע הט גדאווינט אין זיין צימער , זיין באמקען מיט זיין שאקלען זיך דארפין מיר ניט פאר שטעלן ווארום ער זאל דס ניט טאהן וואלט ער קיין גוטער יוד ניט קענען זיין , אלע האבן אפ גידאווינט , איז ער אריין גקומען אונ הט אפ גגעבן דעם גרוסין , גוט שבת :

ר׳ שלומהלע הט צו איהם צו געפיהרט זיין דאניאלקען אונ הט גבעטן אז ער זאל איהם בענטשן .

דאניאלקע הט איין גיבוגין דיא קאפ , ר׳ אבעהלע האט ארוף גלייגט זיינע הענד אונ הט איהם גיבענטשט , ער הט אפ גמאכט קידוש , מיטין עסין הט ער גהייסן אז מיא זאל זיך ניט היילן ער איז אריין גגאנגען אין זיין צימער אונ ער הט זיך פאר מאכט .

אין שטאט הט זיך יעדער גיהיילט מיטין עסין מיא איז גלאפן צום גוטין יוד הערין תורה :

ביא ר׳ שלומהלען אין הויז זענן אן גקומען פול מענטשן פון שטאט און מיא הט גיווארט ביז וואנען ר׳ אבעהלע הט זיך גזעצט צום טיש און מיא הט דער לאנגט עסין, צו ער הט גזאגט תורה צו ער הט ניט גזאגט, דס האבן דיא מענטשן ניט גיקוקט ווס זייא האבן זיך צו נוף גקליבען זייא האבן נאר גקוקט אוף ר׳ אבעהלען וויא ער הט אלע מאל פאר גלאצט מיט דיא אוגן און ער איז זיך פאר גאנגען אין דיא זמירות זאגן, און וויא ער הט גגעסן.

דיא מענטשן האבן צו ווישן זיך גירעט אז ער פאר גייט זיך זעהט מען אז דיא נשמה זיינע איז אין הימעל פון אזעלכען ווערן גהאלפן אזוועלט מענטשן, ער הט שון מן הסתם גינוג מענטשן גהאלפן, אונזער שטאט איז בעשערט אגליק ווס ער האלט דא שבת ווער עם וועט קומען צו איהם מיט אבקשה וועט גהאלפן ווערין, אזו איז גוועזן.

דיא רייד הט זיך אוף מארגן גיהערט אין גאנצין שטאט אז פון דעם גוטין יוד ווערן גהאלפן אזוועלט מענטשן, אלע האבן מקנא גוועזן ר׳ שלומהלען ווס ער הט דיא זכיה אז אזו אצדיק זאל האלטן ביא איהם שבת.

אין שטאט הט דעם טאג גירודערט, דורך פאהרער ווס זענן פאר בליבן אוף שבת אין שטאט, איין וואונער זענן גוועזן פול ביא ר׳ שלומהלען אין הויז אין דעם טאג שבת, און יעדערער הט זיך גישפארט צו ר׳ אבעהלען מיט אבקשה נאר ר״ אבעהלע הט אן גזאגט טאדריסלען זיין גבאי אז ער זאל קיינעם ניט צו לאזן, ער וועט ענטפערן ערשט נאך הבדלה, דיא מענטשן האבן דער הערט דעם ענטפער פון טאדריסלען זענן זייא זיך צו גאנגען און זייא האבן דער ציילט אין שטאט אז דער גוטער יוד הט צו גזאגט אז נאך הבדלה וועט ער יעדערין ענטפערן זיין בקשה.

עס איז גקומען נאך מנחה איז ביא ר׳ שלומהלען אין הויז גוועזן איין אשטשיסק עס איז גוועזן דארטן קראנקע, הינקידיגע, בלינדע, שטומע, עקרות, און מיא הט גיווארט ביז וואנען ר׳ אבעהלע הט אפ גמאכט הבדלה.

טאדריסעל הט זיך אנידער גשטעלט נעבן טיר פון זיין צימער און הט גשריבן קוויטלעך יעדערן זיין בקשה און הט אריין גלאזן איינציג ווייס צו ר׳ אבעהלען אז דר איז ארוס גגאנגען הט ער אריין גלאזט איין אנדערן, טאדריסעל הט גישאהרט געלט פאר דיא קוויטלעך שרייבן און פאר דעם אריין לאזן.

און ר׳ אבעהלע הט גשאהרט פון דעם אנדערן זייט ער הט זיך דיא געלט ניט גנומען, ער הט גהייסן געבן אוף ארץ ישראל יעדערן ח״י דעם אכטצעהן רענדלאך דעם אכטצעהן רובל איין אנדערן אכטצעהן גילדין, יעדערער ווער עס איז ארוס גגאנגען פון איהם הט גזאגט אז דס איז אזו אצדיק אז ער וויל גאר פון דער וועלט ניט קיין הנאה האבן, ער וויל זיך גאר קיין געלט ניט, ער הייסט מער ניט געבן נאר אוף ארץ ישראל.

צווישין דיא מענטשן ווס האבן זיך גשפארט און יעדערער הט גוואלט אריין גיין אוף פריהער, איז גוועזן איונגע ווייביל פון זעקס און צוואנציג יאהר זיא האט גהייסן גרונע, זיא איז גפארין זוכין איר מאן, זיא הט זיך קאם דער שפארט צוא טאדריסלען זיא הט איהם גזאגט איהר בקשה, ער הט אוף גשריבן אקוויטל און הט איהר אריין גלאזט צום גוטין יוד.

גרונע הָט גֶגֶעבְּן ר׳ אבּעהלען דֶעם קְוִויטִיל אוּנ זִיא הָט אָן גְהוֹבְּן וֵויינֶען רבי קְרוֹן, פְּרִיהֶער אוֹף גָאט דֶער נָאךְ אוֹף אַייךְ, שׁוֹן זֶעקְס יָאהְר אַז מַיין מַאן אִיז פוֹן מִיר אַוֶועק גְפָארְן עֶר הָט מִיךְ גְלָאזְן מִיט צְוֵויא קִינְדֶער אוּנ אִיךְ וֵויים נִיט וואוּ עֶר אִיז, אִיךְ הָאבּ אַלְץ גְוַוארְט טָאמֶער וֶועט עֶר קוּמֶען אָדֶער עֶר וֶועט מִיר שִׁיקְן אַבְּרִיף וואוּ עֶר אִיז, שׁוֹן אַיָאהְר אַז אִיךְ פָאר אַרוּם אִיהְם זוּכְן אוּנ אִיךְ וֵויים נִיט וָוס קֶען זַיין דֶר סוֹף, אִיךְ בִּין גְקוּמֶען אַהֶער אִין שְׁטָאט אִיז שׁוֹן גְוֶוען שְׁפֶּעט הָאבּ אִיךְ זִיךְ דָא אָפּ גְשְׁטֶעלְט הַאלְטְן שבּת, בִּין אִיךְ גְקוּמֶען צוּ אַייךְ אִיר הֶעלְפְט אַוֶועלְט מֶענְטְשְׁן זָאלְט אִיר מִיר אוֹךְ הֶעלְפִין.

ר׳ אבּעהלע הָט אוּם גְהֶערְט אִיהְרֶע רֵייד אוּנ הָט פַאר גְלָאצְט מִיט דִיא אוֹגְן אוּנ הָט אִיר גְהֵייסְן גֶעבְּן אַכְטְצֶעהְן גִילְדִין אוֹף ארץ ישׂראל, פָאהְר אַהֵיים דוּ וֶועסְט זִיךְ אִין גִיכְין זֶעהְן מִיט דַיין מַאן.

גרונע הָט אִיהְם אָפּ גְגֶעבְּן דֶעם פדיון אוּנ אִיז אַרוּם גְגַאנְגְן פוּן זַיין צִימֶּער זִיא הָט זִיךְ אַנִידֶער גְשְׁטֶעלְט וואוּ עֶס אִיז גְוֶוען גְרָאמֶער אָפּ רוּהֶען זִיךְ, וָוס זִיא הָט זִיךְ אָפּ גְמַאטֶערְט בִּיז וַואנֶען זִיא הָאט זִיךְ אַרוּם גְשְׁפַּארְט פוּן דֶעם אַיינְגְשַׁאפְּט, הָט זִיא דֶער זֶעהְן מַאטְקֶען הָט זִיא אִיהְם מִיט אַגֶעשְׁרֵייא אָן גִיחַאפְּט פַאר דִיא לַאצִין וָוס הָאסְטוּ גְהַאט צוּ מִיר, שׁוֹן זֶעקְס יָאהְר אַז דוּ הָאסְט מִיךְ אַוֶועק גְוָוארְפְן מִיט צְוֵויא קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

מַיין טַאטֶע הָט זִיךְ אַזוֹ פִיל גִיבְּלֵייזְט פוּן דַיינֶעט וֶועגִין וַוייל עֶר הָט גְוָואלְט הָאבְּן אַגוּט קִינְד פַאר אַיין אֵיידִים לְסוֹף הָאסְטוּ מִיר אַזוֹ אָפּ גְטָאן.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ גרונע שְׁרַייא נִיט, הָט זִיךְ מאטקע אָן גְרוּפְן, אַז דוּ וֶועסְט נָאךְ שְׁרַייעֶן וֶועל אִיךְ גָאר נִיט פָארְן אַהֵיים.

דוּ בִּיזְט נָאךְ גְרֶעכְט! הָט גרונע גְשְׁרִיגְן אוֹף אַהֶעכֶערְן קוֹל, דוּ ווִילְסְט אַז אִיךְ זָאל נָאךְ שְׁוַוייגְן, אַהֵיים וֶועסְטוּ נִיט פָאהְרְן? אִיךְ וֶועל דִיךְ שׁוֹן נִיט אָפּ לָאזְן, דִיא נשׁמה זָאל שׁוֹן דִיר אַרוּם לָאזְן בִּיז טָאג, טַאטִינָא דֶער בַּארִימְדִיגֶער.

קוּם מִיט מִיהְר אַרַיין צוּם גוּטְין יוּד, אוֹף מִיר אִיז גְקוּמֶען דִיא הִילְף פְרִיהֶער פוּן גָאט אוּנ נָאךְ דֶעם פוּן אִיהְם, עֶר הָט מִיר טַאקִי גְזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ מִיט דִיר אִין גִיכִין זֶעהְן, דַיין קֶבֶר זָאל אִיךְ שׁוֹן בֶּעסֶער זֶעהְן.

אִיךְ וֶועל נִישְׁט גֵיין צוּם גוּטְין יוּד, הָט מאטקע גִיעֶנְטְפֶערְט, אִיךְ הָאבּ בַּייא אִיהְם נִיט וָוס צוּ טְאהְן.

ר׳ שׁלומהלע אִיז גִיזֶעסְן מִיט פייגע רחעלען אִין זַיין צִימֶּער הָט עֶר דֶערְהֶערְט קוֹלוֹת, אִיז עֶר אַרַיין גְלָאפְן אוּנ עֶר הָט דֶער זֶעהְן ווִיא גרונע הַאלְט מאטקען פַאר דִיא לַאצִין.

וֶוער אִיז זִיא דָס? הָט עֶר גִיפְרֶעגְט.

דָס אִיז מַיין מַאן! הָט גרונע גְשְׁרִיגְן.

ר׳ שׁלומהלע הָט גְשְׁרִיגְן מִיט כּעס אוֹף מאטקען, דוּ יוּנְגַאטְשׁ! עֶס אִיז דָאךְ אַגְלִיק וָוס אִין דֶער חָלִירְיֶעה אִיז בַּייא דִיר קַיין חתונה נִיט גְוֶוען מִיט דֶר יתומה, אַשֵׁיינֶער מֶענְטְשׁ, פָאהְרְט אַוֶועק פוּן אַוַוייבּ אוּנ זוּכְט נֶעמֶען אַנְדֶערֶע, דוּ שֵׁייגֶעץ דוּ הָאסְט נָאךְ אַלֵיין גְהֵייסְן שַׁדְכָנִים זָאלְן דִיר זוּכְין אַשִׁידוּךְ, אוּנ הָט אָן גְהוֹבְּן מאטקען צוּ פַּאטְשֶׁען.

ר׳ אבּעהלע אִיז גְוֶוען פַאר נוּמֶען, טאדריסעל אִיז גְשְׁטַאנֶען אוּנ הָט צוּ אִים

אריין

אַרײן גלאָזין דיא מענטשן װאָס האָבּן גיװאַרט ביז װאַנען מיא װעט זײא צו לאָזין, זײא אַלע האָבּן גישריגן איר האָט רעכט ר' שלומהלע װאָס איר פּאַטשט איהם אױף אַזעלעכין איז אמצוה.

אין דעם גשרײא האָט זיך אױף געעפינט דיא טיר, אונ עס איז אַרײן גקומען דער פּריסטאַװ.

װוּא איז דער בעל הבית שלמה פידיס.

ר' שלומהלע איז צו גגאַנגען צו איהם.

נאַט אײך אַפּאָװיעסטקע, מאָרגן נײן אַזײגער זאָלט איר זײן בּײַן סלעדאָװאַטעל.

איר װײסט ניט אױף װאָס מיא רופט מיך?

דאָס װעט מען מאַכין מאָרגין אַדאָזנאַניע, האָט דער פּריסטאַװ גיזאָגט, פון זעקס בעלי בתים אױף מרדכי פרידמאַן צו ער איז אײן אָרענטליכער מאַן.

װער זענין דיא פינעף צו מיר? האָט ר' שלומהלע גיפרעגט.

איך װײס מעהר ניט װיא צװײא, האָט דער פּריסטאַװ גזאָגט, עס איז אָן גקומען אַנײער סלעדאָװאַטעל האָט ער גישיקט רופין פון אַלע דרײא צאַסטין דיא פּריסטאַװעס אונ ער האָט אונז גזאָגט אַז ער דאַרף מאַכין אַדאָזנאַניע אױף מרדכי פרידמאַן זאָלין מיר איהם זאָגן יעדער פון זײן צאַסט צװײא בעלי בתים דיא שענסטע האָב איך גזאָגט פון מײן צאַסט אײך, אונ חיים שטײנװאַס, אונ יענע פיר װײס איך ניט.

ר' שלומהלע האָט צו גנומען דיא פּאָװיעסטקע.

דער פּריסטאַװ האָט זיך איהם גהײסן אונטער שרײבּן.

ער האָט גבּעטן דעם פּריסטאַװ זיצין אונ ער האָט גהײסן פײגע רהעלען דער לאַנגען אַטײגט אונ פעדער.

אָן אַזײט איז גשטאַנען מאַטקע מיט זײן װײב אונ האָבּן זיך גיקריגט, שטילער הײט.

קום מאַטקע האָט זיא זיך גבּעטן, מיר װעלן זיך אײן פּאַקעװען אונ מיר װעלן פאָהרן אַהײם.

איך װעל ניט פאָהרין האָט מאַטקע גיענטפערט, צוא ליב דיר האָט מען מיך גיפּאַטשט, װײסטו דאָך אַז איך בין אײן עקשין, אַז איך האָב זיך אײן גשפּאַרט אונ זאָג נײן איז נײן, עס מעג זיך דיא װעלט איבער קערין אַז צוא ליב דיר האָב איך בּעדאַרפט גשלאָגן װערן װעל איך בשום אופן ניט פאָרין.

מאַטקע, איך גײא דאָס דער צײלין דעם פּריסטאַװ.

איך האָב קײן מורא ניט, האָט מאַטקע גיענטפערט דו מעגסט דער צײלן.

גרונע איז צו גגאַנגען צום פּריסטאַװ. זיא איז געפאַלן איהם צו דיא פיס.

װאָס פאַר לאַנגסטו? האָט ער איר גפרעגט דער צײל מיר.

איך פאַרלאַנג אַז איר זאָלט אום הערן מײן גיבעט, האָט זיא זיך אָן גרופען.

איך סטאַראַיע זיך שױן זעקס יאָהר אַז מײן מאַן איז פון מיר אַװעק אונ איך האָב ניט גװאוּסט װאוּ ער איז אַהין גקומען ער האָט מיך איבער גלאָזין מיט צװײא קינדער, שױן העכער װיא אַיאָהר אַז איך פאָר אַרום איהם זוכין, איך בין געקומען אין דער שטאָט האָב איך גיהערט אַז דאָ איז אָן גפאָרן אַגרױסער גוטער יוד ער

שטײט

שטייט דא איין אין שטוב, בין איך גקומען צו איהם אז ער זאל מאכן אז מיין מאן זאל קומען צו מיר.

דער גוטער יוד קען זיך מיט דיין מאן? הט איר דער פריסטאוו גיפרעגט, ווס ער זאל מאכן אז ער זאל קומען צו דיר.

ער קען זיך ניט מיט איהם, הט גרונע זיך אן גרופין, ער איז אזוי אמענטש ווס ער העלפט צו אלע זאכן, האב איך איהם גבעטן אז ער זאל מיר אויך העלפין, איך בין ארוס גגאנגען פון זיין צימער האב איך דער זעהן דא מיין מאן, אט שטייט ער, אונ ער וויל מיט מיר ניט פאהרן אהיים.

ר׳ שלומהלע הט זיך אונטער גשריבן.

דער פריסטאוו האט איהם גבעטן אז ער זאל איהם אריין פיהרען צום גוטין יוד, ער וויל איהם זעהן ווס ער איז פאר אמענטש אז ער העלפט צו אזעלכע זאכין.

ר׳ שלומהלע איז אריין גגאנגען מיט איהם צו ר׳ אבעהלען.

דער פריסטאוו האט איהם דער זעהן, איז ער גבליבן שטיין אונ הט אויף איהם גיקוקט.

ר׳ אבעהלען האט זיך גימינעט אלערלייא קאלארין, וואס ער הט אויף איהם גיקוקט.

דער פריסטאוו האט גאר ניט גירעדט, ער איז ארוס גגאנגען פון זיין צימער גלייך אופין גאס ער הט גגעבן אפייף איז צוא גגאנגען אפאליצעייסקער סאלדאט.

גייא אין צאסט, הט דער פריסטאוו גזאגט צו איהם, דו זאלסט זאגן אז איך האב דיך גישיקט אז מען זאל דיר געבן דיא פאטאגראפיע מיט דער דיעלא ווס מיא האט אריין געשיקט מיט דרייא חדשים צוא ריק פון יאוונעלצקער גובערניע אז מיא זאל זוכין אמענטשן וואס ער איז דארטן אנטלאפן גווארן פון אסטראג, אונ זאלסט נעמען מיט זיך עטליכע סאלדאטן איך וועל דא ווארטן אויף דיר בייא שלמה פידים אין הוז, דו זאלסט ווס צום געכסטן קומען.

דער סאלדאט איז אוועק גגאנגען אין צאסט.

בייא ר׳ שלומהלען אין הוז האבן זייא אלע גימיינט אז דער פריסטאוו איז שון אוועק גגאנגען, דיא פאר פאלג האבן זיך ערשט אן גהובן קריגין:

גוואלד יודין! האט גרונע גישריגן, גיט מיר עפעס איין עצה וואס טוט מען מיט איהם.

ערשט גרונע וועז דו וועסט לאפען, הט מאטקע גישריגין וועל איך שון ניט פאהרן, דו וועסט מיך גיין מאסערין פארין פריסטאוו, איך האב דיר גזאגט איין מאל אז איך האב קיין מורא ניט, דו זעהסט דאך וואס הט ער מיר גטאהן, זייא האבן זיך גיקריגט, אונ דער פריסטאוו איז אריין גקומען צוריק.

איר הט זיך נאך אלץ ניט אוס גלאדעט.

פון וואנען ביזטו? הט דער פריסטאוו מאטקען גיפרעגט.

מאטקע איז גווארן פאר ציטערט, דיא קאלטענעס האבן זיך בייא אים אויף גשטעלט פון שרעק.

איך

איך.... איך בין פון בולחאווישאק.

וויז דיין פאס.

איך האב קיין פאס ניט, הט מאטקע געענטפערט.

דו מעגסט שון פארן אהיים, הט זיך דער פריסטאוו אן גירופן צו גרונען,
איך וועל שון דיין מאן אפ שיקן אהיים מיטין עטאפ.

דער פריסטאוו האט זיך אנידער געזעצט אונ האט שון געהאלטין מאטקען געבין זיך.

אלע זענן געשטאנען אונ האבן ניט געוואוסט וס איבער צו טראכטן וואס דער פריסטאוו הט זיך אנידער געזעצט אונ ווארט אוף עפעס:

אין דער איינענער צייט ביא שלומהלען אין הוז אין אבעזונדער צימער איז געזעסן בערקע מיט שיינדעלען.

דו געדענקסט אז איך האב דיר געזאגט אז דער מאטקע הט א וויב, הט זיך שיינדעלעה אן גרופן, האסטו געלאכט פון מיר, אז עס איז געווארן דער געשרייא מיר זענן אריין געלאפן זעהן האב איך דער קענט מאטקעס ווייב פון וויטן, זיא איז מיט מיר פון איין שטאט, איך האב זיך ניט געוואלט לאזן צו איר דער קאנען, איך האב ניט געוואלט אז זיא זאל מיך דא זעהן.

איך האב טאקי פריער ניט געגלייבט, הט ער געענטפערט, איך וואלט זיך אוף מאטקען ריכטין דיא מיתה משונה:

לאמיר רעדין פון בילכערעה זאכין, הט שיינדעלע געזאגט:

דו ווייסט בערקע אז איך קען שון אוף דער שטעלע ניט זיין, איך גייא שון פיר חדשים עס איז שון באלד ניכר, וואס פאר אפנים וועל איך האבן אז מיא וועט דער קאנען אז איך טראג, אונ וויפיל איז דער שיעור אז איך זאל דינען, געלט האבן מיר דאך גינוג, דארפין מיר שון התונה האבן, אונ מיר זאלן זיך ארום אין אדירה וואלטן מיר ערשט וויסין פון אלעבן, עס וואלטן אריין גיין צוא אונז גוטע ברידער און מיר וואלטין ערשט פאר דינען אקערביל:

דוא האסט רעכט, מיין טייערע שיינדעלע, נאר נאך אצווייא טעג דארפסטו זיין אוף דער שטעלע, דו ווייסט צו ליב וס:

ביא איך שטייט איין יאזועף וס ער ליבט זיך מיט ר' מרדכים מיידיל, אונ דאניאלקע וויל אז מען זאל דעם פריקאזציק איין לאדען, ער הט מיר געזאגט אז ער וועט ניט שטיין אין קיין געלט אביא מיר זאלין איהם פאטערן, אונ ער האט נאך געבעטן אז זיין פאטער אונ מוטער זאלן ניט וויסין דער פון, פאר שטייסטו וויא מיר וועלן ביא דאניאלקען שון ציהען אקערביל, ער הט מיר געגעבן ארעוואלווער מיט אהיפשע ביסיל פולווער איך וועל דיר דם געבן אז דו זאלסט דם אונטער ווארפן יאזועפין אז דו וועסט מיר געבן ענטפער אז דוא האסט שון איהם אריין געשפארט, וועל איך געבן אדראנאנס אין פאליציי אז ער איז אמאטעזניק אונ היינט הערט זיך דאך דער מאטעז, פארשטייסטו דאך אז ער וועט שון זיין איין גילאדעט.

זאגסטו מיר צו שיינדעלע?

פאר וס ניט, הט זיא זיך אן גירופן.

דם איז אוואזנע זאך איך וועל דאס שון נעמען מיט זיך, איך וועל איהם

אונטער

אונטער ווארפין איך ווייס ניט אפשר היינט אונ אז ניט איז מארגן, איך וועל דיר שון אן זאגן:

זאג מיר בערקע, דו האסט זיך שון אום גגלייכט מיט ר' שלומהלען פאר דיא ניין טוזענט רוביל סחורה פון ר' מרדכען:

איך האב זיך דיר פאר געסן זאגין שיינדעלע, אז איך האב זיך שון מיט איהם אום גיגלייכט, איין אנדערן אז מיא וואלט פאר קופין וואלטן מיר מער ניט נעמען וויא העלפט געלט דער פאר, ווארום מיר וואלטן דם פאר קופן פאר בלאטע סחורה, הט ר' שלומהלע פאר האלטן דיא סחורה פאר זיך אונ ער גיט דער פאר פיר טוזענט רוביל קומט איהם העלפט דער פון האבן מיר אוף אונזער חלק צוויא טוזענט רוביל, אוף חתונה הוצאות האבן מיר שון, שיינדעלע, אונ אוף נאך עפעס אז מיר וועלין בעדארפין וועט אוך זיין, וום האבן מיר צוא דאגענען וויא מיר לאדען איין דעם פריקאזציק אזו גייסטו אוועק פון דער שטעלע, אונ מיר וועלן סטרויען אחתונה:

גיב דם אהער בערקע, וועל איך שון גיין:

בערקע הט ארום גנומען פון אונטערין בעט דעם רעוואלווער מיט דיא פולווער אונ הט גגעבן שיינדעלעהן:

זייא האבן זיך צו זעגינט, שיינדערלע הט גזאגט אגוטע נאכט אונ איז אוועק גגאנגען:

יעצט ליבע לעזער קומט מיט מיר איך וועל אייך אריין פירין פון דעם צימער אין זאלל אוף אקליינע וויילע, וועלן מיר זעהן אוף וואס דער פריסטאוו האט זיך דער ווארט, ער איז גזעסן, אונ אלע זענן גשטאנען אונ האבן אן גיקוקט אוף ווס ער ווארט:

אין דעם איז גקומען אסאלדאט אונ הט איהם צו גטראגן אפאטאגראפיע מיט פאפירין, אונ הט איהם גזאגט אז דיא סאלדאטין ווארטן אופן גאס:

דער פריסטאוו הט אקוק גטאהן אוף דער פאטאגראפיע יא דם איז ער הט ער צו זיך גירעדט אונ ער האט גהייסן דיא סאלדאטין אז זייא זאלן אריין גיין, ער הט זייא אפ גיגעבן מאטקען צוא זייערע הענד אז זייא זאלין איהם היטין אונ ער האט זייא גיהייסען ווארטין, ער איז אריין גיגאנגען צוא ר' אבעהלען אין צימער:

ווער ביזטו? הט ער איהם גיפרעגט:

ר' אבעהלע איז גווארין בלאס אונ ער הט גצוגין טאדריסלען פאר דר פאלע, מיא דארף איהם פאר שטעקין דיא האנד הט ער גירעט צו איהם שטילער הייט אז ניט בין איך דאך אפאר פאלענער:

טאדריסעל הט דער זעהן אז דער עסק איז שון נישט גוט הט ער פאר שארט צו זיך דיא עמליכע רוביל אונ הט זיך ארום גירוקט:

זאג מיר ווער ביזטו? הט ער איהם נאך אמאל גיפרעגט:

ר' אבעהלען הט גיטרייסילט דיא ציין אין מול, אונ ער הט ניט גקענט רעדין:

איך ווייס שון אליין ווער דוא ביזט, הט זיך דער פריסטאוו אן גרופען

נא אט האב איך דיין פאטאגראפיע ביא מיר, קוק זיך איין ועסטו זעהן אז דאס איז דיין בילד:

אלע וואס זענען דארטן געשטאנען האבן זיך צו געקוקט אויף דעם בילד, דאס איז ער! האבן זייא אלע אויס געשריגען.

איר האט מיך אן געקוקט וואס איך האב דא געוואוסט האט דער פריסטאוו זיך אן גערופן, ערשט זעהט געספראווא, אז איך האב ניט געוואוסט אומזיסט, זיין פאטאגראפיע דעם שיינעם מענטשנס האט מען צו אונז אריין געשיקט פון יאוועלנעצקער גובערניע מיט דרייא חדשים צוריק אז מיא זאל אזעלכן זוכין, אט דאס איז זיינע פאפירין וואס ער האט אלץ געטאהן, ער האט אויף זיך דרייא דיעלעס, פאר אנגבה, אונ פאר אגראביאז, אונ וואס ער איז אנטלאפן פון אסטראג, אז איך האב איהם דא דער זעהן האב איך איהם באלד דער קאנט אן זיין פאטאגראפיע אז דאס איז ער, נאר איך האב ניט געסמייעט צו זאגן, אז איך זעה אז איר האלט אים פאר אזא אגרויסן מענטשן, האב איך אוועק געשיקט נאך דעם בילד אונ איך האב דאס געוואוסט.

ר׳ אבעהלע איז געשטאנען דיא קאפ אראפ געלאזן.

דער פריסטאוו האט געהייסן דיא סאלדאטין אז זיי זאלן איהם נעמען, אונ די אלע וואס זענען געשטאנען האבן געוואלט נאך ר׳ אבעהלען אן ברעכן דיא ביינער, נאר דער פריסטאוו האט נישט דער לאזין ער וועט שוין האבן זיין נאקאזאניע פון סוד, האט ער געזאגט.

ביא ר׳ שלומהלען אין הויז איז געווארן שטיל ר׳ אבעהלען האט מען איין געזעצט אין אסטראג, מאטקען האט מען געשיקט מיטין עטאפ, מאטקעס ווייב איז אוועק געפארין אהיים ווארטין אויף איר מאן, טאדריסעל האט זיך ארום געדרוקט אונ מיא ווייס ניט וואו ער איז אהין געקומען:

HURWITZ
LIBRARY
OF THE
C. R. S.

18.

גרויסע נייעס האט זיך בעוויזין אין דעם טאג.

ביא ר׳ שלומהלען אין הויז זענען זייא דיא נאכט געשלאפן אזוי וויא נאך אחתונה פון דעם טומיל וואס זייא האבן געהאט ביא זיך דעם גאנצן שבת, זייא האבן ניט געהערט וויא דיא נאכט איז ביא זייא איבער געגאנגען.

ר׳ שלומהלע האט זיך אויף געכאפט, עס איז שוין גאנץ שפעט האט ער צוא זיך גערעדט שון באלד ניין אזייגער איך דארף שון גיין צום סלעדאוואטעל, ער האט אויף געוועקט פייגע רחעלען, שטייא אויף, האט ער צו איר געזאגט איך דארף באלד אוועק גיין.

איך האב מיט דיר געוואלט עפעס רעדין, איך וועל גיין זאגין בערקען ער זאל אויף שטעלין דעם סאמאוואר.

פייגע רחעלע הט זיך אן גטאהן.

אונ ער האט געהייסן בערקען ער זאל אויף שטעלין דעם סאמאוואר וואס צום גיבכטן, ער איז אריין געגאנגען צוריק צו פייגע רחעלען.

דוא ווייסט וואס איך האב געוואלט מיט דיר רעדן, איך דארף באלד גיין צום סלעדאוואטעל, וויא זאל איך רעדין אויף ר' מרדכין? צי אז ער איז איין ארענטליכער מאן.

דו ווילסט אז מען זאל איהם שון ארום לאזין? הט זיא זיך אן גרופין, וואס איז ער גיזעסין דרייא פיר וואכין? ער וועט זיך גאר פאר געסין אז ער איז גיזעסין אין אסטראג, ער זאל זיצין אהאלב יאהר אדער איאהר וועט ער גדענקן אז ער זאל בייא זיך ניט זיין גרויס, אז ער וועט אזוי געך ארויס וועט ער אליך מיט אונז ניט וועלין טאהן, דוא דארפסט נאך זעהן אז דיא פינעף בעלי בתים וואס וועלין זיין מיט דיר זאלין אלע זאגין אז ער איז ניט קיין ארענטליכער מאן.

דוא ביזט גירעכט פייגע רחעלע אזוי דארף מען טאקי טאהן, איך וועל זייא אלעמען אן סטרויען אז זייא זאלין זאגין וויא איך וועל זייא הייסין.

דער סאמאוואר איז פארטיג געווארן, בערקע הט זייא דער לאנגט טייא.

איך טרינק אום אגלאז טייא אונ איך נעם זיך שון אן טאהן.

דוא ווייסט פייגע רחעלע אז איך דארף גיין צום סלעדאוואטעל שיין אן גיטאהן מיא האט דאך איהם גזאגט אז איך בין פון דיא שענסטע בעלי בתים.

וועסטו אן טאהן שלומהלע דיא שבתדיקע קליידער.

איך רעכין טאקי אזוי, הט ער גיענטפערט.

אונ ער הט אן גטאהן דיא שבתדיגע קאפאטע אונ ער הט זיך ארום גיגארטלט מיט אברייטין גארטיל, דער נאך הט ער אן גטאהן אויף זיך דעם שבתדיגין פאלטא מיט דעם היטיל.

נעם ארום פון קאמאד פייגע רחעלע דיא גאלדענע פושקע וועל איך אן שיטין טאבאק איך וועל זיא נעמן מיט זיך.

איך וואלט דיר זאגין שלומהלע. אז דו זאלסט דיא גאלדענע פושקע ניט נעמן, אקשיא וואס קען זיך אמאהל מאכין.

דוא רעדסט וויא אנאר, הט ער זיך אנגערופן, וואס קען זיך דאס מאכין לאפיצקי איז דאך דא ניטא אונ דאס איז שון אמעשה פון וויפיל יאהר, מיר דארפין זיך שון דער מיט ניט באהאלטין, מיר האבין פאר קיינעם קיין מורא ניט.

פייגע רחעלע הט איהם דר לאנגט דיא פושקע, ער הט אריין געשאטין טאבאק אונ אריין געלייגט אין קעשינע.

דוא זאלסט דארטין זעהן שלומהלע אז אלע זאלין איהם גוט ארום רעדין פארין סלעדאוואטעל, ווארום פון דעם פריקאזציק ווייסין מיר נאך אויך ניט, צווא זייא האבין אים ארום געטריבין אדער זיי הארט גאר נים דיא בריף, וועט מען דאך

בעדארפין

בעדארפין קלעהרין איין אנדער מיטיל , מעג ער נאך דער וויל זיצין .

דוא מעגסט זיך אויף מיר פאר לאזין , הט ר' שלומהלע זיך אן גרופן אונ ער איז אוועק גגאנגען .

דיא וועלט זאגט אגליך ווארט גיט לייג צו , אונ ניט נעם אראפ . עס איז דא פיל מענטשן ווס זייא זענין אזו פיל פרום אז זייא האבן צו גילייגט צו דיא תרי"ג מצות נאך אמצוה אז עס זאל זיין תרי"ד אונ פון דער פערצעהנטער מצוה האלטין זייא גאנץ שטארק , עס איז אמצוה אן רייבין יענעם אמארדע , עס איז אמצוה אז מיא זאל יענעם אז ברעכין דיא ביינער , אויף יענעם איז אמצוה אז מיא זאל זאגין פאלשע עדות , פון דיא מצות האט ר' שלומהלע אוך געהאלטן :

ביא דעם סלעדאוואטעל זענין שון גשטאנן אין פארער צימער פינף בעלי בתים אונ האבן גיווארט ביז וואנען ער וועט זייא אריין רופין , איינער איז שון אונז בעקאנט אין דער געשיכטע ר' חיים שטיינוואס , ר' וועלוויל זלאטעס , ר' יענקעל חאשעס , ר' אהרן משה מנוחעס , ר' דוד ליב יענטע גרונעס ,

אין דעם איז ר' שלומהלע אריין גקומען אונ ער הט זייא דער זעהן , נאט אייך אשלעפענעש צו אסלעדאוואטעל , הט ער זיך אן גרופען , צו ליב אזו אגאר נישט , דארפין מיר פאר ברענגן צייט , עס איז דאך אזעלכן אמצוה צוא בעגראבין , מיר זאלין אלע זאגין אז ער איז איין מאשעניק , אונ ניט קיין ארענטליכער מאן .

ווס הט איר דער זעהן אן ר' מרדכין הט זיך ר' חיים אן גרופין , וואס איר הייסט אז מען זאל זאגן אז ער איז אמאשעניק איך וויים אז ר' מרדכי הט נאך ביא קיינעם ניט פאר נומען , אונ ער איז אין דערינען ניט שולדיג , מיא הט איהם גמאכט איין אומגליק , פון איין אומגליק איז קיין מענטש נישט בעווארינט .

מיא קען אויף איהם זייער גלייבן , הט ר' שלומהלע גזאגט , אז ער האנדילט שטענדיג מיט פאלשע סחורה , ביא אזעלכין איז אלץ רעכט , ער איז דאך גאר קיין יוד ניט , אגאנצע וואך גייט ער ניט דאוונען , מער ניט וויא שבת , ביא איהם אין שטוב זיצט מען אן היטלען , ער גייט אליין שבת מיט אזאנטיג , צו ליב אזעלכין שטארבן קליינע קינדער אין שטאט .

איר הט רעכט ר' שלומהלע , האבין אלע פיר גיענטפערט מיא טאהר אויף אזעלכין ניט זאגן אז ער איז איין ארענטליכער מאן , וויא איר דער ציילט איז ער דאך גאר קיין יוד ניט :

ער איז נאך ווינציג גיקולעט ? הט זיך ר' חיים שטיינוואס אן גרופן , ווילט איר אים נאך דער קולען אין גאנצין , גוואלד , אז מיא הט נאך עפעס צו רעדין אויף ר' מרדכין , וויפיל ארומע מענטשן האלט ער אוס , וויפיל קאסט איהם אפ דיא גימיינע גימנאזיסטין , איך פאר שטייא דס ניט , איר דארפט זיך אן נעמען פאר גאטטס קריוודע , דס ווס ער טוט אנטקעגן גאט , וועט איהם גאט בעצאלן , אבער אנטקעגין אייך הט ער דאך גאר ניט גיזינדיגט :

אין דיא רייד האט זיך אויף גיעפינט דיא טיר אונ ער איז ארוס גגאנגען דער סלעדאוואטעל אונ הט זייא איבער גיפרעגט מיט דיא נעהמען צו זייא זענין אלע דא , ער הט אריין גירופין דעם ערשטין ר' שלומהלען צו זיך אין זיין צימער , ר' שלומהלע איז אריין גגאנגען .

דער סלעדאוואטעל הט צו גימאכט דיא טיר כדי יענע זאלין ניט הערין ווס ער וועט רעדין, ער הט זיך אנידער גיזעצט נעבן זיין שרייב טיש, ער הט גיבעטן ר' שלומהלען זיצין, ער הט זיך אנידער גיזעצט אוף אשטול נעבן שרייב טיש אנטקעגין סלעדאוואטעל.

ער הט ארוס גנומען דיא גאלדענע פושקע פון קעשענע אונ האט גינומען אשמעק טאבאק אין איין האנד, און אין דער אנדערער האנד האט ער גיהאלטן דיא פושקע.

איר קענט מרדכי פרידמאן, הט איהם דער סלעדאוואטעל גיפרעגט, ער איז עפעס איין ארענטליכער מאן?

איך קען איהם גאנץ גוט, הט ר' שלומהלע גיענטפערט, נאר פאר קיין ארענטליכען מאן קען איך איהם נישט.

ווס איז זיין גישעפט? הט דער סלעדאוואטעל גיפרעגט, אונ ער הט דר זעהן בייא איהם דיא פושקע, דיא שטיינער ווס עס איז געוועהן אוף איהר אום גיזעצט און דיא גאלדענע קוויטין ווס עס איז גוועזן אום גישניצט הט דם איהם גגעבן אשיין אין דיא אויגן, יעדערער דער קאנט זיינם, ער הט איהם גיבעטן ער זאל זיא איהם ווייזין ער וויל זיא אן קוקין:

ר' שלומהלע האט זיא איהם גגעבן ער זאל זעהן וואס פאר איין אנטיקל דם איז.

דער סלעדאוואטעל הט גנומען די פושקע אין האנד, ער הט אוף איהר גגעבין אבליק, וואו האט איר דאס גינומען דיא פושקע? האט ער איהם גיפרעגט, וויא קומט זיא צו אייך?

איך האב שון איהר בייא זיך גאנץ לאנג, האט ער זיך אן גירופען, אונ ער איז גוואריין בלאס אונ האט גירעדט, שון העבער פון זעקס אונ צוואנציג יאהר אז איך האב שון דיא פושקע, דם האט מיר מיין פאטער גגעבין אפריזענט צוא מיין חתונה.

דוא זאגסט ליגין, הט דער סלעדאוואטעל זיך אן גרופין, מיין פאטער לאפיצקי הט גהאלטן דיא פושקע טייער וויא דעם שווארץ אפיל פון אויג, דם הט ער נאך גיהאט איין אנדענקונג פון זיין זיידין, מיט פערצעהן יאהר צוריק הט מען מיין פאטער בעגאנוועט אוף פונפצעהן טוזענט רוביל, איז דיא פושקע אויך גוועזן אין דער גנבה, איך ווייס שון ערשט ווער דו ביזט, איך האב שון דיך דער קאנט, דוא גידענקסט אז דוא האסט גהאלטן דעם שענק בייא מיין פאטער אין ווינאוו, דוא ביסט שון ארעסטירט, איך שיק רופין דעם פריסטאוו אונ איך וועל גיין מיט איהם צוא דיר אוף איין אביסקע, אונ דוא וועסט שון דער ווייל פון דאנען ניט אוועק גיין:

ר' שלומהלע איז גבליבן זיצין, אונ ער הט ניט גיקאנט אוף שטיין פון ארט:

דער סלעדאוואטעל איז ארוס גגאנגען צו דיא בעלי בתים ווס האבן גווארט אז ער זאל זייא אריין רופען, גייט אהיים האט ער צו זייא גזאגט, איך האב יעצט קיין צייט ניט צו פרעגין אייך, איך וועל אייך שון שיקין פאוועסטקעס ווען איר זאלט קומען:

זייא זענין אלע אוועק גיגאנגען , ווער ווייסט וואס ער הט דארטן אן גירעדט , הט ר' חיים שטיינוואס גירעדט צו זיך אוועק גייענדיג , מיא זעהט דאך אז ער איז איהם אשונא ער הט גימוזט גינוג אן רעדין אויף איהם אז מען זאל שון אונז ניט בעדארפין פרעגן :

זייא האבן אופין וועג גייענדיג גיקלערט , וואס קען דאס זיין ? האט ר' אהרן משה מנוהעס גיפרעגט בייא זייא , וואס ר' שלומהלען האט ער גיפרעגט אונ אונז ניט :

וואס פאר שטייט איר דא ניט , הט ר' דוד ליב יענטע גרונעם זיך אן גרופין . דער סלעדאוואטעל האט קיין צייט ניט אונ ער ווייס אז ר' שלומהלע איז דער שענקסטער בעל הבית האט ער איהם ניט גיוואלט נאך אמאל מטריח זיין צוא זיך , איר זעהט דאך אז ער זיצט נאך בייא איהם אין צימער , ווארום אזו אמענטשין לאזט מען ניט אוועק אזו גיך , מן הסתם וויל ער מיט איהם אביסל פאר ברענגען :

דאס איז געווים האבן זייא אלע גיענטפערט :

דער סלעדאוואטעל הט אוועק גישיקט זיין דינער רופין דעם פריסטאוו :

מיר וועלן לאזין ר' שלומהלען גיארעסטירט בייין סלעדאוואטעל אונ מיר וועלן גיין צו ר' חיים שטיינוואס אין הוז , זעהן וואס האט שיינדעלע גיטאן מיט דעם רעוואלווער :

אוף דער נאכט , אז זיא איז אוועק גגאנגען פון בערקען מיטין רעוואלווער אונ מיט דיא פולווער איז זיא גקומען צו זיך אונ הט דם בעהאלטין אין איר קעסטיל , זיא איז צו גגאנגען צו יאזעפס צימער אקוק טאהן צו זיא קען דם שון אונטער ווארפין , זיא הט גזעהן אז דיא טיר איז פאר שלאסן פון אינעווייניג אונ יאזעף שלאפט שון , ערשט קען מען ניט , הט זיא צוא זיך גרעדט , זאל זיין מארגן פריא אז איך גייא ארייין אום קערין דעם נומער וועל איך שון דארטן ערגעץ אריין שפארין .

זיא הט זיך גנומען צו איהר ארבייט וום זיא הט גהאט אין קעך , נאך איין טאג וועל איך דינען , הט זיא גרעדט , איך וועל זעהן אז מארגן זאל זיין פון יאזעפין אסוף מיא זאל איהם איין לאדען אז ער זאל ניט וויסען וואו ער איז אהין גקומען וועל איך שון קענען אוועק גיין פון דאנען אונ אין דיא טעג חתונה האבן , דיא חתונה איז איהר ניט ארוס פון דיא גדאנקען דיא גאנצע נאכט , זיא הט אפ גטאהן איהר ארבעט אונ זיא הט זיך גילייגט אוף איהר גלעגער אונ הט אלין גקלעהרט וום פאר אקלייד זאל זיא זיך מאכן צו דר חופה , אונ וום פאר אדירה זיא וועט זיצען נאך דר חתונה , וויא זיא וועט זיך ניט דארפן באהאלטן פאר קיינם זיא וועט גיין מיט בערקען גארעמט אונטער דיא הענד , אין אזעלכע גדאנקען איז בייא איהר גגאנגען דיא נאכט .

אין דר פריא איז זיא אוף גשטאנען אונ זיא הט זיך ניט גנומען צו קיין ארבעט , זיא איז צו גגאנגען צו איהר קעסטל זיא הט ארוס גנומען דעם רעוואלווער מיא דיא פולווער אז זיא זאל דם האבן בייא זיך גרייט , זיא הט גהאלטן דעם רעוואלווער אין דיא האנד אונ הט איהם בעטראכט וויא אזו מיא שיסט מיט איהם , זיא הט ניט גוואוסט אז ער איז גוועזן איין אן גילאדענער , וויא זיא הט גגעבן

אקוועטש

אקוועטש דיא פריזינע הט געגעבן אקלאפ, אונ אקויל הט איהר גטראפן גלייך אין האלדז, אי! הט זיא אום געשריגן זיא הט געגעבן אפאל: אונ זיא איז פארטיג גיווארן.

ביא ר' חיימען אין הוז האבן זייא אלע נאך געשלאפן אנגעשמאקן שלאף, אונ זייא האבן דעם קלאפ פון רעוואלווער נישט געהערט.

ר' חיים איז אוועק געגאנגען דאוונען אונ פון דאוונען איז ער אוועק געגאנגען צום סלעדאוואטעל:

ר' חיימס פרוי איז אוף געשטאנען אונ זיא הט גיקלונגען צו שיינדעלען אז זיא זאל דר לאנגען וואסער זיא זאל אוף שטעלן דעם סאמאוואר.

זיא הט געזעהן אז זיא קומט ניט, איז זיא געגאנגען אין קעך זעהן וואו איז זיא דם, אז מען קלינגט צו איהר אונ זיא הערט ניט, זיא איז גקומען צום קעך אונ הט נאר איין עפין געטאהן דיא טיר, הט זיא דר זעהן וויא שיינדעלע ליגט אום געצוגן אוף דר ערד אונ ארעוואלווער ליגט נעבן איהר.

געוואלד יודין הט זיא אום געשריגן, ראטעוועט! מיר האבן איין אומגליק שיינדעלע הט זיך געשאסן, מען קען נאך זאגן אז מיר זענן אין דעריגען שולדיג, פון איהר געשרייא זענן אלע געלאפן זעהן וואס עס הט זיך געטראפן.

עס איז געווארין אגעלויף פון גאס אונ פון דיא אורחים וואס זענין דארטן איין גישטאנען, אלע האבן געהייסען ר' חיימס פרוי אז זיא זאל גיין זאגען אין צאסט.

אונ זיא הט אזו געטאהן.

ר' חיים איז געגאנגען פון סלעדאוואטעל הט ער דר זעהן פון וויטין אז עס איז אגעלויף, אונ זיין פרוי איז צו געפארין מיטען פריסטאוו צו זיין הוז, דיא פים האבן זיך איהם געזעצט פון שרעק לופענדיג, ער דאט ניט געוואוסט וואס איבער צו טראכטין:

זאגט מיר וואס הט זיך דא געטראפען? האט ער גיפרעגט אריין לופענדיג אין קארידאר.

איר הט זיך ניט וואס צו שרעקן, הט מען איהם גיענטפערט, אייער דינסט הט זיך אליין געשאסן.

וואס איז דם איהר צו געקומען, הט ר' חיים גרעדט גייענדיג אין קעך, דם איז ניט אנדערש אז זיא הט מיט אימיצין געהאט סעקרעטנע געשעפטן, אדער זיא איז פון זינען אראפ, נאר וויא קומט צו איהר ארעוואלווער? איך בין אין איהר געווען גינארט, איך האב איר געהאלטן פאר אפרומע מיידיל, ער איז אריין געגאנגען איך קעך.

דער פריסטאוו איז געשטאנען אונ הט געזוכט אין איהר קעסטיל, טאמער וועט ער געפינען בריף, מיא זאל וויסען מיט וועמען זיא הט געהאט קאנטשאפט אונ צווא ליב וואס הט זיא זיך געשאסען, ער הט אין קעסטיל גאר ניט געפונען, האט ער גענומען זוכען ביא איר אין דיא קעשענעס פון איהר קלייד וואס זיא איז אין איהר געלעגן אוף דער ערד, האט ער געפונען אבריף ער האט איהם אוף גיעפינט.

עס איז אוף יודיש גשריבן, הט ער זיך אן גרופען, נעמט ר׳ חיים לעזט איבער,
אפשר וועלין מיר זיך עפעס דער וויסען פון דעם בריף :

דיא ליבע לעזער איז שון דר בריף בעקאנט, נאר מיר וועלן דא איהם פאר שטעלין נאך אמאל, ווייל דם איז אונז אונטעריסאנט צו דר געשיכטע :

ר׳ חיים הט גנומען דעם בריף אונ הט איהם אן גהובן צו לעזין ·

מיין טייערע שיינדעלע, איך האב ניט געוואוסט וואס איבער צו טראכטן וואס דו ביזט בייא מיר שון ניט געוועהן פון עטליכע טעג, איך האב דיך גידארפט נייטיג האבן, וועמען שיקען רופען דיך ווייסטו אליין אז איך האב ניט וועמען, אליין גיין צו דיר הט מיר ניט גיפאסט נאכין געשעפט נאך, איך האב גיזעהן אז איך האב קיין עצה ניט וויא אזו איך זאל דיר דער ציילין אוף וואס איך בעדארף דיך, האב איך דיר אלץ אום גשריבען אין אבריף, קיין סאך לערנען דארף מען דיך דאך ניט וועסטו דאך שון פאר שטיין וויא דוא דארפסט שפילען דיא ראליע ·

ליבע שיינדעלע איך בעט דיך אז דו זאלסט אלעם גדענקען וויא איך שרייב דיר דא אום, אוף דיר בעשטייט דם אין גאנצן, אונ ווידער שטייט דר בייא איין גרויסער פאר דינסט, אזו וויא מיין בעל הבית ר׳ שלומהלע וויל זיך אן איינעם נוקם זיין אן אר׳ מרדכי פרידמאן, וואס ער הט אמאגאזין פון גאלד מיט זילבער, די הענד האבן איהם אן גהובן ציטערן האלטענדיג דעם בריף ·

דער פריסטאוו הט איהם אן גיקוקט, וואס זענט איר אזו דר שראקן גווארן ? הט ער איהם גיפרעגט, וואס שטייט דא אין בריף ·

איך האב איהם נאך ניט איבער גילעזן אין גאנצן, הט ר׳ חיים זיך אנגרופן, נאר דא ווייזט זיך ארוס אז דער שלומה פידים דער שענסטער בעל הבית פון שטאט איז אמערדער, ער הט גמאכט דעם אומגליק ר׳ מרדכי פרידמאן, אונ זיא הט גיוואוסט דר פון ·

לעזט ווייטער, הט דר פריסטאוו גזאגט ·

איך בין זייער צו טראגן, הט ר׳ חיים גיענטפערט, אונ הט אן גהובן ווייטער צו לעזין ·

הט ער מיך גבעטן אז איך זאל זיך נעמען דער צו, אונ אונזערע ברידער דארף מען דאך ניט לאזין פאלן, האב איך זיך אונטער גנומען אז איך זאל זיך מיט ר׳ מרדכען אפ רעכענען, פון די פאלשע גאלד מיט דיא זילבער ווייסטו דאך, וואס איך האב דיר אמאל דער ציילט וואס זענין בייא ר׳ שלומהלען דא, האב איך גנומען דיא סחורה, אונ וועל אהער צו פאר פארן, אונ איך וועל גיין מיט דיין בעל הבית צו ר׳ מרדכען קופין גוטע סחורה, וויא אזו איך וועל דם פאר בייטין, אונ נאך דעם זאיאווען אין צאסט אז ער זאל נאך האבן איין אומגליק דר פון, וועל איך שון דיר אליין דער נאך דר ציילין אז איך וועג דם שון פאטערן, נאר איך קען ניט וויסען וויפיל צייט איך וועל דא דארפין שטיין, זאלסטו די צייט זיין מיט מיר פון ווייטין, דו זאלסט זיך צו מיר ניט לאזין דער קאנען, כדי מיא זאל עפעס ניט פאר שטיין, ווארום איך וועל זיך דא אן רופין אוף אפרעמדן נאמען, יאקאב פעלדמאן, דו זאלסט פון מיר ניט אראפ לאזין דיינע אוגין, דו זאלסט מיך היטין פון ווייטין, וויא איך וועל ברענגען דיא סחורה פון ר׳ מרדכען זאלסטו בייא

מיר

מיר באלד צו נעמען פון נומער דיא סחורה אונ אוועק טראגן צו ר׳ שלומהלען, איך בעט דיך שיינדרעלע אז דו זאלסט זעהן דס זאל אפ גיארבעט ווערין וויא צום בעסטן, ווארום איך פארלאז זיך אוף דיר אין גאנצן, פון מיר דיין געליבטער וואס ליעבט דיך מיטין גאנצן לעבן, בערקע פלאם.

ער הט גיענדיגט דעם בריף.

ווער הט דס אייך דאנאסעוועט? הט ער גיפרעגט דעם פריסטאוו, אז מרדכי פרידמאן האנדילט מיט פאלשע סחורה וואס איר זענט גגאנגען צו איהם אוף איין אביסקע.

איך קען דעם מענטשן ניט, האט דער פריסטאוו גיענטפערט, ער האט זיך מער ניט נאר אונטער גשריבן מיט זיין נאמען אוף דער דאנאסעניע, יאקאב פעלדמאן.

איר ווייסט ווער ער איז? הט ר׳ חיים זיך אן גרופין, ער איז שלמה פידים משרת, ער הייסט גאר בערקע פלאהם, דעם טאג איידער איר הט גמאכט דיא אביסקע איז ער איין גשטאנען בייא מיר אין אנומער, אונ איך האב גימיינט אז ער איז אסוחר אזו וויא ער האט זיך פאהר גשטעלט, בין איך מיט איהם גגאנגען איין האנדלען דיא סחורה בייא ר׳ מרדכען, ער איז איהר ליבאוניק, ער הט דס גשריבען צו איהר דעם בריף, וויא זיא זאל זיך אוף פיהרען בשעת ער וועט דאה איין שטיין, זיא זאהל איהם העלפן אז ער וועט ברענגן דיא סחורה פון ר׳ מרדכין, זאל זיא אוועק טראגן צו שלומה פידים.

פאר וואס האט זיא זיך גישאסען וויים מען ניט? האט דער פריסטאוו גיפרעגט.

איר דארפט גיין צום סלעדאוואטעל, הט זיך ר׳ חיים אן גרופן, אונ איהם איבער געבן דעם בריף ערשטענס וועט איר ראטעווען אגעזינד וואס זייא ליידין פאר אומזיסט, ער מוטשעט זיך אין אסטראג, אונ זייא פאר וויינען זייערע יאהרן, אונ זייא האבן ניט קיין טעג אונ קיין נעכט זינט מיא הט איהם גיארעסטירט, אונ ווידער אז איר וועט זיך נעמען דר צו קען זיין אז עס וועט זיך דר גיין צו ליב וואס זיא הט זיך גשאסען.

אין דיא רייד איז אריין גקומען אסאלדאט, מיא איז אייך גוועז רופען צום סלעדאוואטעל, הט ער זיך אן גרופן צום פריסטאוו אונ ער הט גזאגט אז איר זאלט וואס צום גיכסטן קומען צו איהם ער ווארט אוף אייך.

דער פריסטאוו האט גהייסן דעם סאלדאט אז ער זאל אוועק פיהרן שיינדרעלען אוף אפור אין באלניצע. אונ מיא זאל איר דארטן פאלמיסן.

איר דארפט חיים שטיינוואס אוך גיין מיט מיר צום סלעדאוואטעל, איך וועל איהם איבער געבין דעם בריף אונ איר וועט דער ציילען וואס איר ווייסט.

איך גייא מיט אייך, האט ר׳ חיים גיענטפערט אונ זייא זענען אוועק גיגאנגען:

דיא שלעכטע מענטשן זענן פאר פיהרט אין זייער שלעכטעקייט, אז זייא בעטראכטן ניט זייער סוף, וואס אוף יעדער זאך קומט אצייט אונ מיא דר ווייסט זיך פון אלעם אונ מען בעשטראפט זייא נאך זייער פאר דינסט.

ר׳

ר' שלומהלע איז גזעסן אין גיהאקטע וואונדען ביין סלעדאוואטעל גיארעסטירט, פייגע רחעלע איז זיך גזעסן רוהיג זיא הט גאר ניט גיוואוסט אז דער קלאג איז שון פאר איהר פארטיג, בערקע איז גוועהן אין גאס. דאניאלקע איז גזעסן נעבן איהר:

וואס וועט זיין דאניאלקע, האט זיא זיך אן גערופען, מיט וועמען וועסטו לערנען, קיין מלמד האסטו שון ניט, מיא דארף זעהן אמלמד פון דיינעט וועגין.

איך דארף קיין מלמד ניט הט ער גיענטפערט, איך זעה דאך וויא דוא האסט אום גיקליבען ביז אהער מאטקען פאר אמלמד אונ אשיינעם גוטין יוד ער זאל מיך בענטשן.

אין דיא רייד הט זיך אוף גיעפינט דיא טיר, אונ בערקע איז אריין גלאפן פון גאס, דיא אויגין זענען גוועהן ביי איהם פערלאפין מיט בלוט, דיא האר פון קאפ זענען גשטאנען ביי איהם וויא דיא שפיזין פון רציחה. דיא פיענע הט ביי איהם גיזאגט פון מול ער איז ארוף גפאלן אוף דאניאלקען אונ ער הט אים גנומען שטיקין פארין האלדז אונ טרעטין מיט דיא פיס, צו ליב דיר איז מיין שיינדעלע גשאסען גווארן! הט ער גשריגן, דו האסט דם מיך אן געפיהרט, אונ דו האסט מיר ניט גזאגט אז דער רעוואלווער איז גוועזן איין אן גילאדענער, דו וועסט שון ניט ארוס קיין לעבעדיגער פון מיינע הענד, אז שיינדעלע איז גיטייט גווארן צו ליב דיר מוזטו אוך גיטייט ווערן.

ווס איז דם גשעהן בערקע, הט פייגע רחעלע גשריגן, דו ביזט משוגע גווארן אונ זיא הט גריסן דאניאלקען פון זיינע הענד.

סאמעהלע! האט דאניאלקע גשריגען. מיט אפאר שטיקטען קול, ראטעווע מיך.

זיא איז ארוס גלאפן אופין גאס מיט אגעשרייא, גוואלד יודין! ראטעוועט מיך! מיין משרת איז משוגע גווארן, ער דער הארגעט דארטן מיין זון.

זיא הט דר זעהן וויא מענטשן לופן, לופט געבער! האט זיא גשריגן, נאך אמינוט וועט ער מיין זון טייטן, זיא הט גמיינט אז מיא לופט צו ליב איהרע קולות ווס מיא הט דר הערט, זיא הט דר זעהן וויא עס גייט דר סלעדאוואטעל מיטין פריסטאוו, אונ איר שלומהלען פיהרן סאלדאטן אונטער דיא הענד, ער האלט שון דיא קאפ אראפ גלאזן.

אצוקומעניש איז מיר גשעהן! הט זיא אוס גשריגען דער אומגליק יאגט שון אונז! איך האב דיר גזאגט אז דו זאלסט דיא פושקע ניט געמען, אונ זיא הט אן גהובן וויינען:

ווין ניט, הט זיך דר פריסטאוו אן גרופן צו איהר, מיר קענען שון אייך, פריער טוט איר דער נאך הט איר חרטה, נעמט איר אין שטוב אריין, האט ער גזאגט צו דיא סאלדאטן.

בערקע איז גוועזן אין אזא רציחה, דאניאלקע איז גלעגן אוף דער ערד איין דער שטיקטער פון זיינע הענד, אונ ער האט נאך גערישען דיא זאכן אוף איהם, ער האט ניט גיהערט וויא דער פריסטאוו מיטען סלעדאוואטעל זענען אריין גקומען.

וואס

וָואס טוּסְטוּ הָט דֶער פְּרִיסְטַאווּ אִיהְם גִיפְרֶעגְט אוּנ הָט אִיהְם אָן גְנוּמֶען פַאר'ן הַאנְד .

בּערקע הָט דֶער זֶעהְן וִויא דִיא סָאלְדַאטְן הָאבְּן אַרַיין גֶעפִיהְרְט זַיין בעל הבית שלומהלען מִיט פייגע רחעלען אוּנְטֶער דִיא הֶענְד , אוּנ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ גִישְׁפַּארְט אִין טִיר , וָואס מֶען אִיז אָן גְלָאפְּן פוּן גַאס זֶעהְן וָואס פַאר אַשֵּׁיינֶעם גבאי זַייא הָאבְּן גְהַאט אִין שְׁטָאט , עֶס אִיז גְוָוארְן אַגְרוֹסֶער טוּמֶעל פוּן דִיא מֶענְטְשְׁן , דִיא סָאלְדַאטְן הָאבְּן זַייא נִיט גְלָאזְט אַרַיין גֵיין .

און צְוַייא הָאבְּן גְשְׁרִיגֶען , אוּנְז דַארְף מֶען אַרַיין לָאזְן ! מִיר הָאבְּן דָא פְּרַאוָוא צוּ זַיין , מִיר מוּזְן אַהֶער אַרַיין גֵיין , עֶס אִיז אוּנְזֶער מֶערְדֶער וָוס עֶר הָט אוּנְז אוּם גְלִיקְלֶעךְ גֶעמַאכְט .

דָר סְלֶעדָאווַאטֶעל הָט דָר זֶעהְן אַז דָם שְׁפַּארִין זִיךְ איז סאלאמאן , אוּנ שְׁרַייעְט מִיט יאזעפען אַז מֶען זָאל זַייא אַרַיין לָאזְן , הָט עֶר גְהֵייסְן דִיא סָאלְדַאטְן אַז מִיא זָאל זַייא אַרַיין לָאזְן .

דֶער פְּרִיסְטַאווּ הָט גִיקְלַאפְּט מִיטְ'ן פוּס צוּ דאניאלקען עֶר זָאל אוּף שְׁטֵיין , עֶר הָט גְזֶעהְן אַז עֶר הֶערְט נִיט אוּנ שְׁטֵייט אַלְץ נִיט אוּף הָט עֶר זִיךְ אַיין גְבּוֹגֶען אַקוּק טָאן צוּ אִיהְם , הָט עֶר דָר זֶעהְן אַז עֶר אִיז שְׁוַוארְץ וִויא אַגִיוַואנְט אוּנ עֶר אִיז אַדֶער שְׁטִיקְטֶער .

מֶערְדֶער ! הָט שלומהלע מִיט פייגע רחעלען אוּם גְשְׁרִיגְן צוּ בּערקען , וָואס הָאסְטוּ גִיהַארְגֶעט אוּנְזֶער זוּן ! וָוס הָאסְטוּ גִיהַאט צוּ אִיהְם , וָואס הָאט עֶר דִיר גְטָאהְן .

אִיר זָאגְט נָאךְ אוּף מִיר מֶערְדֶער ? הָט זִיךְ בּערקע אָן גְרוּפְן מִיט רציחה , נִיט וֶוער הָט מִיךְ גְמַאכְט פַאר אַמֶערְדֶר וִויא אִיר , אִיר הָט מִיךְ אוּם גְלֶערִינְט גַזְלֶענִין אוּנ גְרַאבְּעוֶוען אִיךְ הָאבּ שׁוֹן נִיט נָוס אָן צוּ וֶוערְן , אִיךְ בִּין שׁוֹן אַפַאר פַאלְעָנֶער , אִיךְ בִּין דָם אַלֵיין וֶוערְט , אַז אִיךְ הָאבּ גְקֶענְט בֶעדַאלִית שְׁטֶעלְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן , אוּנ פַאר לָאזְן זַייא , אוּנ אֶפּ שְׁטֶעלְן זִיךְ בַּייא אַזוֹנֶע פַאלְשֶׁע מֶענְטְשְׁן , אִיר הָט מִיךְ אָן גִירֶעדְט אַז אִיךְ זָאל בַּאגַאנְוֶועֶן לאפיצקען , אִיר הָט מִיךְ גֶעשִׁיקְט אַז אִיךְ זָאל אוּמְגְלִיקְלֶעךְ מַאכְן מרדכי פרידמאן , עֶס לִיגְט נָאךְ בַּייא אַיךְ אִין קַאמָאד זַיינֶע סחורה פַאר נַיין טוֹזֶענְט רוּבִּיל וָוס אִיךְ הָאבּ גְנוּמֶען מִיט מַיינֶע הֶענְד , עֶס אִיז נָאךְ פַאר מִיר וֵוינְצִיג וָוס אִיר הָאט מִיךְ אַזוֹ פִּיהל אַרוּף גֶעפִיהְרְט , הָאט אַייעֶר דאניאלקע נָאךְ מִיךְ אַרוּף גֶעפִיהְרְט , עֶר הָט גְוָואלְט אַז ר׳ מרדכעס מַיידִל זָאל זַיין זַיינֶע אכלה , הָט עֶר מִיךְ אָן גִירֶעדְט אַז אִיךְ זָאל אוּמְגְלִיקְלֶעךְ מַאכְן זַייעֶר פְּרִיקַאזְצִיק וָואס עֶר לִיבְּט זִיךְ מִיט זַייעֶר מַיידִיל , עֶר הָאט מִיר אַלֵיין גְגֶעבְּן אַרֶעוָואלְוֶוער מִיט פּוּלְוֶוער , אִיךְ הָאבּ נִיט גִיוואוּסְט אַז דֶער רֶעוָואלְוֶוער אִיז גְוֶועזְן אַיין אָן גִילַאדֶענֶער , אוּנ אִיךְ הָאבּ גְגֶעבְּן מַיין לִיבָּאווּנִיצֶע שֵׁיינדעלען אַז זִיא זָאל דָם אִיהְם אוּנְטֶער וַוארְפִין .

דִיא פָּאר פָּאלְק זֶענִין גְשְׁטַאנְן דִיא קֶעפּ אַרְאפּ גְלָאזְן אוּנ זַייא הָאבְּן גְשְׁוִויגִין וִויא דִיא וַואנְט .

סאלאמאן אִיז גְשְׁטַאנְן מִיט יאזעפען , דוּ הֶערְסְט אַז מִיא הָט מִיךְ אוּךְ גְוָואלְט אוּמְגְלִיקְלֶעךְ מַאכְעְן , הָט זִיךְ יאזעף אָן גְרוּפְן , עֶר הָאט דָאךְ מַיין פָּאטֶער אוּךְ

אוּמגליקלעך

אומגליקלעך געמאכט, צו ליב איהם הט דאך מיין פאטער עוקר געווען אין דיא וועלט׳ ווער ווייסט צו ער לעבט נאך.

שלומהלע הט אוף גהובן דיא קאפ זעהן ווער עס רעדט דם.

דו מערדער ווס האסטו צו מיין פאטער! הט ער געשריגן! דו ביזט נאך גנאנגען זאגן צו לאפיצקען אז ער הט איהם בעגאנוועט.

גענוג שון פאר גיסן מיין בלוט, האט שלומהלע זיך אן גרופען, איר האט זיך שון גענוג מיט מיין בלוט אן גיקיהלט, איר זעהט דאך שון מיין סוף.

דער סלעדאוואטעל הט גהייסן דעם פריסטאוו אז ער זאל זוכן אין גאנצען הוז, דיא סאלדאטן הט ער גהייסען אז מיא זאל אן טאהן אלע דרייא קייטעלעך אוף דיא הענד אונ אוף דיא פים אונ זאלן גיין צו זאמען גישמידט אוף איין קייט.

סאלאמאן מיט יאזעפען זענען אריין גגאנגען אין דעם צימער וואו דר פריסטאוו הט גיזוכט.

אט איז מיין פאלטאה! הט יאזעף אגעשרייא געטאהן, ווס מען הט בייא מיר גיגאנוועט, עס האט מיך געוואונדערט אז ער הט דער ציילט וויא איך ליב זיך מיט ראזען וויא קומען זייא צו וויסען דער פון, ערשט פאר שטייא איך שון, דער בריף ווס זיא הט צו מיר געשריבן איז גילעגן אין פאלטא.

מיא האט אוף גיעפינט דיא קאמאד איז געלעגן דיא גאנצע סחורה ר׳ מרדכעס.

נעם דיא סחורה, הט זיך דער סלעדאוואטעל אן גרופען צוא סאלאמאנען אונ גייא אהיים, איך וועל באלד ארוס לאזין דיין פאטער, אונ מיא וועט זייא זעצן אוף זיין ארט.

דו זייא דא, הט סאלאמאן גזאגט צו יאזעפען, וועסטו זעהן דעם פאראד וויא מיא וועט זייא פיהרן אין אסטראג, איך וועל מיט דיא סחורה גיין אהיים אן זאגן דער מוטער מיט ראזען, עס קען זיין אז זייא ווייסן נאך דער פון גאר ניט, אונז הט דאך אן גזאגט אין קלייט ר׳ חיים שטיינוואס מיר וואלטן נאך אפשר אויך דער פון ניט גיוואוסט, דו וועסט שון ווארטן געבן אסטראג אוף אונז, איך וועל באלד מיט דער מוטער קומען אהין צו, מיא וועט זייא שון באלד פיהרן, סאלאמאן האט גנומען דיא סחורה אונ איז אוועק גגאנגען.

דער סלעדאוואטעל הט אפ געזוכט דיא גאנצע גאלד מיט דיא זילבער וואס מיא האט זיין פאטער בעגאנוועט, אונ הט גהייסן אז מיא זאל זייא פיהרן אין אסטראג.

דיא גאנצע שטאט זענן נאך גלאפן אז מיא הט זייא געפיהרט, וויא אלע האבן זיך פריהער גיוואונדערט אוף זיין פרומקייט, אזו האבן זיי זיך גיוואונדערט אוף זיין מערדעריי, דר הט געשריגן שלומהלע לאז גריסען אין אסטראג דעם גוטין יוד, אנדערע האבן געשריגן פייגע רהעלע לאז גריסען דארטין מאטקען דעם ישיבה בחור.

בייא ר׳ מרדכען אין הוז איז געווען מלכה מיט ראזען, אונ האבן גיקלעהרט וויפיל עס וועט נאך גדורען ביז וואנען מיא וועט מאכן דיא דאזנאניע אוף איהם, איז אריין גקומען סאלאמאן מיט אפעקיל אונטערן האנד.

דו ווייסט מוטער, האט ער זיך אנגרופן, אז איך האב זיך דר וואוסט אז יאזעף האט אונז טאקי גמאכט דעם אומגליק, איך זאג שון אליין אז מען זאל איהם ארום טרייבן.

וואס רעדסטו סאלאמאן! האט ראזע אוס גשריגן, דו זאלסט דם גלייבן אוף איהם?

שרעק זיך ניט מיין שוועסטער, איך האב דם גזאגט אוף אנגלעכטער, אט האב איך שון אפילו אפ גנומען אונזערע סחורה, וואס מען האט אונז פאר ביטין אוף פאלשע, מיא לאזט באלד ארום אונזער פאטער, איר ווייסט ווער דם האט אונז אלץ גטאהן? דער שיינער ר' שלומהלע, ער האט יאזעפס פאטער אוך אומגליקלעך גמאכט איך וועל שון אייך שפעטער דר ציילן, דו ראזע שטעל זיך אפ צו הוז און דיא מוטער וועט גיין מיט מיר צום אסטראג, יאזעף וועט שון אוך דארטן ווארטן, קום גיכער וועסטו נאך זעהען דיא צדקנית פייגע רחעלען מיט איהר שלומהלען גישמידט.

דאס איז אגוואלד, האט זיך מלכה אנגרופן אוועק גייענדיג מיט סאלאמאנען, וואס עס קען אין דער וועלט פאר לופין, אין דער שטאט וואס האט זיך בעוויזין אין דיא צווייא טעג פאלשקייט, דם איז מיטען גוטין יוד, און מיטען ישיבה בחור, און דם איז מיט שלומהלען עם איז טאקי עפעס אוואונדער, אמענטש זאל זיך אזו פיל פאר שטעלן פאר אפרומען און דיא אלע פאלשקייט מיט דיא מערדערייא וויא גיפינט מען, גאר בייא דיא פרומע:

עס איז אבער דא פי' מענטשן, האט זיך סאלאמאן אן גרופין, וואס זייא זענען פאר פיהרט אין דר פאנאטיזמוס, מיט וועמען פאר שטעלן זיך דיא פאלשע מענטשן מיט דער פאנאטיזמו, קומט איינער צוא פאהרן און ווייזט אפרום פנים, איז ער שון אין ערליכער יוד און מיא רעכענט איהם שון פאר דעם שענסטן בעל הבית אין שטאט, דר קלוגער קיניג שלמה האט גזאגט, צדיק מצרה נחלץ ויבא רשע תחתיו, דר אומשולדיגער וועט פון זיינע ליידין בעפרייעט ווערן און דער וואהרער שולדיגער וועט זיין ארט פאר נעמען.

דער אומשולדיגער ר' מרדכי האט נאך גאר ניט גיוואוסט וואס דיא הילף איז שון אוף איהם גקומען, ער איז גזעסן אין דעם פינסטערן צימער און ער האט זיך ניט געפונען קיין ארט וואו צו לייגן זיך, פון דיא שצורעס וואס זענען איבער איהם ארום גקראכען, ביז וויא לאנג וועל איך זיך נאך אזו מוטשען האט ער צוא זיך גירעדט, זאל שון אוף מיר קומען דער טוט וואלט שון מיר פיל גרינגער גוועזין, איך ווייס אליין ניט פאר וואס זאל דער אומשולדיגער אזו פיל ליידין, פאר וואס זאל דר טוט גיין אין אזעלכע ערטער, צו איינציגע קינדער וואס מיא וויל אים ניט ליידין, און צו מיר וואס איך וואלט אים צו נעמען מיטען גרעסטן פארגעניגען, קען איך זיך ניט דער בעטן, ער איז גזעסן אין דיא טרויערדיגע גידאנקען אז ער האט ניט גיהערט וויא דיא טיר האט זיך אוף גשלאסן.

פאטער! האט סאלאמאן אוס גשריגן, דו ביזט שון פרייא גאט צו דאנקען.

וואס הער איך האט זיך ר' מרדכי אן גרופן, איז דם ניט אחלום?

ניין פאטער דם איז ניט קיין חלום. קום אט שטייט דיא מוטער און יאזעף,

קום

קום וועסטו זעהן אופן הוף דיא מענטשן וואס האבן אונז דם גטאהן וויא זייא שטייען אין קייטן גשמידט ·

ר׳ מרדכי איז ארום גגאנגען פון דעם פינסטערין צימער · זענין זייא איהם ארוף גפאלן אופין האלדז קושין זיך · בייא איהם האט גיגאסען טרערן אזו וויא פון אקוואל ·

וואס ווייניסטו · הט מלכה זיך אן גרופען אדיינק גאט דער פאר · וואס ער הט אונז שון אום גהאלפן ·

וואס רעדסטו מלכה ? איך גלייב זיך נאך אליין ניט אז איך בין פרייא · איך קען מיר דיא טרערן ניט איין האלטן · דער מאן זיך וואס איך האב גהאט אוף זיך · איך בין גלעגן אין דער פינסטער איך האב ניט גהאט פאר זיך דיא שיין · עס איז עפעס אקליינקייט · אז אמענטש הט ניט פאר זיך קיין פרייע לופט ·

קומט אופין הוף הט יאזעף זיך אן גרופן · וועלן מיר נעמען נקמה פון אונזער מערדער · ער הט מיין פאטער אוך אומגליקלעך גמאכט ·

דאס איז אוואדע דער פרומער שלומהלע דער גבאי ? הט ר׳ מרדכי גפרעגט ·

דאס איז ער טאקי האבן זייא גיענטפערט ·

דיא פאר פאלק מיט זייער משרת זענן גשטאנען אופן הוף און קאלדראטין ארום זייא ·

זייא זענען ארום גגאנגען אופן הוף · דו זעהסט פאטער · הט זיך סאלאמאן אן גרופן · און הט אים צו געפיהרט צו שלומהלען · דם איז דר שיינער מענטש דאס איז דיא שיינע יודענע דיא גבאיטע פון שטאט ·

וואס הט איר גיהאט צו מיהר · הט ר׳ מרדכי זיך אן גרופן · וואס האב איך אייך גטאן · וואס איר הט מיין בלוט אזו פיל פאר גאסן · זייא זענן גשטאנן דיא קעפ אראפ גלאזין ·

אנטקעגן אייך האבן מיר אוודאי אומרעכט · האבן זייא גיענטפערט · נאר עס איז שון פאר פאלין ·

דער סטאטריטעל הט גהייסן אז מען זאל זייא אריין פיהרן אין קאמער און טאהן דיא ארעסטאנטסקע קליידער · און מיא הט דיא פאר פאלק מיט דעם משרת אריין געפיהרט · און זייא זענן אוועק גגאנגען מיט ר׳ מרדכען צו הוז מיט פרייד ·

אופן וועג גייענדיג · הט זיך סאלאמאן אנגרופן · פאטער דו ווייסט · אז מען הט געדארפט רופען בלומען פון דר נייטארן · זיא זאל היינט זיין בייא אונז אז זיא הט דער הערט פון אונזער אומגליק איז זיא פון שרעק גלעגן קראנק עטליכע טעג · ערשט אז גאט הט אונז אום גהאלפן זאל זיא זיין בייא דער פרייד וואס מיר האבן · היינט וועט דאך בייא אונז זיין איין לוסטיגער טאג ·

פאר וואס ניט הט ר׳ מרדכי גיענטפערט · מיא דארף איר טאקי רופען · גייא זאג איר אז איך האב איר גבעטן אז זיא זאל קומען צו אונז ·

סאלאמאן איז אוועק גגאנגען צו דער נייטארין ·

בלומע איז גיזעסן · און זיא הט זיך געפלאגט בייא דעם נייען און עס הט איר גיפרייד דם הארץ · וויא מענטשן זענן גקומען פון גאס און מיא הט דר ציילט וואס אין שטאט איז פערלאפין · מיך פרייד זייער הט זיא צו זיך גרעדט · אוף דער ארענטליכער פאמיליע וואס גאט הט זייא אום גהאלפן ·

אך

אך , וויא מיר שרעקט אבער דם הארץ אז איך שטעל זיך פאר ווס עס קען זיין אז ער וועט ענטדעקין פארין פאטער אונ דער פאטער וועט דם איהם ניט דער לאזין , וועט זיין מיין אומגליק אזו גרוס גאר אן אשיעור , וויא שלעכט איז דם , אז עס שטעלט זיך פאר אגרוסער גליק אונ נאך דעם ווערט דער גליק צו גאר נישט פון אלע גרוסע האפענונגען פאלט מען אין טיפען אבגרונד .

ניין איך האב זיך ניט ווס צו שרעקן , ער וועט זיין שבועה ניט ברעכין , ער הט טאקי מיהר צו גשוואורין , ער וועט אבער ניט קענען גיין אנטקעגן דיא עלטערן , אין דיא געדאנקען איז בלומע גזעסן אונ גיקלערט , איז אריין געקומען סאלאמאן .

דו ווייסט , מיין פאטער איז שון פרייא , ער הט גבעטן אז דו זאלסט גיין צו אונז , בייא אונז איז דאך היינט אפרייליכער טאג .

איך האב שון גיהערט , הט בלומע גיענטפערט , מיך פרייד זייער דם הארץ ווס אייער פאטער פאר געסט אן מיר נישט , זיא הט זיך אן גטאהן , אונ זייא זענען אוועק גגאנגען .

ארום גייענדיג פון טיר , סאלאמאן דו האסט שון ענטדעקט דיין פאטער פון אונזער ליבע ? איך וועל שון אפשר ניט דארפין גיין צוריק צו דר נייטארין .

איך וועל ערשט היינט פאר איהם ענטדעקין , הט סאלאמאן זיך אן גרופן , איך פאר האף אז דו וועסט שון צו דר נייטארין ניט גיין .

איך בעט דיך סאלאמאן , אז איך וועל זיין בייא אייך זאלסטו דער פון ניט רעדין , טאמער זאגין דיינע עלטערן דיר אפ , אונ זייא וועלין ניט דער לאזין קען איך דיר גאר ניט פאר שטעלין , וואס עס קען פון מיר אין דער מינוט ווערין , וויא שרעקלעך מיר איז אז איך שטעל זיך פאר אז דם זאל מיך טרעפין .

טרייע בלומע , דו האסט זיך ניט ווס צוא שרעקן , איך האב דיר איין מאל גישוואורן אז מיר וועלין זיך ניט צו שיידין , דוא דארפסט וויסען , אז מיינע עלטרין זענען פאר שטענדיגע מענטשן , אונ זייא וועלן אונז ניט שטערין , זייא רוהיג בלומע האב קיין פארכט ניט , ער הט איהר בערוהיגט , זייא זענען גקומען צו זייער הוז , וויא זייא זענען אריין גגאנגען , איז צו גילאפין ראזע אנטקעגן .

וואס מאכט איר בלומע מיך פרייד זייער וואס איך זעה זיך מיט אייך , קומט זעצט זיך , זיא הט זיך גיזעצט נעבין ראזען , סאלאמאן נעבן יאזעפין מיט זייא איז גיזעסן צו זאממען ר׳ מרדכי מיט זיין פרוי אונ מיא הט דער ציילט ווס אין דיא צוויא טעג הט זיך אלץ גטאהן בייא שלומהלען .

אין דעם איז צו גפארין איין עקיפאז , הט זיך צו גשטעלט נעבן זייער הוז , עפעס אימיצער איז צו אונז גקומען , הט ר׳ מרדכי גזאגט , דיא קלייט איז פאר מאכט אונ מיא דארף האבן סחורה איז מען גקומען אהער .

עס האט זיך אוף גיעפינט דיא טיר אונ עס איז אריין גגאנגען אמענטש פיין גיקליידעט .

ר׳ מרדכי זיצט דא ? הט ער גיפרעגט .

דא זיצט ער , הט ר׳ מרדכי גיענטפערט , דם בין איך אליין .

ר׳ שמואל פיינבערג הט מיר גזאגט אז ער האט אוועק גישיקט מיין זון יאזעפין צו אייך פאר אפריקאזציק .

פאטער

פאטער מיינער ! הט יאזעף אוס גישריגן , צו לופענדיג צו איהם , און איז ארוף געפאלן אויפן האלדז , דוא ביזט מיין פאטער ! איך בין דיין פאטער , מיין טייערער זון , זייא האבן זיך גיקושט און טרערין הט בייא זייא גיגאסן .

דו ווייסט פאטער , דער שלומה ווס הט דיך אומגליקליך גימאכט , איז ער דא היא , מיא האט ביא איהם געפונען לאפיצקעס גנבה , און לאפיצקעס זון איז דא אסלעדאוואטעל .

יאזעפקע דו וועסט מיר שפעטער דער צייליז , הט ער זיך אן גרופען צוא איהם , מיר דארפן גיין זיך דער פרעגן , איך וויים ניט צו דא אין שטאט אדער ארום אין אדארף , הט מען מיר גזאגט אז עס איז דא אחנה דיא ליכטציערקע .

וואס דארפט איר דם צו האבן חנה דער ליכטציערקע ? האט ר׳ מרדכי גיפרעגט .

איך דארף צו איהר האבן , הט ר׳ אברהם זיך אן גרופן , מיינע אטאכטער בלומע האדעוועט זיך בייא איר .

גאט ! האבן זייא אלע אוס גישריגן גיב אונז קרעפטן אריבער טראגן דיא פרייד ווס היינט הט זיך בייא אונז אוף גטאהן .

בלומע איז גיפאלין אין אונמאכט , איז דם ניט אטרום ? הט זיא ארוס גירעט .

בלומע ! הט יאזעף גישריגען , מיר זענין דאך שוועסטער און ברודער , טאכטער מיינע דם איז ניט קיין טרום , איך בין דיין פאטער , זייא האבין זיך אלע דרייא ארום גנומען מיט אזו אליבשאפט אז עס איז פון זייא גווארן אזו וויא איין קערפער , עס איז גאר קיין מענטש ניט אין שטאנד ארום צו שרייבן דיא פרייד ווס איז גוועז בייא ר׳ מרדכין אין הויז .

אין דעם אייגענעם טאג האבן זייא זיך דער וואוסט אז ר׳ מרדכי מיט ר׳ אברהמען זענען ברידער , און ר׳ שמואל פיינבערג איז זייער אפאטער , וויא אזו זייא האבן זיך דער וואוסט וועל איך אין גיכען שרייבין אין איין אנדער געשיכטע אין צווייא טהייל .

איר זאלט ניט רעכענען ליבע לעזער , אז דיא געשיכטע איז אוס גיטראכט פון קאפ , אין רימער פינקס איז דם פאר שריבין גווארן אז אזו אזאך הט זיך גטראפן , ר׳ שלומהלעס הויז הט דיא שטאט צו גנומען , און היינט איז דארטן הכנסת אורחים :

ענדע

LIBRARY
OF THE
J. C. R. S.